STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 01045

IN SHOTN FUN OVER

Jacob Shatzky

Permanent preservation of this book was made possible
by Dr. Asher Bar-Zev & Dr. Haviva D. Langenauer

FUNDING FOR THE CORE COLLECTION OF YIDDISH LITERATURE
WAS MADE POSSIBLE IN PART BY A GRANT FROM THE
DAVID AND BARBARA B. HIRSCHHORN FOUNDATION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

ד״ר יעקב שאצקי

אין שאָטן פון עבר

די הכנסה פון דעם בוך איז באשטימט
פארן הילפס־פאָנד פון פוילישע יידן.

דאָס פּוילישע ייִדנטום

ביכער־סעריע פון דעם צענטראַל־פאַרבאַנד פון פּוילישע ייִדן
אין אַרגענטינע

רעדאַקטאָר: מאַרק טורקאָוו

ביז איצט דערשינען:

1) מאַרק טורקאָוו: מלכה אָנושיאַני דערציילט... (אויספאַרקויפט)
2) ה. ד. נאָמבערג: י. ל. פּרץ (אויספאַרקויפט)
3) וו. גראָסמאַן ־ י. וויערניק: טרעבלינקע (אויספאַרקויפט)
4) פּרץ גראַנאַטשטיין: מיין חרוב שטעטל סאָקאָלאָוו (אויספאַרקויפט)
5) ישראל טאָבאָקסבלאָט: חורבן לאָדזש
6) זרובבל: באַרג חורבן (קאַפּיטלען פּוילן) (אויספאַרקויפט)
7) אלחנן צייטלין: אין אַ ליטעראַרישער שטוב
8) ד״ר ה. שאָשקעס: פּוילן — 1946 (איינדרוקן פון אַ רייזע)
9) ז. סעגאַלאָוויטש: טלאָמאַצקע 13
10) מ. נודעלמאַן: געלעכטער דורך טרערן
11) ד״ר מאיר באַלאַבאַן: די ייִדן־שטאָט לובלין
12) ישראל אפרת: היימלאָזע ייִדן

עס דרוקט זיך און דערשיינט בקרוב:

דוד פלינקער: אַ הויז אויף גזשיבאָוו
ד״ר הלל זיידמאַן: טאָג־בוך פון וואַרשעווער געטאָ.
נח גריס: קינדער־מאַרטיראָלאָגיע
חיים גראַדע: „פּליטים" (פּאָעמעס און לידער)
ש. קאַטשערגינסקי: פּאַרטיזאַנער גייען!... (זכרונות פון ווילנער געטאָ)
פרידע זרובבל: נע־ונד (פאַרצייכנונגען פון אַ פּליטה)
ר. שושנה־קאַהאַן: אין פייער און פלאַמען (טאָג־בוך)

עס גרייט זיך צום דרוק:

נחום סאָקאָלאָוו: פּויליש־ייִדישע פּערזענלעכקייטן
טאַניאַ פוקס: אַ וואַנדערונג דורך אָקופּירטע לענדער
ז. סעגאַלאָוויטש: געברענטע טריט
ד״ר עמנואל רינגעלבלום: צו דער געשיכטע פון ייִדן אין וואַרשע
ד״ר יצחק שיפּער: ייִדן אין אַלטן פּוילן
צפורה קאַצענעלסאָן־נאַכומאָוו: יצחק קאַצענעלסאָן
זלמן וואָסערצוג: יאַנוש קאָרטשאַק
א. ל. שוסהיים: סילועטן און עפּיזאָדן פון גאַליציע
שמואל צעסלער: זאַבלודאָווע — די לעגענדע פון אַ ייִדיש שטעטל

ד״ר יעקב שאצקי

אין שאָטן
פון עבר

ארויסגעגעבן דורכן
צענטראל-פארבאנד פון פוילישע יידן אין ארגענטינע
פארלאגס-לייטונג: א ב ר ה ם מ י ט ל ב ע ר ג
בוענאָס איירעס, 1947

IMPRESO EN LA ARGENTINA
PRINTED IN ARGENTINE
COPYRIGHT BY
Dr. JACOB SHATZKI, N. YORK

Dr. Jacob Shatzki

IN SHOTN FUN OWAR

(A la sombra del pasado)

Buenos Aires, 1947

Hecho el depósito que marca la Ley 11.723
INDUSTRIA ARGENTINA

אינהאלט

זייט

הקדמה — — — — — — — — — — — — — — — — 7
אדאם מיצקעוויטש און די יידן — — — — — — — — — — — 9
די פראנקיסטישע שמד־באוועגונג און די פוילישע געזעלשאפט 30
די דעקאבריסטן און די יידן — — — — — — — — — — — 46
א זעלטענע כאראקטעריסטיק פון דער יידישער שמד־בור־
זשואזיע אין פוילן מיט הונדערט יאָר צוריק — — — 64
דריי הונדערט יאָר „צאינה וראינה" — — — — — — — — — 69
א פראָיעקט צו גרינדן א שולע פאר יידישע בעלי מלאכות
אין ווארשע אין יאָר 1836 — — — — — — — — — — 77
די אמעריקאנער יידן און דער פוילישער אויפשטאנד פון 1863 84
דער קאמף ארום געפלאנטע צייטשריפטן פאר יידן אין
קאָנגרעס־פוילן (1840—1860) — — — — — — — 100
צו דער געשיכטע פון דער יידישער קאָלאָניזאציע אין
קעניגרייך פוילן — — — — — — — — — — — — 128
די עלטסטע געשיכטע פון יידישן טעאטער אין ווארשע — 161
אין דראנג צו טאָטאלער אסימילאציע — — — — — — — — 182

הקדמה

אין דעם דאָזיקן בוך האָב איך צונויפגעזאַמלט אַ טייל פאָרשע־רישע אַרבעטן, וואָס געהערן זיך אָן מיט דער געשיכטע פון יידן אין פוילן. אין משך פון איבער דרייסיק יאָר האָב איך געהאָלפן צעאַקערן דעם דאָזיקן רחבותדיקן היסטאָרישן פעלד. בעת איך האָב צוזאַמען מיט מיינע טייערע חברים, וואָס האָבן זוכה געווען די קדושה פון זייער אַרבעט דערהויבן צו אַן אייגענער קדושה, באַאַרבעטן דאָס דאָזיקע פעלד איז הינטער אונדז געשטאַנען אַ פאָלק, אַ לעבעדיק פאָלק. דאָס דאָזיקע פאָלק איז געווען אַ המשך פון יענע דורות, וואָס האָט הונדערטער יאָרן געקעמפט פאַר ברויט און רעכט און וואָס מיר, היסטאָריקער, האָבן מיט אונדזערע אַרבעטן געשאַפן די היסטאָרישע כלי־זיין פאַר דעם דאָזיקן העראָישן און גרויסן קאַמף.

דער יידישער היסטאָריקער אין פוילן איז געווען דער אַמוניציע־צושטעלער פאַר די קעמפנדיקע רייען פון די יידישע פאָלקס מאַסן. די אַרגומענטן און ראיות וואָס אַ היסטאָריקער האָט אויסגעגראָבן פון די שטויביקע און פינצטערע אַרכיוו־קעלערן האָבן נאָר אין בוך באַ־קומען אַן אַקאַדעמישן תיקון. אין לעבן זענען זיי אויסגענוצט גע־וואָרן אין קאַמף פאַר רעכט אויף דער טריבונע פון פוילישן סיים, אין די רעדעס פון פאָליטישע און נאַציאָנאַלע טוער, אין דער ליידנ־שאַפטלעכער פאָלעמיק אין דער פרעסע.

די דאָזיקע גייסטיקע אַמוניציע איז געוואָרן אַן אָרגאַנישער טייל פון פאָליטישן קאַמף אין פוילן. דער יידישער היסטאָריקער אין פוילן האָט זיך געפילט ווי אַ מיטקעמפער, ווי אַ שותף אין דעם לאַנגן, בלוטיקן און שיינעם קאַמף.

היינט איז דאָס פאָלק מער ניטאָ און זיינע היסטאָרישע אָמוני-ציע-צושטעלער אַוועק אין דער אייביקייט.

דער בלינדער צופאַל האָט נאָר באַשערט מיר צו בלייבן צווישן די, וואָס האָבן דעם דאָזיקן חורבן איבערגעלעבט. פון די לעבעדיקע, צאַפּלדיקע און דינאַמישע קאַפּיטלען יידישע געשיכטע אין פּוילן זענען געבליבן שטומע פאַרדרוקטע בלעטלעך.

אייניקע פון די דאָזיקע בלעטלעך האָב איך דאָ צונויפגעזאַמלט. אין שאָטן פון דורות וועט דער ייד קענען איבערטראַכטן זיין עבר. דאָס בוך איז אַן אָנדענק דעם עבר און אַ ניצוץ פון בטחון פאַרן עתיד.

ד״ר יעקב שאצקי

ניו יאָרק, יאנואר 1947

אדאם מיצקעוויטש און די יידן

1.

עס איז איינע פון די אינטערעסאנטסטע דערשיינונגען אין דער פוילישער ליטעראטור־געשיכטלעכער וועלט: דער קאמף קעגן דער באַהויפּטונג, אַז מיצקעוויטש זאָל זיין פון אַ יידישער אָפּשטאַמונג. אַז מען וויל רעדן וועגן מיצקעוויטשס באַציאונג צו יידן און יידנטום, מוז מען קודם כל אָנרירן און גרינטלעך אַנאַליזירן דאָס פּראָבלעם פון דעם יידישן בלוט אין די אָדערן, אַ פּראָבלעם וואָס האָט שוין נישט איינעם אין פּוילן אויפגערודערט און נישט געלאָזט פּשוט שלאָפן. די פּוילישע וויסנשאַפט איז בנוגע דער פראגע זייער אומטאָלעראַנט, טענדענציעז און באַהאַנדלט די פראגע נישט פון שטאַנדפּונקט פון דעם ריינעם, אָביעקטיוון אמת, נאָר פון אַן ענג נאַציאָנאַלן קוק.

שוין ביי זיין לעבן האָט מען געשריבן וועגן דעם, אַז דער גרויסער דיכטער שטאַמט פון דער מוטערס צד פון יידן.

דעם 26סטן יולי 1838, אַלזאָ צו דער צייט, ווען מיצקעוויטש האָט געוווילט אין פּאַריז און געווען שוין אַן אָנגעֶרקענטער זשעני (ער איז שוין דאַן געווען דער אויטאָר פון דער דראַמאַטישער פּאָעמע „דזשיאַדי”), האָט די „אַלגעמיינע צייטונג דעס יודענטומס” געדרוקט אַ קאָרעספּאָנדענץ פון פּאַריז, אין וועלכער עס ווערט בפירוש געזאָגט וועגן מיצקעוויטשן, אַז „דער גרעסטע דיכטער וועלכן פּאָלען יע געהאַבט אונד פילייכט דער גרעסטע דיכטער אונזערער צייט, דער געהערט אַלס פּראַנקיסט אונזערער נאַציאָן אָן”. די דאָזיקע קאָרעספּאָנדענץ פון

דער יידיש־דייטשער ציטונג איז געווען איבערגעדרוקט אין א גאנצער ריי פון פראנצויזישע צייטונגען, דערונטער אויך אין דער פראנצויזיש־יידישער וואכנשריפט „ארשיוו איזראעליט״, אין וועלכן עס האט געשריבן מיצקעוויטשס אן אינטימער פריינד, דער ייד ארמאנד לעווי.

מיצקעוויטש האט די ידיעה נישט אפגעלייקנט — און ער וואלט דאס געטון, ווען די ידיעה וואלט געווען נישט אמת.

אין א פאר יאר שפעטער האט דער בעלגישער הויפט־ראבינער, דער באוווסטער געלערנטער און ביבליאגראף ד״ר קארמאלי, וועלכער איז געווען זייער גוט באפריינדעט מיט דעם גרויסן פוילישן היסטאריקער און יידן־פריינד יאאכים לעלעוועל, שרייבנדיק וועגן בארימטע פוי־לישע יידן, דערמאנט אויך מיצקעוויטשן, וועגן וועלכן לעלעוועל האט אים אינפארמירט און וועלכער האט זייער גוט געקענט דעם יחוס־בריוו פון דער משפחה מיצקעוויטש.

זייער א וויכטיקן באוויז וועגן מיצקעוויטשס יידישער אפשטאמונג ברענגט איינער א גראף קסאווערי קארטשאק בראניצקי, א גוטער פריינד פון דעם פוילישן דיכטער.

אין יאר 1879 האט דער דאזיקער גראף ארויסגעגעבן אין פויליש א היסטארישע עלעגיע וועגן די גזרות ת״ח, אנגעשריבן דורך דעם רב גבריאל בן ישוע שלאסבערג, אונטער דעם נאמען „שערי ישוע״ (בראמא פאקוטי, פאריז 1879). אין דער הקדמה צו דעם ספר, וועלכע איז אן אפאלאגיע צו די פוילישע יידן, געשריבן דורך א זעלטענעם טיפ פון אן אוהב ישראל, א פוילישן שלאכטשיץ, זאגט דער איבערזעצער אזוי:

> „אדאם מיצקעוויטש, מיט וועלכן איך בין געווען באפריינדעט, פלעגט אפט זאגן: „מיין טאטע איז א מאזור, מיין מאמע מאר־יעווסקא פון משומדים; איך בין אזוי ארום א האלבער פאליאק און א האלבער ייד, און איך בין שטאלץ דערמיט״.

וויטער ברענגט בראניצקי א מיינונג, וואס מיצקעוויטש האט ארויס־געזאגט אין שייכות צו יידן. מען האט גערעדט אמאל וועגן דעם, וואס וועט זיין מיט די יידן, ווען פוילן וועט צוריקגעווינען איר זעלבשטענ־דיקייט. עס איז געווען אין דער אנוועזנהייט פון דעם פוילישן פאעט און

צורר־היהודים גראַף זיגמונט קראַשינסקי. מיצקעוויטש האָט זיך אויס־געדריקט, אַז דער אַמבאַסאַדאָר פון דער פרייער פּוילן אין לאָנדאָן וועט זיין אַ ייד. דאָס האָט אויפגעקאָכט קראַשינסקין. מיצקעוויטש האָט גע־האַלטן, אַז די יידן זענען זייער פעאיקע דיפּלאָמאַטן.

זייער וויכטיקע באַווייזן וועגן דער יידישער אָפּשטאַמונג פון מיצ־קעוויטשס מוטער ברענגט אין זיין טאָגבוך דער פּוילישער דיכטער באָג־דאַן זאַלעסקי, דער גרינדער פון דער אוקריינישער שיטה אין דער פּוי־לישער דיכטונג. אין זיין טאָגבוך געפינען מיר דעם וויטערדיקן נאָטיץ וועגן מיצקעוויטשן:

„29סטער יולי 1855. מיר האָבן גערעדט וועגן ארץ ישראל און די יידן. ער האָט זיך מיט גרויס אינטערעס אויסגעפרעגט וועגן דעם, ווי אַזוי צו פאָרן אין דעם הייליקן לאַנד. מיר האָבן גערעדט וועגן דעם יידישן נאַציאָנאַלן כאַראַקטער, וועגן דער גייסטיקער מיסיע פון די יידן.

אויף דעם צווייטן טאָג האָט מען ווייטער גערעדט וועגן דער יידישער געשיכטע, וועגן דעם גורל און דער צוקונפט פון די יידן. ער רעדט מיט זאַלעסקין במשך פון אַ גאַנצער וואָך נאָר וועגן זאַכן, וואָס האָבן אַ צוזאַמענהאַנג מיט יידן".

דעם 3טן אויגוסט פאַרשרייבט זיך זאַלעסקי אין טאָגבוך:

„מיצקעוויטש דערציילט זייער אינטערעסאַנטע זאַכן וועגן די פראַנקיסטן, מיט וועלכע ער איז דורך זיין מוטער און פרוי געקומען אין באַרירונג. זיי זענען שוין אַלע אַוועק ווייט פון פראַנקן, אָבער זיי האַלטן טיף זיינע נביאות וועגן פּוילן".

און דאָ נאָך אַ באַווייז פון אַ מענטשן וואָס האָט זייער גוט גע־קענט פערזענלעך דעם פּוילישן דיכטער. די באַרימטע פּוילישע פּאָעטן־געליבטע, די צווייטע זשאָרזש זאַנד, שניאַדעצקאַ, וועלכע האָט שפּעטער חתונה געהאַט מיט טשייקאָווסקי, דעם קאָמאַנדיר פון פּוילישן לעגיאָן אין טערקיי בעת דעם קרימער קריג און באַוווסטן פּוילישן ראָמאַן־שרייבער, שרייבט נאָך מיצקעוויטשס טויט צו איר מאַן:

„מיצקעוויטשס ליבע צו ישראל האָט זיך גענומען דערפון, וואָס זיין אָפּשטאַמונג איז געווען אזא, זיין משפחה און זיין פרוים משפחה״.

דאָס זענען באַווייזן, דאָקומענטן, וועלכע זענען געווען באַקאַנט נאָך ביי מיצקעוויטשס לעבן. די השערה פון דער יידישער אָפּשטאַמונג פון מיצקעוויטשס מוטער האָט נישט געלאָזט רוען די פּוילישע ליטעראַ־טור־היסטאָריקער. מען האָט אָנגעוויזן, אז דער דיכטער אליין האָט אין זיין פּאָעמע „דזשאַדי״ מרמז געווען, אז ער שטאַמט פון א „פּרעמדער מוטער״ (ז׳מאַטקי אָבצעי) און מען דאַרף זיך דעריבער נעמען פעסט־שטעלן די דאָזיקע השערות.

איינער א באַקאַנטער ליטעראַטור־היסטאָריקער, איצט פּראָפעסאָר פון דער װאַרשעווער אוניווערזיטעט, טעאָדאָר וויערזשבאָווסקי, אין זיין שטודיע וועגן מיצקעוויטשס אָפּשטאַמונג באַווייזט אויפן סמך פון גרינד־לעכע אויספאָרשונגען, אז מיצקעוויטשס מוטער, מאַיעווסקא, שטאַמט פון א געוויסן יוזעף יעזשי מאַיעווסקי, א פראַנקיסט א משומד, וועלכער איז געווען אַן אַרענדאַר פון דער צאַלקאַמער אין פּאַלאַצק און האָט זיך גע־שמדט, ווייל דער סיים האָט באַשלאָסן צוצונעמען ביי די יידן דאָס רעכט אויף אַרענדירן מלוכה־הכנסות. פון דעם דאָזיקן מאַיעווסקי־משומד שטאַמט די מוטער פון אָדאַם מיצקעוויטש.

מיט א פּאָר חדשים צוריק איז געקומען א פּראָפעסאָר פון פּאָזנער אוניווערסיטעט, סטאַניסלאַוו פיגאַן, און האָט זיך באַמיט צו באַווייזן, אז די גאַנצע השערה איז א לעגענדע, ער גלייבט נישט די אַלע עדות פון מיצקעוויטשס תקופה, נישט דעם פּראָפעסאָר וויערזשבאָווסקי, און האָט זיך אויסגעדריקט, אז דאָס איז א „זשידאָווסקע לעגענדע״. דער שרייבער פון די שורות האָט דאַן פאַרפירט א פּאָלעמיק מיט דעם פּראָפעסאָר, וועל־כער האָט נישט געקענט די אַלע דאָקומענטן און מיט א כוונה א סך געפעלשט אָדער פאַרשוויגן.

אזוי אַרום איז שוין היינט קיין סוד נישט, אז מיצקעוויטשעס מו־טער שטאַמט פון יידן. ס׳בלייבט נאָך צו פאַרענדיקן די שטרייט־פראַגע מיט א יחוס־בריוו פון אָט די מאַיעווסקים. דאָס קען געטון ווערן נאָר

דאמאָלס, ווען ס'וועט זיך איינגעבן צו קריגן פון רוסלאַנד די פּאַפּירן פון דער קליינער שליאכטע פון ליטע — וועלכע ליגן אין פּעטראָגראַד, ארויסגעפירט דורך דער צארישער רעגירונג.

.2

ווי האָט זיך באַצויגן דער גרויסער דיכטער צו יידן און דער יידן־פראגע? דאָס איז אַ זייער אַן אינטערעסאַנטער ענין, נישט נאָר דערפאר ווייל דער דיכטער שטאמט פון יידן, נאָר אויך דערפאר, ווייל דער מחבר פון „פּאַן טאַדעאוש” איז איינשטימיק אנערקענט, נישט נאָר ווי דער גרעס־טער דיכטערישער זשעני פון פּוילן, נאָר אויך ווי די גרעסטע פּערזענ־לעכקייט, דאָס געוויסן, די פאַרקערפּערונג פון דער העכסטער עטיק.

מיצקעוויטש איז דערצויגן געוואָרן אין אַ סביבה, וווּ מיט יידן האָט מען ווילנדיק אָדער נישט ווילנדיק זיך געמוזט טרעפן. ווילנע, ירושלים דליטע, איז געווען די שטאָט, ווו דער דיכטער האָט פארבראַכט זיינע יו־גנט־יאָרן. אין יאָר 1815 איז ער געוואָרן א סטודענט פון ווילנער אוני־ווערסיטעט און דאָרט האָט ער זיך באפריינדט מיט אַ פּאָר יידישע סטו־דענטן, וועלכע האָבן דאָן שטודירט, הויפּטזעכלעך מעדיצין. מיר ווייסן פון צוויי סטודענטן, וועלכע ווערן דערמאָנט אין זיין קאָרעספּאָנדענץ. דאָס זענען געווען: לעווי און ניימאַן — שפּעטער באוווסטע דאָקטוירים. די יידישע סטודענטן, אַ קליין הייפעלע, האָבן געהאט אויסצושטיין גרויסע צרות פון זייערע פּריצישע קאָלעגן, וועלכע האָבן נישט געקענט בשום אופן איינגיין אויף דעם, אז זיי זאָלן זיצן אויף איין באַנק מיט די קינ־דער פון אַ שענקער אָדער סוחר. דער יונגער פּראָפעסאָר לעלעוועל האָט זיך באַמיט די אויפגערייצטע געמיטער צו באַרואיקן און צו לערנען, אז ווויסנשאַפט איז פאר אַלע. מיצקעוויטש האָט נישט געקענט פאַרשטיין די האַלטונג פון זיינע חברים. זייענדיק אַ מיטגליד פון אַ סטודענטן־פאַראיין, וועלכער האָט דאָס ציל איינצופלאַנצן עטישע אָנשויאונגען אין דער יוגנט, האָט מיצקעוויטש אין אַלע זיינע יוגנטלעכע רעפעראַטן אונטערגעשטראָכן די נויטווענדיקייט פון אַ צוזאַמענאַרבעט מיט די יידן — כדי צו האָבן נאָך אַ בייהילף אין קאַמף קעגן רוסלאַנד.

דאָס איז געווען צו יענער צייט, ווען דער אַלטער דור פון דער פּויַ־לישער באַפעלקערונג אין ליטע, דאָס רוב פּריצים, האָבן זיך געוואָרפן אין די אָרעמס פון רוסלאַנד, געווען זייער אַנטיסעמיטיש געשטימט — מיט אַ לייכט האַרץ אָנגענומען רוסישע טיטלען און מעדאַלן און זיך צו־געפּאַסט צו די באַדינגונגען און אין גאַנצן פאַרגעסן וועגן הויכע, נאַ־ציאָנאַלע געדאַנקען. אין ווילנע האָט מיצקעוויטש געלערנט די יידישע מנהגים, דעם יידישן אַרט לעבן און אין אַ בריוו צו אַ פריינד ווערט ער נתפּעל צוקוקנדיק זיך צו דעם פאַרשלאָסענעם, שטרענג טראַדיציאָנעלן לעבן פון די ליטווישע יידן. ער האָט זיך באַפריינדט מיט אַ יידישן דרו־קער, מאַנעס, וועלכער האָט שפּעטער געזעצט דעם ערשטן באַנד פון זיינע באַלאַדן. וועלנדיק דערגיין צום שורש פון יידנטום, האָט זיך מיצקעוויטש געלערנט העברעאיש ביי דעם דאַמאָלס זייער באַוווסטן העברעאיסט, דעם גלח שמעון זשוקאָווסקי, וועלכער האָט געהאַט אַ שם פאַר אַ גוטן קענער פון העברעאיש און וואָס האָט אָנגעשריבן אַ העברעאישע גראַמאַטיק.

אין זיינע רעפעראַטן אין דעם יוגנט־פאַרבאַנד (מען האָט זיי גע־רופן פילאַרעטן, ד"ה די רודפי אמת) דערמאָנט מיצקעוויטש זייער אָפט די יידן. ער פּראָיעקטירט אַרויסצוגעבן מיט קאָלעקטיווע כוחות אַ סטאַ־טיסטיק פון פּוילן, ווו עס זאָל אויך ווערן באַלויכטן די ווירטשאַפטלעכע איינזייטיקייט פון די יידישע מאַסן אין ליטע און פּוילן. דער 17יאָריקער סטודענט רעדט וועגן דער נויטיקייט פון אַ ווירטשאַפטלעכער דיפערענצי־רונג פון די יידן און וועגן גרינדן יידישע לאַנדווירטשאַפטלעכע קאָלאָניעס.

דער דאָזיקער געדאַנק איז שוין צו יענער צייט נישט געווען קיין נייער. אין דער פּוילישער פּובליציסטיק איז ער שוין באַרירט געוואָרן אין די יאָרן 1788—1792, ד"ה אין דער צייט ווען דער אַזוי גערופענער פיר־יעריקער סיים האָט זיך באַשעפטיקט מיט דער יידן־פראַגע. שפּעטער האָט מען אונטער דעם איינפלוס פון די יידיש־דייטשע רעפאָרמאַטאָרן, מיט פרידלענדער בראָש, זיך באַמיט דעם געדאַנק צו רעאַליזירן אין דער צייט פון פירשטנטום אין וואַרשע (1815־1807). עס איז אָבער נישט געווען קיין פּאַסיקע צייט דערצו. מען האָט אויסער דעם געוואָלט באַ־שענקען מיט גלייכבאַרעכטיקונג נאָר אַזעלכע יידן, וועלכע וועלן זיך באַ־

זעצן ווי קאָלאָניסטן. ביי מיצקעוויטשן איז דער געדאַנק נישטאָ; ער זעט אין דעם א ראַציאָנעל מיטל קעגן דעם איבערפלוס פון יידן אין האנדל; דאקעגן די פראגע וועגן רעכט איז ביי אים אַן עטישע פראגע, וועגן וועל־כער ס'קענען נישט זיין קיין צוויי מיינונגען.

אין יאָר 1819, זייענדיק א לערער אין קאָוונע, האָט מיצקעוויטש ווייטער זיך באשעפטיקט מיט דער פראגע. ער שרייבט צו א פריינד, אז אין קיין שום שטאָט האָט ער נישט געזען אזוי פיל ליידיקגייער און לופט־מענטשן ווי אין קאָוונע. „דער דחקות איז דאָ זייער גרוים — שרייבט ער — די יידן שטעלן מיט זיך פאָר מער ווי א העלפט פון דער שטאָטישער באַ־פעלקערונג". די יידן־פראגע איז פאר דעם יונגן לערער א סאָציאַל־עקאָ־נאָמישע פראגע. דאָס באווייזט ווי ערנסט דער יונגער דיכטער האָט זיך באצויגן צו דעם פּראָבלעם אין קעגנזאץ צו א סך עלטערע פון אים פּו־בליציסטן און שרייבער פון יענער תקופה, וועלכע האָבן מיט אנטיסע־מיטישע ארטיקלען געוואָלט לייזן די פארפלאָנטערטע פראגע.

די פראגע גייט אראָפּ פון טאָג־אָרדענונג ביי מיצקעוויטשן, ווען ער איז געווען פארשיקט קיין מאָסקווע און שפּעטער קיין אָדעס. ס'איז גע־ווען א שפּור פון א באקאנטשאפט מיט א יידישער פרוי אין אָדעס. אָבער וויפל דאָס איז אמת און ווי ווייט די דאָזיקע באקאנטשאפט האָט גע־האט א השפעה אויף זיינע מיינונגען וועגן יידן — איז שווער צו זאָגן.

ערשט אין אויסלאנד, אין פאריז, וווהין ער איז אוועק פון רוס־לאנד און זיך צוגעקוקט צום העלדישן קאמף פון זיינע ברידער קעגן רוסלאנד, אין יאָר 1831, האָט זיך מיצקעוויטש אומגעקערט צו סאָציאַלע פּראָבלעמען בכלל און אין פּוילן בפרט און ממילא אויך אָנגערירט די יידן־פראגע.

אין פאריז האָט זיך צונויפגעזאמלט א גרויסע פּוילישע עמיגראַ־ציע, וועלכע איז באשטאנען פון אָפיצירן, סאָלדאטן, פּאָליטיקער און שריי־בער, וואָס האָבן געמוזט פארלאָזן פּוילן נאָך דער מרידה פון יאָר 1831, ווען דער צאר ניקאָלאַי דער ערשטער האָט אין בלוט דערטרונקען דעם פּוילישן אויפשטאנד. צווישן די אנטלאָפענע פון פּוילן זענען געווען א סך יידישע סאָלדאטן און אָפיצירן, ווי לעאָן לובלינער, האָלענדערסקי,

מינסקאוו. עס האָבן זיך געגרינדעט קערפּערשאַפטן פון פאַרשידענע ריכ־טונגען, וועלכע האָבן זיך ליידנשאַפטלעך באַקעמפט. מיצקעוויטש האָט זיך צוגעקוקט צו די מחלוקת אין דער פרעמד און האָט אָנגעשריבן א בוך, וועלכעס האָט געשפּילט א גרויסע ראָלע אין דער אַנטוויקלונג פון פּוילישן פּאָליטישן געדאַנק. דאָס איז דאָס בוך פון דער „פּילגערשאַפט פון פּוילישן פּאָלק", אין וועלכן ס'ווערט אַנטוויקלט דער משיח־געדאַנק אונטער דעם איינפלוס פון דער ביבל און א געוויסן זאַקסישן יידן אַל־ברעכט, וועלכער האָט פּראָפּאַגירט די משיח־אידעע — אַז די יידן האָבן די מיסיע אויסצולייזן די וועלט. מיצקעוויטש ווייזט אָן אויף די ענלעכ־קייטן צווישן יידן און פּאָליאַקן, וועלכע זענען איצט געבליבן אָן א פֿאָ־טערלאַנד און מוזן גיין נע־ונד איבער דער וועלט. די נביאים האָבן גע־פּרעדיקט די אידעע פון א סאָציאַלער גערעכטיקייט, דאָס זעלבע מוזן איצט טון די פּאָליאַקן. דער מחבר באַשולדיקט זיין פאָלק, אַז עס איז געפאַלן, ווייל דער אינסטינקט פון איינגליבע איז געווען גרעסער פון דער ליבע, פון דער גרייטקייט פאַר קרבנות. עס איז געקומען די צייט, ווען דאָס פּוילישע פאָלק מוז אויף זיך נעמען די אידעאַלן פון די נביאים, זיין א ביישפּיל פון סאָציאַלער גערעכטיקייט.

דאָס בוך, געשריבן אין א ביבלישער שפּראַך און פול מיט מעטאַ־פאָרן און משלים, האָט געמאַכט אין זיין צייט א גרויסן רושם. מען האָט געמאַכט מיצקעוויטשן פאָרוואָרפן, אַז ער אידעאַליזירט די יידן. די רעכטע פּרעסע פון דער עמיגראַציע האָט באַקעמפט דאָס בוך ווי א פּראָדוקט פון א מענטשן, וועלכער שטייט אונטער דעם יידישן איינפלוס. די איינציקע ערנסטע באַמערקונגען וועגן דעם בוך זענען געווען מצד די פּוילישע ראַ־דיקאַלן, וועלכע האָבן געשריבן, אַז מיצקעוויטש גיט נישט קיין קלאָרן פּראָגראַם, ער גיט א מיסטיש בילד פון אַן אידעאַלער געזעלשאַפט, רופט צו אַלגעמיינעם שלום, אָבער ווייזט נישט אָן ווי אַזוי דער שלום קען דערגרייכט ווערן. אַלענפאַלס, דער געדאַנק וועגן דער שיקזאַל־קרובה־שאַפט צווישן יידן און פּאָליאַקן איז געבליבן אין מיצקעוויטשס פּאָלי־טישן לעקסיקאָן: ער האָט עס שפּעטער פאַרטיפט און אַנטוויקלט אין זיינע לעקציעס וועגן די סלאַווישע ליטעראַטורן און אין א גאַנצער ריי פּובלי־ציסטישע אַרטיקלען.

אדאם מיצקעוויטש

(לויט אן אלטער צייכענונג
פון לעאָפּאָלד האראוויץ)

אין צוויי יאָר אַרום נאָך דעם ערשטן דערשיינען פון דעם בוך האָט מיצקעוויטש, מאָלנדיק אין אַן עפּישער פאָרעם דאָס אונטערגייענדיקע לעבן פון דער פעאָדאַלער פּוילן, געגעבן אַ בולטן פּאָרטרעט פון אַ פּוילישן יידן, ווי אַזוי ער איז געווען צו יענער צייט אָדער, ריכטיקער געזאָגט, ווי אַזוי ער האָט באַדאַרפט זיין. דער טיפּ פון יאַנקל דעם שענקער און צימבאַליסט אין „פּאַן טאַדעאוש" איז שוין אויספירלעך באַלויכטן געוואָרן אין דער ליטעראַרישער קריטיק. מיר ווייסן שוין היינט דאָקומענטאַריש, אַז יאַנקל איז געמאָלט געווען פון אַן אמתן טיפּ, פון אַ יידן, וועלכער איז געווען אַ שפּיאָן לטובת פּוילן קעגן רוסלאַנד אין יאָר 1812, געשמט ווי אַ מוזיקער אאַז"וו. דער דאָזיקער ייד, וועלכער האָט זיין פּאָטערלאַנד געליבט, ווי עס כאַראַקטעריזירט אים דער דיכטער, איז זיין אידעאַל, דער אידעאַל פון אַ פּאָליאַק פון יידישן גלויבן. דער רעליגיעזער מיצקעוויטש האָט פיינט יידישע אפּיקורסים; ער האָט שטענדיק באַטאָנט און אונטערגעשטראָכן, אַז נאָר ליבע צו תורה, צו גאָט ברענגט צו אַ ליבע פאַר דעם פּאָטערלאַנד. דער דאָזיקער שענקער, דער געניאַלער צימבל־שפּילער, וועלכער באַצויבערט די פּוילישע שליאַכטע מיט זיין שפּילן, וועלכער איז נישט אַ יידעלע — אַ משרת, נאָר אַ רודף שלום, אַ בעל יועץ, אַ פּאָליטיקער, אַ מענטש, וועלכער רעדט שטאָלץ און אַרבעט פאַר פּוילן אומזיסט, און צום סוף, ווי עס זאָגט איינער פון די קריטיקער, זיגמונט קראַמשטשיק, וויל ער אפילו נישט קיין באַלוינונג פאַר זיינע קרבנות, דאָס איז די קינסטלערישע פאַרקערפּערונג פון מיצקעוויטשס אידעאַל. ווען מיר וואָלטן געוואָלט פאַרטייטשן דעם טיפּ אויף אונדזער לשון, וואָלט מען געקענט זאָגן, אַז מיצקעוויטש איז אין „פּאַן טאַדעאוש" אַן אָנהענגער פון אַ פּאָליטישער אסימילאַציע. ער לאָזט דעם יידן דאָס רעכט אויף זיינע מנהגים און זיטן, וועלכע אונטערשיידן אים פון אַנדערע. ער קעמפט אפילו דערפאַר, אַז די אַנדערשקייט זאָל נישט אונטערגיין, אָבער פּאָליטיש חלומט ער וועגן יידן, וועלכע וועלן בעת צרה מיטקעמפן מיט די פּאָליאַקן. דער דאָזיקער טיפּ איז, היסטאָריש גענומען, אַן אויסנאַם. די דאָזיקע באַציאונג מצד דער שליאַכטע צו יאַנקלען איז אַן אויסערגעוויינלעכע. אין כלל נעמענדיק איז דער ייד, דער שענקער, אין צווייטן העלפט פון 18טן יאָרהונדערט און אין אָנהייב פון 19טן יאָר־

הונדערט געווען דאָס סאַמע גערודפטע באַשעפעניש אין פּוילן. דערפאַר קען דאָס בילד נישט גענעראַליזירט ווערן, עס איז מער דעם דיכטערס אידעאַל ווי אַן אַלגעמיינע דערשיינונג, כאָטש ווי איך האָב שוין אָנגעוויזן, איז דער דאָזיקער יאַנקל אָפּגעמאָלט פון דער נאַטור, אַזוי ווי דער זכרון פון אַ 13יאָריקן יינגל האָט אים אויפגעהאַלטן.

דאָס איז בכלל דער איינציקער יידישער טיפּ ביי מיצקעוויטשן. נאָך „פּאַן טאַדעאוש״ איז פאָרגעקומען אַן אינערלעכע קאַטאַסטראָפע ביי מיצקעוויטשן. ער איז געקומען צו דעם געדאַנק, אַז עס איז שוין פאַראיבער די צייט פון געזאַנג — אַז מען דאַרף זיך נעמען צו פּאָליטישער פּראָפּאַגאַנדע, כדי דאָס פאָלק זאָל נישט אַריינפאַלן אין אַ יאוש. די דאָזיקע פּאָליטישע טעטיקייט האָט געטראָגן אַ ריין מיסטישן כאַראַקטער און איז געווען פאַרבונדן מיט אַ רעליגיעזער שיטה, וואָס האָט געהייסן טאָוויאַניזם, אַ ריכטונג געשאַפן דורך אַ מיסטיקער מיטן נאָמען אַנדזשעי טאָוויאַנסקי.

3.

טאָוויאַנסקי האָט געשטאַמט פון ליטע, ער האָט געענדיקט גימנאַזיום אין ווילנע צו דער צייט, ווען מיצקעוויטש איז אָקאָרשט אַריינגעטראָטן ווי אַ שילער. ער האָט זיך באַזעצט אין זיין גוט און איז אין גיכן געוואָרן פּאָפּולער ווי אַ בעל־מופת, האַלב־הייליקער מענטש. „די יידן — שרייבט איינער פון זיינע פריינד — האָבן אים זייער ליב געהאַט, ווייל ער האָט געהאַט גרויס דרך ארץ פאַר זייערע רעליגיעזע געפילן און איז געווען אַ גערעכטער ריכטער״.

נאָך דעם אויפשטאַנד איז טאָוויאַנסקי געקומען קיין פּאַריז. און אין יאָר 1841 האָט ער זיך באַקענט מיט מיצקעוויטשן, וועלכער איז שנעל געוואָרן זיינער אַ תלמיד.

טאָוויאַנסקי, וועלכער האָט זיך אָן צווייפל באַקענט אין פּוילן מיט חסידות, האָט געפּרעדיקט אַן עקסטרעם־אינדיווידואַליסטישע טעאָריע פון פּערזענלעכער רעטונג, דער מענטש קען זיך באַפרייען נאָר דורך תפילה, ס׳זענען דאָ אויסדערוויילטע מענטשן, אויף וועלכע עס איז געפאַלן דער

גורל אויסצוליייזן זייער פאָלק דורך תפילות. עס זענען פאראן אויך אויס־דערווייילטע פעלקער, וועלכע זענען זוכה צו אַט דער מיסיע. דאָס עלטסטע פאָלק, אָדער ווי ער רופט עס אָן מיט זיין מיסטישער טערמינאָלאָגיע — די גייסטיקע משפחה— דאָס איז ישראל, פון ישראל —וועלכער האָט זיך מיט א כוונה באזעצט אין א קאָמפּאַקטער מאסע דווקא אין פוילן— שטאמט ישראל — סלאוויאנער, ווייל פוילן איז משיח פון סלאַווענטום, און דאָס דריטע פאָלק, וואָס טראָגט דעם משיח־געדאנק, דאָס איז דאָס פאָלק פון וואנען עס שטאמט דער אויסלייזער פון אונטערדריקטע פעל־קער, נאַפּאָלעאָן דער דריטער — פראנקרייך.

טאָוויאנסקי לערנט, אז אַט די דריי פעלקער: יידן, פּאָליאקן און פראנצויזן, מוזן שליסן א בונד, וועלכער וועט אויסלייזן די וועלט פון אלע אירע אומגליקן. יידן זענען די טרעגער פון דער אייביקער ליבע צו תורה, א ביישפּיל פון געטריישאפט פאר נאציאָנאלע און רעליגיעזע זיטן. פראנצויזן זענען די, וואָס האָבן נעגעבן די צווייטע שני לוחות, די דע־קלאראציע פון פרייהייט און רעכט פון דעם מענטשן. פּאָליאקן זענען די מארטירער פאר א נאציאָנאלער אידעע, א פאָלק, וועלכער מוז זיך אויסקעמפן דאָס רעכט צו פרייהייט, קעמפנדיק צוערשט פאר דער באַ־פרייאונג פון אלע אונטערדריקטע פעלקער.

טאָוויאנסקיס אידעען, וועלכע זענען געווען אַן אויסדרוק פון א באַדנלאָזער אינטעליגענץ, וועלכע האָט נישט געוווסט וואָס מיט זיך צו טון און האָט זיך נישט געקענט באפרייען פון איר פּריציישער, ריין אינ־דיווידואליסטישער אידעאָלאָגיע — האָבן אויסגענומען ביי א הייפעלע שרייבער, אָפּגעזונדערטע פון די גרויסע עמיגראנטן־מאסן, און צווישן זיי אויך ביי מיצקעוויטשן. מיצקעוויטשן איז געפעלן טאָוויאנסקיס קוק אויף די יידן, ער האָט דאָך אליין אין זיינע לעקציעס וועגן דער סלאווי־שער ליטעראטור און שפּעטער אין די בריוו צו זיין יידישן פריינד, אר־מאַנד לעווי, שטענדיק אָנגעוויזן, אז עס ליגט א גרויסער סוד, א היס־טאָרישע נויטווענדיקייט אין דעם, וואָס אין פוילן האָבן זיך פארזאמלט אזויפיל יידן. ער האָט דאָך געפונען א סך ענלעכקייטן אין דער געשיכטלע־כער אנטוויקלונג פון פוילן און דעם פאָלק ישראל, עס איז געקומען די

צייט פון נביאים, אזוי ווי א מאָל אין יהודה, ווען דאָס פאָלק, פארלירנ־דיק די פאָליטישע זעלבשטענדיקייט, געפינט איר אויסדרוק אין גייס־טיקער ארבעט.

דערצו דארף מען צוגעבן, אז דער פסיכישער צושטאנד פון מיצ־קעוויטשן איז געווען א שווערער, א יאושדיקער — און דאן קען מען פארשטיין, פארוואָס מיצקעוויטש האָט זיך אָנגעשלאָסן אָן טאָוויאנסקין.

מען האָט אָנגעהויבן פירן א לעבהאפטע אגיטאציע צווישן די יידן, אז זיי זאָלן צושטיין צו טאָוויאנסקיס אידעע. עס האָט זיך געפונען אפילו א ייד, ראָם, א ווילנער, וועלכער איז אין נאָוועמבער 1842 אָנגענומען געוואָרען מיט גרויס פאראד אין דעם טאָוויאנסקי־קרייז. ער האָט זיך געשמדט, אָנגעהויבן צו האלטן דרשות אין די שולן, אז עס איז געקומען די שעה פון אויסלייזונג פאר די יידן, וועלכע דארפן זיך פאראייניקן מיט דעם משיח טאָוויאנסקי. ראָם איז אפילו אוועקגעפאָרן קיין ירושלים און האָט דאָרטן געפירט א פראָפאגאנדע — אָבער אָן דערפאָלג. טאָוויאנסקי האָט אויסגענוצט ראָמען, כדי צו באקומען געלט פאר זיך.

אין אויגוסט 1843 האָט טאָוויאנסקי געשיקט צו דעם פאריזער ראָטשילד דורך ראָמען דעם ווייטערדיקן בריוו:

> „גאָט בארופט דעם מענטשן אין די טעג פון זיין רחמנות אויף דעם פארלאָזטן וועג. ווער עס שטייט העכער און איז אין שטאנד צו דערפילן גאָטס געדאנקען, דער איז אָנגעמערקט גע־וואָרן צו פארנעמען א העכערן שטאפל אויף דער ערד. די תורה מאכט פון ישראל א גרויס פאָלק, אָבער דורך ישראלס שולד ווערט דאָס רעכט נישט דערפילט פאר די יידן פון כמה דורות. יעדע אומה, וועלכע איז נידעריקער פון ישראל אין די אויגן פון גאָט, רודפט די יידן אויף דער ערד".

און דעריבער, זאָגט טאָוויאנסקי, מוזן די יידן זיך אויסלייזן אויף ערדיש — ד״ה אָננעמען דאָס קריסטנטום.

דער דאָזיקער בריוו האָט קיין ממשותדיקן רעזולטאַט נישט גע־בראכט. טאָוויאנסקי האָט געשיקט צו ראָטשילדן א צווייטן בריוו (דעם 1טן אָקטאָבער 1847), אָבער דאָס האָט אויך נישט געהאָלפן, ראָטשילדן

איז אויסגעקומען בכלל זייער פּאַרדעכטיק די דאָזיקע מין אידעאָלאָגיע וועגן יידנטום.

און ווען ס'האָט זיך נישט איינגעגעבן מיט ראָטשילדן, האָט ער אָנגעשריבן צו ניקאָלאַי דעם ערשטן, אָנווייזנדיק אַז זיין תורה שליסט אויס יעדן געדאַנק פון אַן אויפשטאַנד.

מיצקעוויטש האָט געגלויבט, אַז יידן וועלן מיטהעלפן טאָוויאַנסקין און הויפּטזעכלעך די פראַנצויזישע יידן. ער איז געווען אין אַ נאָענטער קרובהשאַפט מיט דעם באַוווסטן ראַדיקאַלן פּובליציסט לעאָן פאַשער, אַ ייד, וועלכער איז שפּעטער געווען מיניסטער. אָבער פאַשער, אַ ראַדי־קאַל ,דערצו אַזאַ מין אַסימילאַטאָר, אַז ער האָט נישט געוואָלט הערן וועגן יידן און אַזוי אַרום האָט מיצקעוויטש באַשלאָסן אַליין פירן אַן אַגיטאַ־ציע צווישן די פראַנצויזישע יידן.

תשעה־באָב 1845 איז מיצקעוויטש געקומען אין די גרויסע פּאַרי־זער סינאַגאָגע, כדי צו „טיילן מיט די יידן", ווי ער שרייבט אין אַ בריוו, „זייער טרויער און אומעט". ער איז אַרויף אויפן באַלעמער און האָט געזאָגט, אַז „גאָט האָט זיך מרחם געווען אויף דעם פאָלק ישראל און שיקט אים משיחן, וועלכער וועט זיי ברענגען אין זייער לאַנד". דער רב, דערציילט מיצקעוויטש, איז בייז געוואָרן אויף אים, אַז ער רעדט זיי וועגן ארץ ישראל. פאַר זיי איז תשעה באָב אַ רעליגיעזער מנהג נישט קיין נאַציאָנאַלער. מיצקעוויטשן האָט עס אויפגערודערט. ער האָט גע־זאָגט, אַז די יידן אין פּוילן זענען אַ סך בעסערע פון די פראַנצויזישע, ווייל זיי בענקען באמת צו זייער היים און וואַרטן אויף אַ ישועה פון גלות.

דאָס איז געווען דער ערשטער און לעצטער פּרווו פון דעם דיכטער צו פירן אַ פּראַקטישע אַגיטאַציע פאַר דער טאָוויאַניסטישער לערע.

מיצקעוויטש האָט זיך שפּעטער אָפּגערוקט אין גאַנצן פון טאָוויאַנ־סקין, זעענדיק, אַז ער איז אַ רעאַקציאָנער, וואָס שרייבט בריוו צו ני־קאָלאַיען.

ווען עס איז געקומען די רעוואָלוציע פון יאָר 1848, איז מיצקע־וויטש געפאָרן קיין רוים, כדי צו גרינדן אַ פּוילישן לעגיאָן, וועלכער זאָל קעמפן פאַר דער באַפרייאונג פון איטאַליע. דאָס איז געווען דער צוויי־

טער פרווו אויף דעם פראקטישן וועג דורכצופירן זיין טעאָריע פון א נאציאָנאלער שליחות, מיט וועלכער די געשיכטע האָט באלאסט פוילן, אז זי דארף קעמפן אומעטום, ווו עס קומט פאָר א פרייהייט־קאמף, כדי שפעטער אליין זיין פריי. דאָס איז געווען די מעסיאנישע טעאָריע, וועל־כע ער האָט זייער בולט אויסגעדריקט אין דעם דריטן טייל פון זיין דראַ־מאטישער פאָעמע „דזשיאדי", אין די לעקציעס וועגן די סלאווישע לי־טעראטורן און אויך אין זיין פראָפאגאנדע פאר טאָוויאנסקיס שיטה.

איטאליע איז געווען דאָס לאנד, וועלכעס איז געווען צונויפגעַ־בונדן מיט טויזנטער פעדים פון היסטאָרישע באציאונגען מיט פוילן. דאָרט איז דער פויבסט געווען דער שונא פון א וועלטלעכער איטאליע־נישער מלוכה. מיצקעוויטש האָט זייער שארף באקעמפט די פויבסטלעכע ממשלה. ער האָט אין זיין פראנצויזישער צייטשריפט „טריבין דע פעפל" („די טריבונע פון פעלקער") אָנגעוויזן אויף דער געפאר וואָס דראָט דער יונגער איירָאָפע מצד דעם פויבסט. אין דעם קאמף קעגן דער ממשלה פון דער קירכע האָט מיצקעוויטש געלייגט גרויסע האָפענונגען אויף יידן, וועלכע זענען געווען אין ליבעראלן לאגער. ער האָט זיך זייער אינטערע־סירט מיטן קאמף פון די דייטשע יידן פאר גלייכבארעכטיקונג, געשריבן צו א פריינד אין דרעזדן, ער זאָל אים אויספירלעך באשרייבן, וואָס פאר א ראָלע שפילן די יידן אין קאמף מיט דער מאָנארכיסטישער וועלט. קראַ־שינסקי, א גרויסער אנטיסעמיט און רעאקציאָנער, א פיינט פון סאָציאַ־ליזם און רעוואָלוציע, האָט אין זיין דראמע „ניעבאָסקא קאָמעדיא" („די אומגעטלעכע קאָמעדיע") געגעבן עפּיזאָדישע פיגורן פון יידן, וועלכע נעמען אָן קריסטנטום כדי צו רעגירן איבער דער וועלט. דאָס איז געווען דער ערשטער אָנמערק אין דער ליטעראטור, אז יידן בילדן אן אנאָנימע מלוכה. מיצקעוויטש איז שארף ארויסגעטראָטן קעגן דעם אין זיינע לעק־ציעס וועגן די סלאווישע ליטעראטורן. איצט האָט דער קאמף זיך נאָך מער צעפלאקערט. אין זיין מיליטער־אָפטיילונג, וועלכע איז געווען זייער קליין, איז געווען א היפשער טייל יידן, הויפטזעכלעך פון פוילן. דעם 6טן אויגוסט 1848 האָט מיצקעוויטש לעגיאָן געקעמפט נעבן דעם טייך נארדא. „די יידן, שרייבט דער דיקטער־קאָמאנדיר אין זיין ראפאָרט, האָ־בן זיך אויסגעצייכנט, זיי האָבן פארדינט דעם דרך ארץ און כבוד, וועלכע

א סך פון אונדזערע ברידער האָבן נישט געוואָלט זיי געבן". אין דעם דאָזיקן קאמף האָט דער לעניאָן פארלוירן צוועלף געהרגעטע — פון דעם דריי יידן.

אין זיין מאַניפעסט, וועלכער איז געווען גלייכצייטיק א פּראָגראם פון דער פּוילישער מלוכה אין דער צוקונפט, האָט מיצקעוויטש צווישן אנדערע פּונקטן ארייַנגעשטעלט, אז אין „פּוילן — פרייהייט פאר יעדער אמונה, מנהגים און קירכע; דעם עלטערן ברודער ישראל — כבוד, ברו־דערשאפט, הילף אויף דעם וועג צו זיין אייביקן, ערדישן גליק, גלייכע רעכט מיט אנדערע פעלקער".

דער קאמף פון מיצקעוויטשס לעניאָן, וועלכער האָט געטראָגן מער א דעמאָנסטראַטיוון כאראקטער, ווי א מיליטערישן, האָט ארויסגערופן גרויס התפּעלות אין אלע דעמאָקראַטישע קרייזן פון אייראָפּע בכלל, און ביי יידן בפרט.

ווען מיצקעוויטש איז אָנגעקומען קיין וועראָנא, איז אין דעם זעל־ביקן טאָג פאָרגעקומען א רירנדיקער יום־טוב. מען האָט צעבראָכן די געטאָ־קייטן און דערקלערט די יידן, אז זיי מעגן וווינען אין דער גאנצער שטאָט. מיצקעוויטש האָט אויף דער איינלאַדונג פון דער קהילה געהאלטן א פלאמענדיקע רעדע פאר יידישער גלייכבארעכטיקונג. ער האָט אנטוויי־קלט דעם געדאנק, אז יידן האָבן געהאט א גרויסן איינפלוס אויף דער פּוילישער רעליגיעזער פילאָזאָפיע, אז אין צוויי פעלקער לעבט אמשטארק־סטן דער געפיל פאר פרייהייט, דאָס איז ביי יידן און פּאָליאקן. ער האָט אויסגעדריקט די האָפענונג, אז אין גיכן וועט קומען די שעה פון פּוילנס פרייהייט און די יידן פון דער גאנצער וועלט וועלן מיטהעלפן אין קאמף קעגן רוסלאנד, ווייל דאָרטן שמאכטן אין קנעכטשאפט צוויי מיליאָן יידן.

און די שעה איז געקומען. עס האָט אויסגעבראָכן דער קרימער קריג פון יאָר 1855. מיצקעוויטש האָט איינגעזען, אז איצט איז די פּאסיקסטע צייט דורכצופירן זיין פּראָגראם, ד"ה א קאמף קעגן רוסלאנד צוזאמען מיט טערקיי און פראנקרייך און מיט דער הילף פון יידן.

.4

מיצקעוויטשס פּלאַן איז באַשטאַנען אין דעם, אַז מען זאָל אין טערקיי מאַכן אַ זאַמלפּונקט פון פּוילישע סאָלדאַטן, וועלכע האָבן געקעמפט אין די רעוואָלוציעס פון אונגאַרן, דייטשלאַנד, איטאַליע אאז״וו. די דאָזיקע אָפּטיילונגען וועלן זיך אַריינגנבענען קיין אוקראַינע, אויפהייבן אַן אויפשטאַנד צווישן די פּויערים, דערוועקן דעם נאַציאָנאַלן און סאָציאַלן געפיל פון די אוקראַינער און אויפלעבן די אַמאָליקע קאָזאַצקע טראַדיציעס. מיצקעוויטש האָט געלייגט גרויסע האָפענונגען אויף די יידן. ער האָט געגלויבט, אַז די יידן, וועלכע זענען געווען זייער שטאַרק גערודפט, געמוזט דינען 25 יאָר און זייערע קינדער האָט מען געכאַפּט אין מיליטער, אין די אַזוי־גערופענע קאַנטאָניסטן־קאָמאַנדעס, — אַז זיי וועלן האָבן אַן אַנטי־רוסישע נייגונג אין מיטהעלפן אין דער מלחמה קעגן דעם צאַר. מיצקעוויטש האָט אויך גערעכנט אויף דער הילף פון די פראַנצויזישע און ענגלישע יידן, אַז זיי וועלן באַאיינפלוסן זייערע ברידער אין רוסלאַנד אין דער ריכטונג.

צו יענער צייט איז שוין געווען אַ פּוילישע מיליטער־אָפּטיילונג אין בורגאַס, נישט ווייט פון קאָנסטאַנטינאָפּאָל, אונטער דער קאָמאַנדע פון אַ פּאָליאַק טשאַיקאָווסקי, וועלכער האָט אָנגענומען מאַכמעדאַניזם און זיך אָנגערופן סאַדיק פּאַשאַ. אין זיין אָפּטיילונג איז געווען אַן ערך פון 200 יידן־סאָלדאַטן, הויפּטזעכלעך פון בעסאַראַביע און קרים. אויסער דעם זענען געווען אַ סך אינטעליגענטן, אַזוי למשל, איז געווען אַ ייד אַ דאָקטאָר, קוליש, וועלכער איז גלייכצייטיק געווען אַ פאַרמיטלער צווישן טשאַיקאָווסקין און דער טערקישער רעגירונג. אַלס אַן אַפּטייקער איז געווען אַ ייד פון ליטע, הערמאַן שאַפּיר. צווישן די אָפיצירן זענען אויך געווען יידן, ווי מיכאל האָרענשטיין פון וואַרשע און יעקב ציגעלבוים.

„קיין שלאַכטשיטשעס״, שרייבט איינער פון די יידן־אָפיצירן, „גייען נישט צו אונדז און מען הערט נישט וועגן זיי; די פּריצים זענען איצט ערגער פון די יידן. מיר יידן לויפן איצט זיך שלאָגן און שטאַרבן פאַר פּוילן״.

צו דעם דאָזיקן לעגיאָן איז אַרויסגעפאָרן דעם 11טן סעפּטעמבער

מיצקעוויטש. אין מארסיליע איז צוגעקומען זיינער א פריינד, דער ייד ארמאנד לעווי, איינגעלאדן פון דיכטער ווי אן אגיטאטאָר אין דער אר־בעט. לעווי איז געווען זייער אַן אָנגעזעענע פּערזענלעכקייט אין פראנק־רייך, געהאט א גרויסן איינפלוס צווישן די רייכע יידן, געקעמפט ווי א זשורנאליסט פאר פוילן, און אין זיין צייטונג „די האָפענונג" האָט ער זייער פיל געשריבן וועגן די פוילישע יידן.

דעם 4טן אָקטאָבער איז מיצקעוויטש מיט לעווין אָנגעקומען קיין בורגאס, כדי צו זען דעם פוילישן לעגיאָן און זיך נעמען צו גרינדן א יידישן לעגיאָן.

אָנקוקנדיק דאָס מיליטער אין בורגאס, שרייבט לעווי:

„איך בין גרייט אוועקצוואַרפן די פעדער, זיך נעמען צום שווערד און בלייבן דאָ צווישן זיי, זיך פריש מאכן מיט דעם לעבן אין לאגער".

דאָרט האָט מען זיך צונויפגערעדט וועגן דעם יידישן לעגיאָן, אין וועלכן עס זאָלן אריין די 200 יידן און די פּאָר אָפיצירן פון דעם פוילישן לעגיאָן. „און אזוי ארום", ווי עס האָט זיך מיצקעוויטש אויסגעדריקט צו לעווין, „וועלן די יידן זיך אָפּגעבן אין דינסט פון פרייהייט". מיצ־קעוויטש האָט שפּעטער מאָטיווירט, פאַרוואָס ער וויל א באזונדערן יידישן לעגיאָן. ער האָט נישט געוואָלט שטערן די יידישע מנהגים און גלייכצייטיק — זאָגט ער — וועט עס זיין א פּראָפּאַגאנדע־מיטל פאר די יידן אין דער רוסישער ארמיי, אז זיי זאָלן זיך אָפּגעבן אין געפאנגענשאַפט און אריין אין לעגיאָן.

אויסער דעם — זאָגט מיצקעוויטש — וואָלטן זיך די פּאָליאקן, קעמ־פנדיק צוזאמען מיט די יידן פאר דעם פאָטערלאנד, זיך באפרייט פון זייערע שליאכעצקע אבערגלויבנס און קלאסנהאס בנוגע צו די יידן.

לויט דעם פּראָיעקט וואָס מיצקעוויטש האָט אליין אויסגעארבעט, האָבן געדארפט געגרינדעט ווערן צוויי פּאָלקן צו 1.000 מענטשן אין א פּאָלק.

דעם פּראָיעקט האָבן אונטערגעשריבן דער דיכטער און לעווי. און דער לעצטער איז אוועק צו די אָנגעזעענסטע יידישע כלל־טוערס אין קאָנ־

סטאנטינאָפּאָל, כדי זיי זאָלן אויספועלן א פירמאן (דערלויבעניש) ביי דער טערקישער רעגירונג. די טערקישע רעגירונג האָט דעם פּראָיעקט אָנגענומען מיט גרויס צופרידנקייט און צוגעזאָגט שטיצע. אויסער דעם האָט זיך לעווי צונויפגערעדט מיט די יידן־אָפיצירן פון דער פראנצויזישער ארמיי, וועלכע זענען דעמאָלט געווען אין טערקיי, זיי האָבן אים צוגעזאָגט זיך באמיען צו קריגן א דערלויבעניש, כדי זיך אריבערצוטראָגן אין דעם יידישן לעגיאָן.

אלץ איז געגאנגען גוט און האָט אויפגעוועקט גרויסע האָפענונגען.

„מיר האָבן געזען", שרייבט לעווי אין זיין טאָגבוך, „אז עס קומט אָן דער טאָג פון פרייהייט, ווען עס וועט פלאטערן די פאָן פון די מאקאבייער. מיצקעוויטש, מלא שמחה, האָט געזאָגט צו מיר: אויב אריינמארשירנדיק קיין פוילן וועט זיך אונדז איינגעבן מיט אונדזער יידישן פאָלק צוציען יידן כאָטש פון איין שול, דאן וועלן די פויערים נישט האָבן קיין ספק, אז די זאך וועט האָבן דערפאָלג, ווייל זיי ווייסן, אז דער ייד וועט נישט גיין דאָרט, ווו עס איז נישטאָ קיין האָפענונג אויף דערפאָלג. און אזוי ארום וועלן מיר ווי א לאווע־שטראָם פליען פון איין שול אין דער אנדערער, פון איין דאָרף אין דעם אנדערן, ביז מיר וועלן צוקומען אין טיף־פוילן".

אזוי האָט זיך פאָרגעשטעלט דער ראָמאנטיקער מיצקעוויטש די פּראקטישע דורכפירונג פון אויפשטאנד מיט דער הילף פון יידישן לעגיאָן.

דערווייל האָט מען געדארפט א טראכט טון וועגן געלט פאר דעם יידישן לעגיאָן. די טערקישע רעגירונג האָט צוגעזאָגט געוווער און מונדירן; דאקעגן האָט זי געפאָדערט, אז די קהילות זאָלן געבן געלט אויף צו צאָלן די סאָלדאטן.

אין קאָנסטאנטינאָפּאָל האָט זיך געפונען ראָטשילד, מאָנטעפיאָרעס א שוואָגער, מכוח אן הלוואה פאר טערקיי. מיצקעוויטש האָט זיך מיט אים געזען. דער געדאנק צו גרינדן א לעגיאָן קעגן רוסלאנד איז אים זייער געפעלן. ער האָט אויסגעדריקט זיין ווונטש צו גרינדן אויף אייגענע געלט א פאָלק קאוואלעריע. עס האָט זיך אויך איינגעגעבן מיצקעוויטשן צו

פאַראינטערעסירן מיט דעם פּראָיעקט די פראַנצויזישע רעגירונג, וועלכע האָט צוגעזאָגט שטיצע.

לעווי איז נעגאַנגען פון שול צו שול אין קאָנסטאַנטינאָפּאָל, גע־האַלטן דרשות און אַגיטירט, אַז די רייכע יידן זאָלן געבן געלט און האָט קאָנפערירט מיט דעם ספרדישן ראש־הקהל.

מיצקעוויטש האָט געשריבן צו סאַדיק פּאַשאַ, אַז איצט איז די צייט פון דער יידן־פראַגע. דער קריג מוז די דאָזיקע פראַגע לייזן, און האָט אים געהייסן צו איינהאַלטן זיין „שליאַכעצקן טעמפּעראַמענט", ד"ה, ער זאָל זיך בעסער באַגיין מיט די יידן, ווייל עס קומען אָן קלאַגעס קעגן אים.

מיצקעוויטש איז געווען דער הויפּטצענטער פון דער גאַנצער אַר־בעט. ער האָט געהאַט די געלעגנהייט צום צווייטן מאָל דורכצופירן זיינע פּאָליטישע חלומות. דער יידישער לעגיאָן איז געוואָרן דער איינציקער נעדאַנק פון זיין לעבן.

אין מיטן דער אַרבעט איז ער געשטאָרבן. ער האָט זיך אָנגעשטעקט מיט כאָלערע און איז דעם 26סטן נאָוועמבער 1855 געשטאָרבן אין קאָנסטאַנטינאָפּאָל.

די אַגיטאַציע האָט מען ווייטער געפירט. דער לעגיאָן איז געוואַקסן אין צאָל, אָבער דער שלום האָט צעשטערט די גאַנצע אַרבעט און די יידי־שע סאָלדאַטן האָבן נישט געהאַט קיין געלעגנהייט אפילו צו זיין אין אַ שלאַכט. אַזוי האָט זיך געענדיקט מיצקעוויטשס ראָמאַנטישער פּלאַן אַריינ־צופירן די יידן אין אַ קאַמף פאַר דער באַפרייאונג פון פּוילן.

מיצקעוויטש איז געווען מער ראָמאַנטיקער ווי פּראַקטישער פּאָ־ליטיקער. ער האָט געקוקט אויף דער יידן־פראַגע ווי אויף אַן עטישער פּראָבלעם.

אליין זייער רעליגיעז, האָט ער געגלויבט, אַז די יידן קען מען גע־ווינען נאָר דורך טאָלעראַנץ צו זייער גלויבן און מנהגים. ער האָט גע־קוקט אויף די יידן דורך די אויגן פון דער ביבל און נישט פון דערווירקלעכקייט. אַזוי ווי די גאַנצע ליבעראַלע געזעלשאַפט, נישט נאָר די

פוילישע, נאָר אויך די יידישע, האָט צו יענער צייט געזען די לייזונג פון דער יידנפראגע אין דער אסימילאציע, אז די יידן אין פוילן זאָלן ווערן „פּאָליאקן פון יידישן גלויבן״. ער האָט אָבער געהאַלטן, אז די יידן וועלן אריינברענגען א סך אידעאליזם אין פוילישן פאָלק־כאראקטער. „נישט אומזיסט״, האָט געשריבן מיצקעוויטש, „האָט דאָס פאָלק אויסגעקליבן פוילן פאר זיין פאָטערלאנד. דאָס גייסטרייכע יידישע פאָלק קען זיך דורכ־דרינגען מיט דעם אידעאלן, וואָס די מענטשהייט פארמאָגט. נאָר לעת עתה איז עס איינגעהאלטן געוואָרן אויף דעם וועג צום פראָגרעס און נישט זעענדיק אין ערגיץ קיין סוף צו די צרות, האָט דאָס יידישע פאָלק פארלוירן זיינע גייסטיקע כוחות אויף די ערדישע וועגן און איז באנאל געוואָרן. נאָר פונדעסטוועגן האָט עס קיינמאָל נישט אויפגעהערט צו ווארטן אויף משיחן״.

„דאָס יידנטום קען זיך אָדער אנטזאָגן פון יידישקייט אָדער זיך דערווארטן, אז זיין האָפענונג זאָל מקוים ווערן — נאָר עס וועט קיינמאָל נישט קענען זיך צובינדן צו דער ערד און נעבן דער ערד״.

דאָס איז דער קוק אויף יידן. „ סוב ספעציע עטערניטאַטיס״ (דורכן קוק פון דער אייביקייט), — א באציאונג וועלכע זעלטן ווער עס האָט געהאט אין דער פוילישער ליטעראטור און פילאָזאָפיע בנוגע צו יידן. אויב מען וועט זוכן א פאראלעל, איז דאָ אן ענלעכקייט צו דעם שטאנד־פונקט פון וולאדימיר סאָלאָוויעוו, דעם רוסישן מיסטיקער.

מיצקעוויטש איז געווען א מעטעאָר, א זעלטענע דערשיינונג אין דער געשיכטע, נישט נאָר פון דער פוילישער ליטעראטור, נאָר אויך פון דעם פוילישן פּאָליטישן געדאנק. ער איז געווען דער דיכטערישער איקאר, וואָס האָט צעשמעטערט זיינע פליגלען אין פראקטישן לעבן.

דער העכסטער ציל — אלגעמיינע ליבע, דער פארנעם אין דעם אויסמאָס פון אייביקייט, פון טיפע, לאנג־דורותדיקע עטישע פרינציפּן, די בענקשאפט נאָך אן איידעלערער וועלט — האָט ער זיך פארקוקט אויף

אין שאָטן פון עבר

די יידישע נביאים און פון יענעם קוואל, פון ביבלישן מקור, האָט ער געשעפּט.

מיצקעוויטש איז דער העברעאישער נביא אין דער פּוילישער ליי־טעראַטור.

(„די צוקונפט", פעברואַר 1923)

די פראַנקיסטישע שמד-באַוועגונג און די פּוילישע געזעלשאַפט

.1

דער פראַנקיזם איז נישט דער ערשטער פאַל פון א מאַסן־שמד אין דער געשיכטע פון די יידן אין פּוילן. קאָלעקטיווע שמד־פאַקטן זענען פאָרגעקומען זייער אָפט פאַר יעקב פראַנקס טעטיקייט. עס איז געווען א צייט ווען, צום ביישפּיל, א מיסיאָנער עזדראַש, א זון פון א האַמבורגער פּאַסטאָר (געלעבט 1707־1629), האָט זיך איינגעגעבן אין א פּאָר צענד־ליק יאָר צו שמדן א פּאָר טויזנט יידן אין פּוילן און אין ליטע.

„דאָס שמדן", זאָגט א היסטאָריקער פון דער מיסיאָן־באַוועגונג, דעלאַרוא, „איז געגאַנגען אזוי שנעל, אז עס האָט פשוט פאַרפעלט לערער פאַר די ערב־משומדים און עזדראַש האָט זיי געמוזט שיקן אין אַנדערע געגנטן, ווו די מיסיאָנערן האָבן נישט געהאַט אזוי פיל אַרבעט".

און נאָך פאַר יעקב פראַנקס טעטיקייט אַרבעטן אין פּוילן זייער היים און מיט א רעזולטאַט א פּאָר משומדים־מיסיאָנערן ווי ווידסאָן, מאַניטוס, שילץ, בענעוויץ און אַנדערע.

„עס איז געווען צו יענער צייט", זאָגט דער זעלבער היסטאָריקער, „ווען די יידישע געמיטער אין פּוילן זענען געשטאַנען אונטערן איינפלוס פון דער שבתי צבי באַוועגונג און די חסידים האָבן געווונען צאָלרייכע אָנהענגער. די דערשיינונג פון די מיסיאָנערן אין זייער סביבה, מיט נייע רעליגיעזע פראַגן, האָט אויפגערעגט די מאַסן און מען האָט ביסלעכווייז געפונען א וועג צו זיי".

אין יאָר 1725 האָט זיך א גרופּע פּוילישע יידן געווענדט צו א פּוילישן שליאכטשיץ מיט א בקשה, ער זאָל זיי ווייזן דעם וועג צום קריס־טנטום. דער דאָזיקער שליאכטשיץ האָט זיך געווענדט צום מיסיאָנער לעאָפּאָלד עמאַנועל יעקב צעדארט, א משומד, און יענער האָט זיך פאַר־גומען מיט די דאָזיקע יעזוס־זוכער.

אין דער זעלבער צייט פירט אין פּוילן אַן ענערגישע מיסיאָן־אַר־בעט אין פּראָטעסטאַנטישן גייסט דער משומד קירכהאָף, אליין א פּויז־נער ייד.

דער מיסיאָן־אינסטיטוט אין האַללע, געגרינדעט אין 17טן יאָרהונ־דערט, האָט זייער פיל געטון פאַר דער פּראָפּאַגאַנדע פון פּראָטעסטאַנ־טיזם צווישן די פּויליש־ליטווישע יידן. אפילו די פּויליש־קאַטוילישע גייסט־לעכע האָבן געשטיצט דעם דאָזיקן פּראָטעסטאַנטישן אינסטיטוט — ווייל זיי האָבן געהאַט א פּרינציפּ, אַז בעסער צו האָבן א ייד א פּראָטעסטאַנט איידער א... ייד.

„אין פּוילן", שרייבט איינער פון די מיסיאָנערן, „און באַזונדערס אין ווארשע האָבן פיל רוימישע הויך־געשטעלטע גלחים זייער פריינטלעך פאַרקערט מיט די מיסיאָנערן און אנערקענט זייער ארבעט אלס זייער וויכטיק".

צווישן די דאָזיקע מיסיאָנערן, וועלכע ווערן געריממט פאַר זייער „פרוכטבארער" טעטיקייט, ווערט אָפּט דערמאָנט משה פּראַגער, נאָכן שמד יאָהאנעס, קריסט ליב היילקראנער, א קראָקעווער ייד.

נישט נאָר משומדים־מיסיאָנערן, וועלכע האָבן געקענט דאָס יידישע לעבן און באַהערשט פולקאָם העברעאיש און יידיש — נאָר אפילו עכט־קאַטוילישע מיסיאָנערן האָט זיך איינגעגעבן א סך יידן צו שמדן. אין ווילנע, למשל, האָט א גלח, טורצינאַוויטש (געשטאָרבן אין יאָר 1773), געגרינדעט א פּרויען־קלויסטער אונטער דעם נאָמען מאַריאַוויטקי (פון דער הייליקער מאַריע) ספּעציעל פאַר שמדן יידישע מיידלעך, ווייל ער האָט געהאַלטן, אַז אַ יידישע טאָכטער איז גרינגער אָראָפּצופירן פון יידישן וועג ווי א יידן. די דאָזיקע מאַריאַוויטקעס האָבן געאַרבעט אזוי שטאַרק, אַז עס האָט זיך זיי איינגעגעבן אין משך פון כמעט 80 יאָר (פון יאָר 1737 ביז 1820) צו שמדן צוויי טויזנט מיידלעך.

די דאָזיקע שמדן האָבן אָפּגעקאָסט אַן אוצר מיט געלט. מ׳פּלעגט די מיידלעך באַזאָרגן מיט ארבעט, חתונה מאַכן מיט גויים, זייער אָפט מיט פּריצים, וועלכע האָבן געזען אין דעם אַ גרויסע מצוה.

דער ייִדישער משומד איז אַריין אין דער פּוילישער משפּחה. ער האָט זיך מיט דער צייט דערוואָרבן נישט נאָר אַ גוטע עקאָנאָמישע שטע־לע, נאָר אויך אַ סאָציאַלע פּאָזיציע אַ דאַנק דעם, וואָס מען האָט אים געאַדלט. פון אברהם יעזאָפּאָוויטש ציט זיך אין דער געשיכטע פון דעם פּוילישן אַדל אַ גענוג לאַנגער שנור פון האַלב־ייִדישן אַדל, פון געוועזענע סוחרים, מעקלערס און פּראָצענטניקעס, וועלכע האָבן זיך מיט דער צייט אַזוי געענדערט, אַז מען האָט שפּעטער שוין נישט געקענט אונטער־שיידן אַ פּריש־געבאַקענעם משומד־שליאַכטשיץ פון אַ דורות־לאַנגן, אמתן פּוילישן יחסן.

מען קען פעסטשטעלן, אַז די שמד־באַוועגונג פאַר יעקב פראַנק האָט נעהאַט טרויעריקערע פאָלגן פאַר ייִדן, אַז זי האָט אַוועקגענומען אַ סך מער ייִדישע נפשות ווי די פראַנקיסטישע באַוועגונג אין איר גאַנצער גע־שיכטע־אַנטוויקלונג. אָבער די דאָזיקע באַוועגונג האָט געטראָגן גאָר אַן אַנדער כאַראַקטער. זי איז געווען אַ ריין מיסיאָנערישע, אַ ביסלעכווייזדי־קע, נעפירט דורך מענטשן, פאַר וועלכע דאָס איז געווען אַ פּראָפעסיע.

דאָס איז נישט געווען קיין אידעאָלאָגישע באַוועגונג, פאַר וועלכע יעקב פראַנק האָט געוואָלט זיין באַוועגונג מאַכן. דאָרט איז נישט געווען קיין פּאָליטישע אָדער נאַציאָנאַלע פּראָגראַם. דאָרט האָט מען געאַרבעט לשם קריסטנטום, — איבערצייגט, מער אָדער ווינציקער, אין דער הייליקייט פון דער ארבעט. אויך האָט די שמד־באַוועגונג פאַר יעקב פראַנק נישט געטראָגן אַזאַ אָרגאַניזירטן כאַראַקטער, נישט געהאַט קיין הויפּט, קיין רעפּרעזענטאַנט, קיין אָנפירער, אַזוי ווי יעקב פראַנק. און דערפאַר איז יענע מיסיאָנערן־ארבעט אריבער אָן אַן איינדרוק, כאָטש זי האָט גע־בראַכט מער שאָדן ווי פראַנקס ארבעט.

און דערפאַר איז שווער צו באַמערקן אין דער פאַר־פראַנקיסטישער באַוועגונג. אַ מאַסן־אַרויסטריט, אויב מיר וועלן נישט צורעכענען צו זיי די אָפטע גרופּן־שמד פון אַ פּאָר צענדליק מענטשן.

ווען עס הייבט זיך אָן פראַנקס טעטיקייט, האָט שוין פּוילן געהאַט

יעקב פראנק

(לויט אן אלטער צייכענונג)

א סך נחת נישט פון איינעם פון די אַמאָליקע יידן. זיי האָבן איצט מיט אַן עכט פוילישן טעמפּעראַמענט זיך געכאַפּט צום שווערדל, געשוווירן אויף דעם „הערב" (אדל חתימה) און געשאָלטן די יידן נישט ערגער פון די אַלטע אדל־לייט און דערוויזן מיט זיך אַמבולטסטן, אַז דער ייד איז אַן אידעאַלער מאַטעריאַל פאַר אַ פּאָליאַק — אויב ער ווערט אַ קאַ־טאָליק און איז אַן אַנטיסעמיט.

געהיט האָט דאָס פריווילעגירטע שמד־יידנטום זייערע רעכטן ווי דאָס אויג אין קאָפּ, כאָטש מתעסק זיין פלעגן זיי נאָך דערוויייל צווישן זיך, נישט פאַרדינענדיק נאָך איננאַנצן אַריינצוגיין אין די אַרישע אדל־משפּחה — האָבן זיי געציטערט פאַר זייערע אדל־חתימות און געווען די ערשטע אין פוילישן סיים צו באַקעמפן דאָס רעכט צו אַדלען אַ משומד.

זיי האָבן אַליין מורא געהאַט, אַז עס זאָל חס וחלילה די צאָל פון די „גליקלעכע" נעבעכדיקע מעקלערס און אַרענדאַרן נישט גרעסער ווערן. זיי האָבן מיט אַ גוואַלדיקער פלייסיקייט און פייער געשיצט די... ריינקייט פון דער פוילישער שליאַכטע.

און זיי זענען טאַקע געווען די ערשטע, וועלכע האָבן באַקעמפט פראַנקן און זיינע שטרעבונגען צו באַקומען אדל־טיטולן פאַר זיך און פאַר זיינע חסידים. עס איז געווען דערפאַר, וואָס די דאָזיקע סעמיטישע שליאַכטע האָט זיך מיט גאָרנישט אויסגעצייכנט. פּשוטע גראָבע יונגען, וועלכע האָבן געמאַכט געלט, אָן אַ יידישער טראַדיציע און אָן אַ גייסטיקן אינטערעס, האָבן זיי זיך אויף קיין שום געביט פון קולטורעלן אָדער פּאָ־ליטישן לעבן אין פּוילן נישט אויסגעצייכנט. זיי האָבן אָבער געפילט אַז דער נייער שמד־שטראָם, וועלכער גייט אונטער דער השפּעה פון יעקב פראַנק, איז פאַר זיי געפערלעך, ווייל דאָרט זענען דאָ יידן פון אַלט רבני־שע הייזער, וועלכע וועלן זיך צונויפמישן מיט פוילישע בלוט און געבן אַ דורות־לאַנגע טראַדיציע, מיט אינטעלעקטועלע פעאיקייטן, אַ נייעם טיפּ, אָדער אפילו נישט צונויפמישנדיק זיך, וועט דער נייער משומד גיכער פאַרנעמען אַן אָנגעזעענעם פּלאַץ אין דער עפנטלעכקייט.

.2

נישט נעמענדיק אין באטראכט פראנקס אפּאָרטוניסטישע פּאָליטיק און נישט ארייגנגייענדיק דאָ אין די סבות פון דעם, מוזן מיר איינס פעסט־שטעלן.

יעקב פראנק האָט געהאַט א פּראָגראם, און א זייער בולטן פּראָ־גראם, און דאָס איז געווען די פולשטענדיקע אסימילאציע.

אין זיין „ביבליע", וועלכע געפינט זיך אין כתב־יד ביי גראף פּושעדזשעצקי אין ווארשע, זאָגט פראנק בפירוש: „איר מוזט אוועק־ווארפן אייער שפּראך און רעדן מיט יעדן פאָלק אין דער שפּראך, אין וועלכער דאָס פאָלק רעדט און איר מוזט זיך אויסלערנען שרייבן אין זיין שפּראך". און ווייטער אנטוויקלט פראנק דעם געדאנק, אז מען דארף ענ־דערן די יידישע נעמען, אָנטון אנדערע קליידער, וועלכע וועלן נישט אונ־טערשיידן דעם ייד פון דעם נישט־ייד. מיט איין וואָרט: דעם דאָזיקן פּראָ־גראם, וועלכן עס האָט אנטוויקלט די יידישע אסימילאציע־אידעע פון משה מענדעלזאָן.

אָבער פראנק איז געווען קאָנסעקווענטער. ער האָט פארשטאנען, אז דער יידישער נאַציאָנאַליזם איז נישט פארבונדן מיט דער שפּראך, מיט דעם מלבוש און אזוי, נאָר אז די יידישע אמונה און דער אלטער, אייבי־קער פאָדעם פון דער קולטורעלער טראדיציע, וואָס איז ענג צוזאמענגע־בונדען מיט דעם רעליגיעזן גייסט — דאָס איז דער שטיין וואָס ליגט אויפן וועג צווישן יידנטום און אסימילאציע. דאָס וואָס א סך יידישע פּראָיעקטן־שרייבער אין דער העלפט פון 18טן יאָרהונדערט (דאָס איז א תקופה פון פּראָיעקטאָמאניע ווי אזוי צו באגליקן די יידן) האָבן נישט געוואגט זיך ארויסצורעדן, דאָס האָט פראנק געשטעלט אויף א קלאָרן אופן. ער איז געווען נישט נאָר דער ראדיקאַלסטער פּראָיעקט־געבער ווי אזוי צו לייזן די יידנפראגע, נאָר ער האָט זיך גענומען אין לעבן דעם פּראָיעקט דורכ־צופירן.

די גאנצע אוואנטוריסטישע דעקאָראציע איז דאָ פאַר אונז א נעבן־זאך, דאָס זענען אָקטיאָרסקע שטיק, וועלכע דארפן נישט פארבלענדן אָדער שווערער מאכן דאָס פעסטשטעלן פון תמצית פון פראנקס פּראָגראם.

די אסימילאציע איז מעגלעך נאָר דורך שמד, דורך א גרענעצלאָזן צונויפמישן זיך מיט דעם אריש־קאטויליש־פוילישן קערפּער. אפשר האָט פראנק געקענט די יידן, וואָס האָבן געשטאַמט פון די פּריצים מיט די הערבן און האָט געזען, אז זיי לעבן גוט, זאָרגלאָז, אז זייערע טאטעס האָבן אפשר אויסגעוויילט א געזונטן וועג ווי אזוי פּטור צו ווערן פון דער יידן־פראגע. דאָרט, אויף די „קרעסן", ד״ה אויף די גרענעץ־פּראָווינצן פון דער פּוילישער רעפּובליק, האָט ער זיי געקענט זען. דאָרט פלעגט מען זיי דאַן באשענקען מיט ערד, דאָרט פלעגן זיי קויפן בחצי חנם גיטער און בשעת דער טערק אָדער דער קאָזאק פלעגט אָנפאַלן, פלעגט ער קענען זיך באשיצן קעגן דעם שונא.

און אין דער פּוילישער אדל־וועלט איז דאָך די דאָזיקע שמד־אידעע געווען נישט קיין נייעס. אין דער פּובליציסטיק פלעגט מען זיך אָפּט מיט דעם דאָזיקן געדאנק באגעגענען. פלעגן דאָך בישאָפן פון אדלס שטאנד (אן אנדערער האָט נישט געקענט זוכה זיין צו אזא כבוד) ארומ־פאָרן און געהאלטן דרשות אין די שולן און די בתי מדרשים, אז משיח איז שוין געקומען און די יידן דארפן זיך צו אים אומקערן. מען פלעגט דאָך מוזן פאר די דאָזיקע פלאמענדיקע מיסיאָנערן עפענען די טירן פון דעם איין־איינציקן יידישן מקום מקלט און מיט געדולד און טאַקט אויסהערן (געצוווּנגענערהייט) די „אמתן" און אויספירונגען פון דעם „נשמה־אויס־לייזער".

און דער פּאָליאק גופא צו יענער צייט, דאָס הייסט, דער שליאכטשיץ און דאָס הייפל שוין פארפּוילישטע אָדער אויף דעם וועג ארייַנצוגיין אין דעם באשטאנד פון „מיעשטשאנסטוואָ", — זיי האָבן סימפּאטיזירט מיט די אסימילאציע־אידעען דורך שמד, זעלבפארשטענדלעך פאר יחי־דים, וועלכע וועלן האָבן די זכיה ארייַנצוגיין אין זייער „ספּאלעטשיענ־סטוואָ" (געזעלשאַפט). דער פּאָליאק האָט געזען אין יעדן יידן, וואָס שמדט זיך, אן אָפּגעראַטעוועטע נשמה.

אָבער די דאָזיקע „געראַטעוועטע" נשמה ארייַנלאָזן צו זיך אין שטאנד אריין — אויף דעם האָט דער פּריץ קיין גרוים חשק נישט געהאט. דער שמד האָט זיך ביי אים צונויפגעבונדן מיט אן אוטיליטארע און סאָ־ציאלע אידעע וועגן דעם „פארבעסערן" פון דעם ייד, מאכן אים פאר א

„פאראבעק״ אדער בעל מלאכה. ער האט זיך טאקע באמיט, אז די מיטל־אלטערישע טויערן פון דעם קאטוילישן בעל מלאכה צעך זאלן זיך פאר אים עפענען און דערייד זאל ווערן אן „אנשטענדיקער״ האנטווערקער אדער בירגער, אויב דער מסחר איז אים סימפאטישער. אויף דעם וועג איז אבער נישט געגאנגען דער משומד. עס האט אים נישט געלוינט צו שמדן זיך, כדי צו ווערן א בעל מלאכה. ער האט זיך געקענט דאס זיין אויך אלס ייד און געהערן צום יידישן צעך און א קרעמער איז ער סיי ווי סיי געווען און מיט דאנציג געהאנדלט נישט ערגער פון דעם „פאן מיעשטשאנין״. אויב יא שמד, איז שוין רעאליזירן די העכסטע חלומות, אויסשפרייטן די האנט אויף די גרויסע שטחים ערד, זיין א גוט־באזיצער, א „פאן בראט״ מיט דער שליאכטע — דאס איז א פרייז, פאר וועלכן מען קען נאך גיין אין „קאשטשיאל״ און ווערן א קריסט.

פראנק האט געהאט דעם פראקטישן חוש און האט פארשטאנען, אז צוליב קריסטנטום אליין וועט זיך אפילו דער, וואס איז דעגענערירט און וועט אלץ טון צוליב געלט, אויף זיך נים שמדן.

ער האט דאך אויסגענוצט אלע מיטלען, מיט וועלכע מען האט זיך געקענט באנוצן אין קאמף מיט די יידן, אפילו מיט דעם בלוט בלבול. דאס אלץ איז דאך געטון געווארן, כדי צו געווינען די סימפאטיע פון דער „שליאכטע״. כדי צו מאכן פון דעם א גרויסע באוועגונג, האט מען גע־מוזט באקומען עפעס, וואס זאל דעם נייעם גליד פון דער פוילישער גע־זעלשאפט אויפהייבן אויף א פאסנדיקע מדרגה, ווי עס פאסט פאר א „קריסט״.

עס איז געווען א געדאנק, אז מען זאל אייגנטלעך די פראנקיסטן קאלאניזירן גאר באזונדער אויף א געשענקטן פון קעניג אדער פון פריצים שטיק לאנד. אבער פראנק האט נישט געוואלט, ווייל ער האט געטענהט, אז דאס וואלט נישט געבראכט די דאזיקע רעזולטאטן, וועלכע זענען וויג־טשנסווערט, דאס הייסט, אז אלע פראנקיסטן זאלן ווייטער פראפאגאנדירן קאטאליציזם. די רייכע פריצים, די מאגנאטן, האבן אויך נישט געוואלט, אז די פראנקיסטן זאלן לעבן אפגעזונדערט, ווייל זיי האבן געזען אין דעם א געפאר פאר דער מלוכה און דאס אויסהאלטן פאר די פראנקיסטן „וואלט זיי מיט דער צייט געמאכט פאר שנארערס״. זיי האבן געוואלט צונעמען די משומדים צווישן זיך, כדי זיי „זאלן זיך קענען אויסהאלטן דורך האנדל

און ארבעט און נישט זיין קיין לאסט פאר אנדערע". די גאוה ביי פראנקן און ביי זיינע אָנהענגער, וועלכע האָבן, מיט קליינע אויסנאַמען, געשטאַמט פון פשוטע משפחות, איז געווען צו גרויס, כדי זיך צו באנוגענען מיט דער נדבה, וואָס איז זיי צוגעוואָרפן געוואָרן פאר שמדן זיך. די עטלעכע הונדערט יידן, וועלכע האָבן זיך שוין געשמדט, די האנטווערקער און קליינ־הענדלער, האָבן געוואָלט האָבן אינגאנצן א פרייען וועג צו די העכסטע שטעלן אין דער מלוכה. דער סיים האָט אָבער געהיט, אז די מחנה פון די אדעליקע זאָל זיין ריין. כאָטש פון פרישע משומדים און דערצו נאָך נישט אזוי רייך.

„ווען אין גאנץ פוילן", קלאָגט זיך די שליאכטע פאר דעם סיים פון יאָר 1764, „האָט זיך איינגעוואָרצלט א מין פון משומדים, וועלכע האָבן די העזה א דאנק זייער איינגעבוירענער פיפיקייט און גאוה אויסצושטרעקן די הענט צו שליאכעצקע פריווילעגיעס, צו מלוכה שטעלן און ערד־גיטער, וואָס וועט שאדן דער אמתער שליאכטע און אויס מורא, אז דער דאָזיקער מין פון משומדים זאָל מיט דער צייט אינגאנצן נישט ארויסשטויסן די אמתע שליאכטע פון פוילישן שטאַם, ווערט באשלאָסן, אז די דאָזיקע משו־מדים זאָלן זיך ווענדן צו דעם שטאָטישן שטאנד אָדער זאָלן זיך באזעצן אויף דער ערד אונטער דער באדינגונג צו צאָלן ארענדע די באלעבאטים און עס איז פארבאָטן זיי צו קויפן גיטער אויף אייגנטום".

עס האָט זיך נאָך איינגעגעבן בעת דעם זעלבן סיים א גרופע דע־פוטאטן פון ליטע ארייגפירן 48 משומדים „פון ליטווישער אריסטאָקראַ־טיע" אין דער משפחה פון דעם אדל מיט דעם רעכט זיך צו באנוצן מיט דער אדל חתימה. דאָס זענען געווען רייכע משומדים, נעכטיקע ליטווישע יידן, מיט מסחר פעאיקייטן — היינט די גורסקים, נאַוואָקאָור־סקים, שימאַנסקים, מיכאַלאָווסקים, יעלענסקים (פון וועלכן עס שטאַמט דער באגרינדער פון דער יידן־פרעסערישער פרעסע אין פוילן), אאז"וו. דאָס זענען געווען גרויסע יחסנים, אייגנטימער פון קאַלאָסאַלע, כמעט פעאָדאַלע גיטער, די באנקירן פון דער קירכע און פון דער מלוכה־קאסע. אזעלכע האָט מען געשעצט, געהאַט דרך־ארץ, ארייגעפירט צו זיך אין דער קלאסן־היים.

די נייע אדל־לייט האָט מען דערלויבט קריגן בירגער־רעכט אין די שטעט אָדער זיך באזעצן אלס ארענדארן פון גיטער אין דערפער.

דער געדאנק צו אסימילירן זיך מיט דעם אדלשטאנד, ווייל דער אדלשטאנד האָט דאָך רעפּרעזענטירט די נאציע און געהאט אויסשליס־לעכע בירגער־רעכט, האָט פראנק געהאלטן פאר דעם איינציקן, פּראקטישן, רעאַלן מיטל, וואָס קען צוציען דעם יידן.

אין די שווערע עקאָנאָמישע באדינגונגען פון פּוילן האָט דער קעניג זיך דערוואָרבן דאָס רעכט צו דערהויבן א באגרענעצטע צאָל ניט־אדע־ליקע אין אדלשטאנד — איז געווען אייגנטלעך א הכנסה מיטל, וואָס די שליאכטע האָט געגעבן דעם קעניג, אבי אליין צו דעקן די הוצאות פון זיין שלאָס.

און דאָס האָט אביסל לייכטער געמאכט שפּעטער די פראנקיסטן די ארבעט פון דערווערבן פאר זיך א פּריצישע חתימה.

3.

די פראנקיסטן האָבן זיך אייגנטלעך צעשפּרייט איבער אייראָפּע. אין טשעכיע האָבן זיי זיך אסימילירט מיט די פארדייטשטע אדל־לייט. א הייפל האָט דער שיקזאל א וואָרף געטון קיין איטאליע. זיי האָבן לאנג, זייער לאנג געהיט זייער פּוילישע אָפּשטאמונג, באגריסט הארציק די לע־גיאָנען פון גענעראל דאָמבראָווסקי, וועלכע זענען אנטשטאנען, כדי צו קעמפן פאר נאפּאָלעאָנען און אומעטום ווו מען האָט געקעמפט פאר פריי־הייט. מען האָט זיך געקענט מיט די פּוילישע פראנקיסטן באגעגענען אין די פּוילישע נאציאָנאלע געהיימע מאסאָנען־לאָזשעס אין אויסלאנד און אין אינלאנד. זיי האָבן זיך נאָך לאנג געהאלטן צוזאמען, חתונה געהאט נאָר צווישן זיך, אפילו די געאדלטע ווי די וואָלאָווסקי (שור), שימאנאָוו־סקי, זאלעווסקי אאז״וו.

אין פּוילן גופא האָבן זיי זייער שנעל דערוואָרבן זיך אן אָנגעזע־ענעם אָרט אין דער געזעלשאפט. אזא, למשל, וואלאווסקי, פראנץ, א גע־אדלטער, איז געוואָרן דעפּוטאט צום פּוילישן סיים אין יאָר 1818. אנ־דערע מיטגלידער פון דער משפחה זענען געוואָרן בארימטע אדוואָקאטן, שריפטשטעלער. זייער אינטערעסאנט איז דאָס לעבן פון דעם אָנגעזעענ־

סטן מיטגליד פון דער משפחה, ליודאָוויק וואַלאָווסקי, א באַרימטער עקאָ־נאָמיסט אין פראַנקרייך. אין יאָר 1839 איז ער דערוויילט געוואָרן אלס דעפּוטאַט אין פּאַרלאַמענט. שפּעטער האָט מען אים דערוויילט אלס סע־נאַטאָר אין פראַנצויזישן סענאַט. ער איז געווען א קרוב פון מיצקעוויטשעס פרוי, אויך א פראַנקיסטקע, שומאַנאָווסקא, און א דאַנק דעם האָט ער זייער פיל געטון פאַר דעם פוילישן דיכטער בכלל און פאַר פוילן בפרט. ער האָט באַאיינפלוסט נאַפּאָלעאָן דעם דריטן אין זיין פּויליש־פריינטלעכע פּאָליטיק און האָט געפירט די גאַנצע דיפּלאָמאַטיע אין יאָר 1863 בשעת דעם אויפשטאַנד. ער האָט זיך אָבער ביז זיין טויט געהאַלטן צווישן א יידישער אָדער משומדישער געזעלשאַפט און האָט זיך נאָך נישט געפילט אלס „אַריער".

עס איז אַן אינטערעסאַנטע דערשיינונג, אז גראַד אויף צוויי גע־ביטן האָבן זיך די פראַנקיסטישע משפחות אויסגעצייכנט: אין דער טעאָ־רעטישער און פּראַקטישער עקאָנאָמיע, אינדוסטריע און אין דער אַדוואָ־קאַטור. כמעט די אָנגעזעענסטע אַדוואָקאַטן און ריכטער אין פוילן שטאַ־מען פון די פראַנקיסטן.

אויסער די דערמאָנטע אויבן וואַלאָווסקיס, איז כדאי צו אָנווייזן אויף די משפחה פון גראַבאָווסקי, וועלכע האָבן געירשנט פון דור צו דור די אַזוי באַליבטע ביי יידן יורי מיט אַלע אירע חריפות־דיאַלעקטישע פאָרמען און שפּיצלעך. די גרעסטע טעאָרעטיקער פון רעכט אין פוילן זענען געווען די יעזיאַראַנסקיס, יאַסינסקיס (איצט איז דאָ א קאַטויליי־שער דעפּוטאַט אין סיים מיטן זעלבן נאָמען), יאַקובאָווסקי; און אלס פּראָפעסאָר פון פּאָליטישער עקאָנאָמיע האָט געשמט דער אייניקל פון סוריה לייב קריסא דאָמיניק קריסינסקי. די משפחה פון לאַבענצקי האָט געגעבן היסטאָריקער און מעטאַל־פאָרשער; די מאַטושעווסקיס — דעם גרעסטן פוילישן ליטעראַטור־קריטיקער — איגנאַצי מאַטושעווסקי (גע־שטאָרבן אין יאָר 1918). אין דער ליטעראַטור און קונסט־געשיכטע האָבן זיך דערוואָרבן א נאָמען די משפחות זאַלעווסקי און שימאַנאָווסקי.

קאַזימיר זאַלעווסקי (1852־1916) איז געווען דער גרינדער פון דער פוילישער זיטן און סאָציאַל־קאָמעדיע. ער איז פאַר דעם פוילישן טעאַטער דאָס, וואָס אויגער איז פאַר דעם פראַנצויזישן. און עס איז זייער

כאראקטעריסטיש, אז דער דאָזיקער פראנקיסט מיט א טיפּיש יידישן פּנים, מיט געקרייזטע שווארצע האָר, מיט א נייגונג רק צו יידן — האָט אָנגעשריבן א רייע קאָמעדיעס, אין וועלכע ער לאכט אויס די משומדים, און הויפּטזאכלעך דאָס זוכן א גויאישן איידעם ביי די אסימילירטע יידן.

פון די שומאַנאָווסקיס האָט וואצלאוו, דער רעדאקטאָר פון דאַמאָלס נאָך ליבעראַלן „קוריער ווארשאווסקי", ליב געהאַט יידן און געשריבן דראמעס אויף יידישע טעמעס. זיין זון איז דער גרעסטער פּוילישער סקולפּטאָר, דער שאַפער פון שאַפּענס דענקמאָל אין פּוילן, דעם שאַפּען, וועמעס מאמע איז אויך געווען פון יידישער אָפּשטאַמונג, מאַיעווסקי. פון דער היים; א ברודער זיינער איז א בארימטער פּוילישער אַקטיאָר און אַן אַנדערער איז א מאָלער. אויף אַלע געביטן פון פּוילישן לעבן האָבן זיך אויסגעצייכנט די פראנקיסטן. זיי האָבן אריינגעטראָגן א ברייטן גייסט אין די ענגע געסלעך פון דעם פּוילישן געדאנק, זיי האָבן א סך בייגעטראָגן צו דער אנטוויקלונג פון ליבעראַליזם, אַטעאיזם און דער בורזשואזער עקאָנאָמיע אין פּוילן.

א גרויסע ראָלע האָבן זיי געשפּילט אין דער אנטוויקלונג פון דעם פּוילישן באַנק־וועזן און אינדוסטריע. א היסטאָריקער שאַצט עס אָפּ בזה הלשון:

„זיי האָבן ארויסגעשטופּט די דייטשן פון אַלע צווייגן פון דער אינדוסטריע: אין א קורצער צייט זענען זיי רייך געוואָרן. די ברויעריִיען און די בראָנפן זאַוואָדן האָבן זיך געפונען אין די הענט פון די פראַנקיסטן, די ווינציקער רייכע האָבן זיך געלאָזט צום האנדל, וועלכער איז זיי, אַלס קריסטן, געווען „דערלויבט אין אַלע שטעט און שטעטלעך פון פּוילן".

די שנעלע, איינפלוסרייכע ראָלע פון די פראנקיסטן אין פּוילן, זייער דערוואָרבן פון גיטער, זייערע באַנק־געשעפטן, האָט זיי פאַרשאַפט א סך שונאים. מען האָט זיי אויסגעלאַכט אין כל המינים סאַטירעס און וויצן, קאַריקאַטורן אויף זיי האָט מען געטראָפן אין אַלע בלעטער. מען האָט געדרוקט אויף די פראנקיסטן פּאַמפלעטן, אין וועלכע מען האָט זיי באַשולדיקט אין א בכיוונדיקן שמד, צוליב פּרנסה. עס שאַפט זיך אַן אַנטיסעמיטישע שטימונג בנוגע צו די פראנקיסטן. זיי האָבן דערצו אַליין מיט־

געהאָלפן. די באַנקן האָבן אָנגעהויבן צו פּלאַצן, איין באַנקראָט איז גע־גאַנגען נאָך דעם צווייטן. זיי האָבן געפירט א צו גרויסן לעבן, געזוכט פאַר זייערע טעכטער געפּאַלענע פירשטן און גראַפן, כדי אַריינצוכאַפּן זיך אין אמתן יחוס און אַרויסגיין פון אייגענעם קרייז, אין וועלכן זיי האָבן זיך געהאַלטן און אין וואָס מען האָט זיי טאַקע באַשולדיקט.

די רעאַקציע אין פּוילן האָט באַשולדיקט די פראַנקיסטן, אַז זיי פּראָפּאַגאַנדירן אַטעאיזם און ליבעראַליזם. געטון האָט עס דווקא יאַן יע־לענסקי, וועמעס קריסטנטום איז סך הכל מיט אַ פּאָר צענדליק יאָר על־טער געווען ווי די פראַנקיסטישע.

דאַן האָבן די פראַנקיסטן דערשמעקט, אַז אַנטיסעמיטיזם איז אין דעם מאָמענט אַ מער גאַנגבאַרער אַרטיקל. און זיי האָבן אַרויסגעגעבן פון זיך, אַזוי ווי אויף קאָמאַנדע — אַ שיין ביסל פּראָפּעסיאָנעלע אַנטיסע־מיטן, נישט ערגער ווי זייער האַר און לערער יעקב פראַנק.

מיט צופרידנהייט באַשטעטיקט דער היסטאָריקער פון שמד אין פּוילן, יעסקע־כאָינסקי, אַז די פראַנקיסטן זענען סוף כל סוף נישט געווען קיין פילאָסעמיטן און געווען פיינטלעך געשטימט צו יידן.

.4

די אידעאַלאָגיע פון פראַנקיזם, אַז די אַסימילאַציע פון די יידן מיט די פּוילן קען נאָר זיין אַ פולשטענדיקע מיט דעם גלויבן בתוכם, האָט געהאַט שפּעטער אַ גרויס איינפלוס אויך אויף טאָוויאַנסקין און זיין לע־רע וועגן יידנטום.

אין די אכציקער יאָרן, ווען אין פּוילן האָט זיך באַוויזן דער גע־זעלשאַפטלעכער אַנטיסעמיטיזם, וועלכער האָט נישט געשוינט אַפילו די, וועלכע האָבן מיט דעם יידנטום גאָרנישט נישט געהאַט געמיינזאַמעס און האָבן זיך געהאַלטן פאַר פּאָליאַקן פון מאָזאַאישן גלויבן, דאַן האָט אויפ־געלעבט די אַלטע פראַנקיסטישע אידעאָלאָגיע וועגן שמד.

עס איז אַ תקופה פון אַ געוואַלדיקער שמד־עפּידעמיע, אַ סך אַ גרעסערע אין צאָל ווי די פראַנקיסטישע. עס האָט נאָך נישט געהאַט קיין צייט די פראַנקיסטישע משפחה דערטרונקען צו ווערן אין אַל־פּוילישן

ים, ווי עס באווייזט זיך א נייע, פרישע קאטעגאָריע פון משומדים. די דאָזיקע משומדים גייען דורך די זעלבע עוואָלוציע וואָס די פראנקיסטן: לעבן באזונדער, האָבן חתונה נאָר צווישן זיך און שאפן א דריטע גע־זעלשאפט אין פוילן, א געזעלשאפט, וועלכע עקזיסטירט נאָך עד היום. דאן גייט אוועק בלאָך, ניימאן, לעסער, עפשטיין א״א, דאָס רוב פון די בורזשואזע העכערע און מיטעלערע עלעמענטן.

אין איצטיקן מאָמענט לעבט איבער דאָס פוילישע יידנטום די זעלבע תקופה. די שמד־באוועגונג איז זייער גרויס אין פוילן. זי דערמאנט גי־כער די פראנקיסטישע צייט ווי די פון די אכציקער יאָרן. זי האָט א פּאָר אָנגעזעענע טעאָרעטיקער און פּראָפּאגאנדיסטן, ווי וואצלאוו מוטערמילך, אנדזשעי בוימפעלד (באלעסקי). ביידע האלטן זיך ביי טאָוויאנסקים תל־מידים און פרעדיקן זיין תורה.

אנדזשעי בוימפעלד האָט פארעפנטלעכט אין יאָר 1913 אַן אויפ־רוף צו די פוילישע יידן. אין דעם דאָזיקן אויפרוף זאָגט ער ארויס א געדאנק, אז פוילנטום אָן קאטאָליציזם איז אוממעגלעך. דער באגריף ייד־פּאָליאק איז פאלש. מען קען זיין אָדער א ייד אָדער א פּאָליאק. ער ווייזט אָן אויף די גלענצנדע רעזולטאטן, וואָס דער פראנקיזם האָט געבראכט פאר דער פוילישער קולטור. די פראנקיסטן האָבן באריי'כערט די פוילישע לי־טעראטור, וויסנשאפט (הויפטזעכלעך יורי און עקאָנאָמיע) און מוזיק (אמרייכסטן). זיי וואָלטן, טענהט בוימפעלד, נישט געקענט זיין אזוי דורך און דורך פויליש און מען וואָלט צו זיי געקענט האָבן פּרעטענזיעס פון דער יידישער זייט. אזוי מיט דעם שמד, מיט דעם צעגיין זיך אין דעם פויליש־קאטוילישן שמעלצטאָפּ, איז זייער אסימילאציע געווען א פול־קאָמע. ער האלט אָבער, אז די דאָזיקע אסימילאציע האָט אויך געהאט א פאלשן טאָן. און דאָס איז די גרינגשעצונג פון רעליגיע בכלל דורך די משומדים און זייערע קינדער. דעריבער פּרעדיקט בוימפעלד טאָוויאנסקים טעאָריע וועגן דער רעליגיעזער רעפּרעזענטאָנץ פון די יידן, וועלכע דארפן דורכגענומען ווערן מיטן אמתן קריסטלעכן גייסט און שאפן א מוסטער פון א רעליגיעזן פּאָליאק.

נישט לאנג האָט זיך באוויזן אַן אויפרוף פון א משומד, מראזאוו־סקא (לעווענטאל), אז מען זאָל קלייבן געלט און אויסלייזן דעם קערפּער

פון „הייליקן אנדזשעי באבלי, וועלכער ליגט אין רוסלאנד, ווו די באָל־שעוויקעס האָבן אים בארויבט פון זיינע צירונגען און אין פוילן האלט מען אים פאר א נאַציאָנאַלן הייליקן. עס מערן זיך פאקטן פון אקטיווער רעליגיעזער טעטיקייט פון יידן, א זייער פעאיקער סקולפּטאָר, טענצער, שמדט זיך פּלוצלינג אָפּ און גייט אוועק אין א קלויסטער, ווו ער גרייט זיך צו א קאריערע פון א מאָדערנעם פראנק, וואָס וועט מיט אן אידעע ארבעטן צווישן יידן.

מען האָט אין פוילן זייער אָפט געמאכט סך הכלען וועגן דער ראָלע פון פראנקיסטן פאר דער פוילישער געזעלשאפט. פּראָפעסאָר קעמפּנער (א ייד) האָט נישט לאנג אין זיין געשיכטע פון אינדוסטריע אין פוילן אמ־בולטסטן באוויזן די גרויסע ראָלע פון די פראַנקיסטן און זייערע שפּע־טערדיקע דורות אין דער אנטוויקלונג פון פוילנס עקאָנאָמישן לעבן.

דאָס זעלבע איז אין דער וויסנשאפט. און דער דאָזיקער רעזולטאט האָט אויפגעלעבט א פּראָיעקט מצד דעם פוילישן דיכטער אנטאָני לאנגע (אן אייניקל פון א יידישן משכיל אין ווארשע), אז מען זאָל פּראָפּאגאנ־דירן געמישטע חתונות צווישן פּאָליאקן און יידן. אויף אזא אופן וועט זיך אויסמישן דער יידישער זשעני מיט דעם פוילישן ריטערלעכן כאַ־ראקטער און שאפן אזעלכע אינדיווידועלע טיפּן ווי מיר האָבן ביז אהער געהאט אין מיצקעוויטש, שאָפּען, אא״וו. לאנגע שטרייכט אונטער, אז ווען נישט דער פראנקיזם, וואָלט נישט געווען אין פוילן דער שמד אין די יאָרן 1850־1830, וואָס האָט געגעבן דער פוילישער ליטעראטור א סך נעמען (עסטרייכער, דער גרעסטער ביבליאָגראף; די קראנענבערגס, שטראסבורגער, דער בארימטער באָטאניקער, א זיידע פון דעם איצטיקן מיניסטער אין פוילן) און דער שמד פון די יאָרן 1903־1881, וועלכער האָט באריכערט אממערסטן די פוילישע קולטור־וועלט (בלאָקס, נאטאנ־סאָנס, אא״וו) און דעריבער רופט לאנגע צו געמישטע חתונות, אָנווייַ־זנדיק אויף זיך אליין, ווי אויף א פּראָדוקט פון אזא מין געמיש. און אויף דעם וועג וועט די יידישע פראגע, וועלכע דארף קודם כל זיין פאר פוילן א פראגע פון איינפלאנצן אויף דעם פוילישן גרונט דעם יידישן שאפנדיקן גייסט (ווייל די מאסן זענען אומנוצלעך און אומנויטיק בכלל פאר די פוילישע קולטור־אינטערעסן), אויף דעם דאָזיקן וועג וועט די

יידנפראגע געלייזט ווערן מיט א גוטן רעזולטאט סיי פאר די אסימילירטע יידן, סיי פאר פוילן גופא.

דאָס זעלבע פּרעדיקט אויך מוטערמילך אין א רייע ביכער און אין א ספּעציעלער צייטשריפט אונטער דעם נאָמען „לאָגאָס" (אין גייסט פון דער עוואַנגעליע), וועלכע ער גיט ארויס אויף אייגענע געלט. דאָס איז א טיפּ פון א רייכן, אידעאַליסטישן מיסיאָנער, וועלכער קארגט נישט קיין געלט אויף צו פארשפּרייטן זיינע אידעען. ער איז אָבער אין קעגנזאַץ צו די ענגלישע מיסיאָנערן אזוי אַנטיסעמיטיש, אין גראָבסטן זין פון דעם וואָרט, אז אים האָט מען א סך צו פאַרדאַנקען די דעמאַגאָגישע העצע קעגן אלע יידן אלס באָלשעוויקעס אין פּוילן. ער איז א גרויסער עם הארץ אין די יידישע זאכן (אנדערש איז מיט בוימפעלד און טענצער), און האָט ליב צו שפּילן א ראָלע פון א יידישן למדן. ער האלט זיך אויך אלס דער פאַרטרעטער פון פראנקס ארבעט, איינזעענדיק אין דער דאָזיקער ארבעט דעם געזונטסטן וועג צו אסימילאַציע. די יידישע קולטור איז דורך און דורך אַנטיקריסטלעך, טענהט ער. און אין א מאָדערנער מלוכה, וועלכע איז לויט זיין מיינונג קריסטלעך, קען אבסאָלוט אזא מין קולטור געמיינשאפט נישט טאָלערירט ווערן.

און דערפאר שטעלט מוטערמילך די פראגע שארפער ווי אנדערע, אָבער נענטער צו פראנקן. ווער עס האלט פון דער יידישער קולטור, זאָגט ער, דער איז שוין בעצם אַן אנטיקריסט און אזוי ארום אנטיפּאָליאַק. ער האָט ליידער דערפאָלג צווישן דער אזוי גערופענער סטודענטן יוגנט, וועלכע שטרעבט צו א קאריערע אויף כל המינים אופנים.

און אזוי גייט ווייטער די עוואָלוציע פון דעם צונויפשמעלצן זיך פון דער אסימילירטער וועלט מיט דער קריסטלעך־פּוילישער. די דאָזיקע עוואָלוציע האָט אין דעם איצטיקן מאָמענט אָנגענומען אַן אינטערעסאַנטע פאָרעם. דער געשמדטער דור פון די אכציקער יאָרן איז שוין איינגעזאפּט געוואָרן אין דעם פּוילישן אָרגאניזם, נישט נאָך איננאנצן. און איצט שאפט זיך א נייע דריטע געזעלשאפט, וועלכע וועט אויך מוזן וואַרטן צענדליקער יאָר, ביז עס וועט זיין א „וואקאנט" פאר איר אין דער פּוילישער געזעלשאפט, דאָס הייסט, ביז מען וועט דורך געמישטע חתונות איננאנצן פארשווונדן ווערן.

ב

און עס הערט זיך אין דער פּוילישער „ארישער" געזעלשאפט א געשריי, אז דאָס פרעמדע בלוט דראָט צו דערטרינקען דעם פּוילישן קער־פּער מיט זיינע כוחות. עס איז צופיל. פּוילן קען נישט פארדייען אזוי פיל משומדים. אין די אנטיסעמיטישע צייטונגען מאכן זיי אויס 50 פּראָ־צענט און אָפּטמאָל 80 פּראָצענט (אין „זשעטשפּאספּאליטא"). די משו־מדים שפּילן אויך א גרויסע ראָלע אין דער קאָמוניסטישער באוועגונג — א באווייז, אז זיי זענען ווייניק פּויליש־נאַציאָנאַל געשטימט.

עס איז באמת אזוי. דער יונגער משומד אין פּוילן, למשל אין דעם אוניווערזיטעט, איז אָדער קאָמוניסט אָדער אַן אַנטיסעמיט. איר וועט אים נישט געפינען אין דעם ליבעראַלן אָדער דעמאָקראַטישן לאַגער.

די שמד־באוועגונג האָט קלאָר געמאכט, אז אין פּוילן איז די אסי־מילאציע אַן שמד אוממעגלעך. און גלייכצייטיק, אסימילירן זיך הייסט אין לשון פון דעם פּוילישן בירגער — זיין אינגאנצן א רעכטער.

ווייל האָט דאָך דער ערשטער פּראקטישער אסימילאַטאָר, יעקב פראנק, באשולדיקט די יידן אין בלוט־בלבול — פאַרוואָס דארפן די מאָ־דערנע פראנקיסטלעך זיין ערגער פון זייער רבין אין פּוילן?

(„די צוקונפט", אויגוסט 1923)

די דעקאבריסטן און די יידן

(דער פּראָיעקט פון דעם דעקאבריסטן־פירער וועגן א
יידישער מלוכה אין פּאלעסטינע אָדער אפשר אין קרים)

.1

אין דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג אין רוסלאַנד אין דער צייט פון אַלעקסאַנדער דעם ערשטן האָט געשפּילט א גרויסע ראָלע די שטימונג, וואָס די אינטעליגענטערע רוסישע אָפיצירן און שטאַאַטלייט האָבן אַרויסגעטראָגן פון זייערע באַזוכן אין מערב־איירָאָפּע.

די מלחמה פון 1812 האָט אַרויסגערופן אין רוסלאַנד א פּאַטריאָטישע שטימונג, א שטימונג ווי כמעט אומבאַקאַנט דעם רוסישן פאָלק. אויב ביז איצט האָבן זיך די אָנהענגער פון סאַמאָדערזשאַוויע און פון דער אומבאַשרענקטער צארישער מאַכט געהאַלטן פאַר די איינציקע פּאַטריאָטן, וועלכע האָבן ליב רוסלאַנד, האָט זיך גאָר געענדערט די לאַגע בשעת דער מלחמה מיט פראַנקרייך און אויך נאָך דער מלחמה. די ליבעראַלע עלעמענטן פון דער רוסישער געזעלשאַפט, וועלכע זענען געווען קאָנצענטרירט אין די מאַסאָנען־לאָזשעס און אין די פאַרשידענע האַלב וויסנשאַפטלעכע און האַלב דילעטאַנטישע קלובן, האָבן גאַנץ אַנדערש אויסגעדריקט זייער ליבע צום פאָטערלאַנד. דער האַס צו דער עקזיסטירנדיקער אָרדענונג, דער טיפער צער און ווייטיק צוליב דער פינסטערניש, וועלכע הערשט אין רוסלאַנד; דער פאַוואָריטיזם אין די מיליטער־און ציוויל־אַמטן, די שרעקלעכע הפקרות און די הילפלאָזיקייט פון א

יחיד מיט א זעלבשטענדיקער מיינונג, — אָט דאָס זענען געווען די אורזאַכן, וועלכע האָבן געבוירן א נייעם פּאַטריאָטיזם אין רוסלאַנד.

דער פּאַטריאָטיזם פון דער קליינער צאַל ליבעראַלן האָט זיך אויסגעדריקט אין שנאה צו דער עקזיסטירנדיקער אָרדענונג: זיי ווילן זען רוסלאַנד שטאַרק און מעכטיק; זיי זענען דורכגעדרונגען אפילו מיט אַן אימפּעריאַליסטישער גאוה; זיי ווילן פרייהייט, זיי ווילן, אז דאָס באַוווסטזיין פון פּאַטריאָטיזם זאָל דורכדרינגען דאָס גאַנצע פאָלק. דער פּויער דאַרף ווערן אויס קנעכט, די אגראַר־פראַגע געלייזט לויט די פּרינציפּן פון יושר און גערעכטיקייט; די שטעט דאַרפן געבויט ווערן אויף די זעלבע יסודות וואָס אין מערב־אייראָפּע, ווו דער סוחר איז דער רעפּרעזענטאַנט פון דער שטאַטישער אינטעליגענץ. די אַרמיי דאַרף זיין דורכגעדרונגען מיט דעמאָקראַטישע אידעאַלן, דאַרף באַפרייט ווערן פון איר קאַסטישן כאַראַקטער.

די פּאָליטישע פאָרעם פון דער רעגירונג דאַרף זיין צוגעפּאַסט צו די באַדערפעניש פון דער צייט. פאַרשידענע קלאַסן פון דער געזעלשאַפט דאַרפן אויך האָבן א דעה אין דער פאַרוואַלטונג פון דער גרויסער, רייכער מלוכה, מיט וועלכער זיי האָבן דאָך, סוף כל סוף, שטאָלצירט. דער מענטש דאַרף פריי זיין. די צענזור זאָל אָפּגעשאַפט ווערן, די ליטעראַטור דאַרף קיינעם נישט דינען, נאָר דער נאַציע. אין דער מלחמה פון 1812 איז דער דאָזיקער נאַציאָנאַל־ליבעראַלער פּאַטריאָטיזם געבוירן געוואָרן. ער איז געוואָרן דער אידעאַל, וועלכער האָט געפירט מיט גרויס התלהבות די פּראָגרעסיווע עלעמענטן פון די רוסישע אָפיצירן אין קאַמף אַריין.

שוין זייער קוק אויף דער מלחמה, די באַמערקונגען, וועלכע זיי מאַכן אין זייערע טאָגביכער און מעמוארן, באווייזן אַמבולטסטן וואָס האָט געשאַפן און אַנטוויקלט דעם בירגער־געפיל ביי די פּראָפעסיאָנעלע מיליטערלייט.

צום ערשטן מאָל האָבן זיי זיך באַגעגנט מיט פּראָבלעמען, וועלכע עס זענען זיי ביז איצט געווען אומבאַקאַנט. פון טיף רוסלאַנד קומענדיק קיין ליטע און ווייסרוסלאַנד, האָבן זיי זיך באַגעגנט מיט פאַרשידענע עקאָנאָמישע, נאַציאָנאַלע און רעליגיעזע פראַגן און פאַקטן, פאַר וועלכע זיי זענען געבליבן שטיין ווי דערשטוינט.

פירשט סערגעי וואָלקאָנסקי, דער שפּעטערדיקער דעקאַבריסט, דער־ציילט אין זיינע מעמואַרן, אַז ער האָט זיך געטראָפן מיט פאַקטן פון יידישן לעבן, וועלכע זענען אים געווען „אומבאַקאַנט״. די סימפּאַטיע פון די יידן אין באַבינאָוויטש פאַר דער רוסישער אַרמיי פריידט אים.

ווען די יידן האָבן געכאַפּט אַ פראַנצויזישן קוריער מיט דעפּעשן און געבראַכט אים צום פירשט וואָלקאָנסקי אין שטאַב אַריין, באַמערקט ער, אַז דאָס איז „אַ גרויסע בריהשאַפט פאַר די פחדנים יידן״. ער לאָזט די יידן איבער אין שטאַב, ווייל זיי קענען נישט צוריקקערן זיך אין שטעטל אויס מורא פאַר די פראַנצויזן. זיינע שפּעטערדיקע מיינונגען וועגן יידן, ווי אויך וועגן אַנדערע געזעלשאַפטלעכע ענינים, האָט ער זיך אויסגעאַר־בעט אין „דער שול פון לעבן״, אויף די „לאַנגע פאַראַדן דורך די אָרימע און פאַרוואָרפענע מקומות״.

דאָס זעלבע איז אויך מיט אַנדערע ליבעראַלע אָדער ליבעראַליזירנ־דיקע אָפיצירן.

דער טריומפאַלער אַריינמאַרש קיין פאַריז אין 1814, דאָס באַקענען זיך מיטן לעבן אין מערב־אייראָפּע, די באַקאַנטשאַפט מיט די ליבעראַלע טעאָריעס, דאָס צוקוקן זיך צום לעבן פון פאַרשידענע פעלקער — דאָס זענען ווידער געווען אורזאַכן, וועלכע האָבן געשפּילט אַ באַדייטנדיקע ראָלע אין דער פאַרטיפונג און סיסטעמאַטיזירונג פון די פּראָגראַמען און צילן פון דער בעסערער רוסישער מיליטערישער אינטעליגענץ. נאָך דעם ווי זיי האָבן זיך אומגעקערט אהיים, האָבן זיי געזוכט די פּאַסיקע אָרגאַ־ניזירונג־פאָרמען, דורך וועלכע עס זאָל זיין מעגלעך אַרויסצוברענגען אָט די אַלע נאָגנדיקע געפילן, געדאַנקען, מיינונגען און אפשר אויך בענק־שאַפטן. האַנט ביי האַנט מיט זיי זענען געגאַנגען די יחידים: דיכטער, פּובליציסטן אָדער אפילו פּאָליטיקער, וועלכע זענען געווען מיט זיי איינ־שטימיק — האָבן אָבער נישט געקענט אַרבעטן אין די פאָרמען פון די געהיימע קרייזלעך, אין וועלכע די גאַנצע באַוועגונג האָט זיך אויסגעביל־דעט. זיי האָבן אָבער געשפּילט אַ גרויסע ראָלע אין די מאַסאָנען־לאָזשעס, ווו זיי האָבן זיך באַגעגנט מיט אַ סך פון די שפּעטערדיקע דעקאַבריסטן. דאָרטן אין די לאָזשעס איז שוין נעשאַפן געוואָרן די שטימונג פאַר אַ סך אַקטועלע פראַגעס, וועלכע האָבן געהאַט אַן איינפלוס אויף די הויפּט־

אָנפירער פון די דעקאַבריסטן. צווישן זיי האָט זיך שוין דאָרטן געלאָזט הערן דאָס ערשטע וואָרט וועגן יידן און דער יידנפראַגע. דאָס דאָזיקע וואָרט איז פון גרויס באַדייטונג און דעריבער איז כדאי זיך אויף אים אָפּצושטעלן באריכות.

.2

די רוסישע מאַסאָנען־לאָזשעס זענען געווען דורכגעדרונגען מיט אַ שטאַרקן פּאַטריאָטישן געפיל. אין דעם זינען זענען זיי געווען זייער ענלעך צו די פּוילישע פּאַטריאָטישע מאַסאָנען־לאָזשעס. אויב די פּוילישע לאָזשעס האָבן יאָ אָנגענומען יידן, וועלכע זענען געווען הונדערט־פּראָצענטיקע פּאַטריאָטן פון פּוילן, איז אין רוסלאַנד געווען גאָר אַנדערש. פּוילן, נישט האָבנדיק קיין „תחום המושב", האָט דאָך באַאיינפלוסט אַ הייפל יידישע סוחרים, באַנקירן און מענטשן פון ליבעראַלע פּראָפעסיעס — און די דאָזיקע „פּריווילעגירטע" האָבן ביסלעכווייז אָנגעהויבן שפּילן אַ געוויסע ראָלע אין דעם פּוילישן נאַציאָנאַלן לעבן. צו די פּוילישע מאַסאָנען האָבן געהערט דער סוחר קראָנענבערג, דער שפּעטערדיקער דירעקטאָר פון ראַבינער־שול אַנטאָני אייזענבוים, דער בוכהענדלער גליקסבערג, דער דאָקטאָר לעאָ און אַ סך אַנדערע. אויף זיי קוקנדיק האָט זיך אין פּוילן אַנטוויקלט דער באַגריף, אַז אַ ייד קען אויך אַמאָל זיין אַ גוטער פּוילישער פּאַטריאָט. זיי זענען געווען דער מוסטער.

אין רוסלאַנד איז קיין רוסיש־יידישע אינטעליגענץ צו יענער צייט נישט געווען. דער איז געווען נעוואַכאָוויטש, דער ערשטער ייד, וועלכער האָט געשריבן אויף רוסיש, אַ הויזלערער ביים יידישן סוחר אַ ב ר ה ם פּ ר ץ אין פּעטערבורג. ער האָט אָבער קיין שום ראָלע נישט געקענט שפּילן, ווייל ער האָט נישט באַלאַנגט צום רייכן קלאַס. דאַקעגן פּרצס זון, גריגאָרי, אַ משומד, האָט אין טאַטנס זכות געוואָלט ווערן אַ היימישער מענטש צווישן די רוסישע מאַסאָנען. ער האָט זיך אָבער אָנגעשטויסן אויף שוועריקייטן, וועלכע ער האָט נישט פּאָראויסגעזען.

די מאַסאָנען־לאָזשעס אין רוסלאַנד זענען געווען געבויט אויף יסודות פון קריסטנטום. זייער ליבעראַליזם איז באַשטאַנען אין דעם, וואָס

זיי האָבן „טאָלערירט״ אַלע קריסטלעכע רעליגיעס. בנוגע די יידן האָט דער גרעסטער טייל פון די לאָזשעס זיך נישט אויסגעדריקט קלאָר און דייטלעך. די קיעווער לאָזשע פון די „פאַראייניקטע סלאַוויאַנער״ איז גע־ווען אוקריינאָפיליש געשטימט, האָט פאַרהערלעכט באָגדאַן כמעלניצקין מיט אַלע זיינע מעשים, אידעאַליזירט זיינע שחיטות ווי אַ רעוואָלוציאָ־נערן אויפטו, געקוקט אויף גאַנצע און זשעלעזניאַק ווי אויף פרייהייט־קעמפער. די באַרימטע באַלאַדע פון דעם דעקאַבריסט רילעיעוו אונ־טערן נאָמען „דער בונט פון נאַליווייקאַ״ איז דער פּראָגראַמאַטישער אני־מאמין פון דער דאָזיקער אידעאָלאָגיע. זעלבפאַרשטענדלעך, אַז די דאָזיקע אידעאָלאָגיע איז געווען דורך און דורך אַנטיסעמיטיש.

די פעטערבורגער מאַסאָנען האָבן אָנערקענט די הייליקייט פון די קריסטלעכע רעליגיעס און האָבן אָנגענומען נאָר אַזעלכע מענטשן, וועלכע זענען „געדולדעט אין די מלוכות פון די קריסטלעכע גלויבנס״.

ווען אין יאָר 1811 האָט גריגאָרי פּרץ, דאַמאָלס שוין אַ לוטעראַנער, אָנגעגעבן אַ בקשה צו ווערן אַ מיטגליד, האָט מען אים אָנטזאָגט, באַרו־פנדיק זיך אויף די ענגלישע דינים פון די מאַסאָנען פון יאָר 1717.

נערעכט איז פּראָפעסאָר סעמיאַווסקי, ווען ער באַמערקט, אַז דאָס איז געווען אַ ליגן, ווייל גראָד אין ענגלאַנד איז אין 18טן יאָרהונדערט גע־ווען אַ באַדייטנדיקע צאָל יידן־מאַסאָנען. די סיבות זענען געווען גאָר אַנדערע. פּרץ איז געווען אַ גרויסער פּלאַפּלער און שפּעטער האָט ער אפילו געמסרט דעקאַבריסטן, דעריבער האָט מען אים נישט צוגענומען.

אָבער דער פּרינציפּ אַליין, אַז נאָר קריסטן קענען ווערן מאַסאָנען, איז זייער כאַראַקטעריסטיש פאַר די באַציאונגען אין רוסלאַנד.

דורכגעדרונגען מיטן גייסט פון מיסיאָנערסטווע, האָבן זיי סימפּאַ־טיזירט און אפילו מיטגעאַרבעט אין דער „ביבלישער געזעלשאַפט״ און אויך אין דער „געזעלשאַפט פון קריסטלעכע יידן״ (אָבשטשעסטוואָ איז־ראַילסקיך כריסטיאַן), וועלכע האָבן געוואָלט צוציען יידן צום קריסטנטום דורך פאַרטיילן ערד און באַזעצן זיי ווי קאָלאָניסטן. די דעקאַבריסטן מאַ־מאָנטאָוו און אָרלאָוו פּראָיעקטירן אפילו, אַז מען זאָל יידן דערלויבן זיך באַזעצן אין ווילדע פּוסטע טעריטאָריעס און זיי דאָרטן מיט געוואַלד אָפּ־

שמדן (אָבראַטיט ו ווירו). די מיסיאָנערישע טענדענצן זענען זייער שטאַרק ביי א סך פון די שפּעטערדיקע דעקאַבריסטן.

זייער שורש דאַרף מען זוכן אין די פאַרמאַכטע מאַסאָנען־לאָזשעס — דאָרט, ווו דער געדאַנק, אַז אַ נישט־פּראַוואָסלאַוונער איז אויך אַ מענטש, איז שוין געווען אַ גרויסע הנחה. אָבער יידן זענען דאָ דאָך געווען אַן אויסנעם.

.3

נישט נאָר אין די מאַסאָנען־לאָזשעס האָט זיך אַנטוויקלט דער אינ־טערעס פאַר געזעלשאַפטלעכע פראַגן בכלל, און פאַר דער יידישער בפרט.

ביי אַ סך פון די דעקאַבריסטן האָט זיך אויסגעאַרבעט זייער מיי־נונג וועגן יידן. פון די דערפאַרונגען אין די מלחמות, פון זייערע טראַדי־ציאָנעלע, געירשנטע מיינונג־נייגונגען און געפילן, פון זייערע ידיעות פון ביכער, ווי אויך פון באַגעגענישן און געשפּרעכן מיט פּוילישע מאַסאָנען.

בעראַן ראָזען באַמערקט אין זיינע זכרונות, אַז די גראָדנער יידן זענען גרייט יעדן צו דינען. יידן זענען אין זיינע אויגן אַ געהיימע סעקטע. אַלץ וואָס זיי טוען, איז „פּלינק", „געהיים", „כיטרע". די „זשידעס" לער־נען אים „גנבענען". אויף די פּאָדריאַדטשיקעס איז ער פול מיט כעס.

ער באַוווּנדערט די ענערגיע און די אומדערמידלעכקייט פון די יידן, זיי האָרעווען זייער שווער.

„נישט ביי טאָג און נישט ביי נאַכט, אין דער צייט פון מיינע אָפטע מאַרשן, האָב איך קיין מאָל נישט געזען אַ שלאָפנדיקן יידן — באַמערקט ער אין זיינע נאָטיצן. —ער דערנערט זיך זייער אָרים, מיט ציבעלע און מלינצעס; ער ליידט פון קללות און קלעפּ, איז גרייט לויפן אַ גאַנצן טאָג פאַר אַ פינף קאָפּיקעס. די הויפּטקראַפט, וואָס אים באַוועגט, איז — געלט! מיט זיין הילף קויפט ער זיך אויס זייער לייכט אין אַ פאַל, ווען ער איז אין אַ צרה".

און דאָך קוקט ער אויף די יידן ווי אויף בלוט־זויגערס פון דעם פּויערים־קלאַס. זיין ליבעראַליזם באַשטייט אין דעם, וואָס ער באַשיצט

דעם פויער, זיין פּאטריאָטיזם באשטייט אָבער אויך אין דעם, אז ער האלט, אז דער פּוילישער גוטבאזיצער עקספּלואטירט דעם פּויער אויך. די טי־פערע אורזאכן, וואָס האָבן געצווונגען יידן ווערן שענקער, אויף וועלכע ער איז מלא רציחה, פּונקט ווי א סך אנדערע דעקאבריסטן — קען ער נישט זען.

דער דעקאבריסט קרוקאָוו דער צווייטער קוקט זיך צו צום לעבן אין פּאָדאָליער גובערניע און זעט נאָר איין זאך: אז די „זשידעס" און די פּריצים זויגן דאָס בלוט פון די פּויערים.

דער דעקאבריסט גאנגעזלאָוו גיט אָן, אז דער איינציקער מאָטיוו, וועלכער האָט אים באוויגן אריינצוטרעטן אין דער געהיימער אָרגאַ־ניזאציע, איז געווען די שרעקלעכע עקספּלואטאציע פון די פויערים אין די ווייסרוסישע גובערניעס, צו וועלכער ער האָט זיך צוגעקוקט. אויב די פויערים זענען דאָרט אוממאָראליש, איז עס צו פּאַרדאַנקען די „זשידעס".

ספּירידאָוו, אן אָנגעזעענער מיטגליד פון די „פּאַראייניקטע סלאוויאנער", זעט די אורזאכן פון דער פּויערישער אָרעמקייט אין דעם, אז מען „צווינגט אלץ, וואָס איז נויטיק אין דער הויזווירטשאפט, צו קויפן ביי די יידן אין די שענקען". דער אוקריינער גאָרבאטשעווסקי, אויך א מיטגליד פון די „פּאַראייניקטע סלאוויאנער", קוקט אויף יידן מיט די אויגן פון זיין פּאָטער, וועגן וועלכן ער וויים צו דערציילן, אז יענער האָט פיינט געהאט די „ליאכעס און די זשידעס". „די זשידעס — ספּעציעל דערפאר, וואָס זיי האָבן „געהאלטן אין ארענדע די פּראוואָסלאוונע צערקוועס" און צוליב זיי האָט מען דעריבער געמוזט תפילה טון אין דער סלאווישער שפּראך באהאלטענערהייט.

מיט די מיינונגען טרעט ער אריין אין דער באוועגונג און אויך שפּעטער, זייענדיק אין קאטאָרגע, רעדט ער אין דעם זעלבן נוסח וועגן יידן און פּאָליאקן.

אז די אלע שטימונגען און מיינונגען זענען געווען אינדיווידועלע, איז נישט נויטיק צוצוגעבן. אין דער באוועגונג גופא זענען נישט געווען קיין שום צענטראליזירנדיקע טענדענצן, קיין שום שטרעמונג צו קריסטאַ־

ליזירן די פאַרשידענע מיינונגען, כדי פון זיי צו שאפן אַן איינהייטלעכן פּראָגראַם. שוין די געהיימניספולקייט און אונטערערדישקייט פון דער באַוועגונג האָט נישט געשאַפן קיין גינסטיקן באָדן פאַר אַזאַ מין פּראָגראַם.

יעדער האָט געהאַט זיינע נייגונגען, סימפּאַטיעס אָדער אַנטיפּאַטיעס.

נישט נאָר די „סאָלדאַטן", די געוועהנלעכע אַנטיילנעמער אין דער באַוועגונג, נאָר אויך די „גענעראַלן", די גייסטיקע פירער, די פּראָיעקטן־געבער האָבן אויך אויסגעדריקט נאָר זייערע אַנשויאונגען. דעריבער זענען דאָס מיינונגען פון יחידים, אָבער די מיינונגען פון די דאָזיקע יחידים זענען אינטערעסאַנט און וויכטיק אין צוזאַמענהאַנג מיט דער געזעלשאַפטלעכער באַדייטונג פון אַזאַ מין יחיד אין דער באַוועגונג. דאָס זעט מען צום בולטסטן, ווען מען באַקענט זיך מיט דער שטעלונג פון פּעסטעל און ניקיטאַ מוראַוויאָוו צו די יידן און צו דער יידנפראַגע.

4.

פּאַוועל איוואַנאָוויטש פּעסטעל איז געווען אַ זון פון דייטשע עלטערן, וועלכע האָבן זיך דערוואָרבן סיי פּאָליטיש, סיי גייסטיק רוסישע בירגערשאַפט. אַ קאַריערע האָט ער געמאַכט אין דער גוואַרדיע. ער האָט זיך זייער שנעל אַרויסגערוקט פון דער מאַסע אָפיצירישע מיטלמעסיקייטן אַ דאַנק זיין ערנסטקייט, בילדונג און זעלבשטענדיקייט אין דענקען. אַ מענטש מיט אַ לאָגישן שכל, אַ ראַציאָנאַליסטישער דענקער, האָט פּעסטעל יעדע זאַך אַנאַליזירט מיט דער עקשנות פון אַ שטאַרקן כאַראַקטער, וועלכער איז גרייט דערפירן זיין געדאַנק ביזן עקסטרעם. ער האָט זיך קיינמאָל נישט גערעכנט מיט די קאָמפּליצירטע באַדינגונגען פון די היסטאָרישע אומשטענדן און האָט געגלויבט, אַז יעדע אידעע קען באַלד פאַרווירקלעכט ווערן, אויב זי איז אין זיינע אויגן לאָגיש.

די, וועלכע האָבן אים געקענט, האָבן אים זייער הויך געשעצט. פּושקין שרייבט אין זיין טאָגבוך, אַז פּעסטעל איז איינער פון די קליגסטע מענטשן, וועלכע ער האָט באַגעגנט. וואָלקאָנסקי דריקט זיך אויס וועגן אים ווי פון אַ מענטשן „מיט אַ מערקווירדיקן מוח, ביל־

דונג, אין וועמעס הארצן עס לעבן הויכע פאטריאָטישע געפילן״. אן אנ־
דער דעקאבריסט, באסארגין, שטרייכט אונטער זיין פעאיקייט צו פירן
דיסקוסיעס און ארויפצווינגען אויף אנדערע זיינע מיינונגען. די סאָלדאטן
האָבן אים פארגעטערט. ווען מען האָט אים אויפגעהאָנגען צוזאמען מיט
פיר אנדערע דעקאבריסטן, האָט מען שטארק שפּיאָנירט זיינע סאָלדאטן,
זיי זאָלן נישט פארשפּרייטן ידיעות וועגן זייער געוועזענעם קאָמאנדיר־
רעוואָלוציאָנער. ער איז געווען א הייליקער, א פאָטער פאר די סאָלדאטן, —
אזוי דריקן זיך אוים די סאָלדאטן.

אויך די יידן האָבן אים געשעצט און ליב געהאט. אין טולטשין,
קיעווער גובערניע, ווו פעסטעל האָט געדינט, איז געווען א גרויסע יידישע
באפעלקערונג. מען קען זאָגן, אז דאָס איז געווען א טיפּיש יידיש שטעטל.
די יידן האָבן געלעבט פון מיליטער און זעלבפארשטענדלעך, אז מען
האָט גוט געקענט אלע אָפיצירן און אפילו די סאָלדאטן.

אין די יידישע שענקען פלעגן זיצן די סאָלדאטן אין די פרייע שעהן
און דערציילן וואונדער־געשיכטעס וועגן דעם פאָלקאָווניק, וועלכער שלאָגט
נישט די סאָלדאטן, גנבעט נישט קיין געלט פון דער „קאזנא״, באגייט
זיך אזוי פאָטערלעך מיט די סאָלדאטן.

ליעוו דייטש דערציילט אין זיינע מעמוארן ווי אזוי זיין מאמע
האָט אים דערציילט די געשיכטע פון די דעקאבריסטן. די מאמע האָט
געקענט די נעמען פון פעסטעל, מוראוויאָוו־אפּאָסטאָל און אויך פון די
אנדערע, וועלכע האָבן באצאָלט מיטן לעבן פאר דעם אויפשטאנד פון
14טן דעצעמבער 1825.

„ניט איין מאָל אין די אָוונטן, ארום דעם פאמיליע־טיש,
באלויכטן מיט א גרויסן הענג־לאָמפּ, האָט זי ליב געהאט זיך
צו טיילן מיט אירע זכרונות וועגן דעם לעבן אין טולטשין, און
צווישן אנדערע מיט דער געשיכטע, וועלכע זי האָט געהערט
וועגן דער פארשווערונג פון פעסטעל און פון זיינע חברים״.

„די פארשווערונג — דערציילט דייטש — האָט געמאכט א געוואל־
דיקן איינדרוק אויף דער יידישער באפעלקערונג, און ער גיט צו, אז אפילו
די רוסישע קינדער האָבן נישט געוווסט אזוי פיל וועגן די דעקאבריסטן,

ווי די יידישע". און ס'איז נישט קיין וואונדער. די פּארטרויאונג־מענטשן פון די פארשווערער זענען די יידישע שענקערס. זיי פירן עס פונאנדער די געהיימע בריוו, באפעלן, דאָקומענטן. מיט גרויס סימפּאַטיע דערמאָנען א סך דעקאבריסטן יידישע שענקערס ווי מיטהעלפערס, אָדער די, וועלכע האָבן געהאלטן די קאָנספּיראציע און נישט איין דאָקומענט פארניכט אין דער קריטישער מינוט.

אינסטינקטיוו האט די יידישע באפעלקערונג פון דרום־רוסלאנד מיטגעפילט מיט זיי (אין צפון־רוסלאנד זענען נישט געווען קיין יידן). זיי האָבן געפילט, אז אָט די אינטעליגענטע שטילע אָפיצירן זענען עפּעס ווי מלאכים, וועלכע ווילן אראָפּברענגען אויף רוסלאנד א מזל ברכה פון הימל. נישט אָריענטירנדיק זיך גענוי אין דער אידעעשער אָדער פּראָגראַ־מאטישער זייט, וועלכע איז דאָך אין אלגעמיין געווען א פארשלאָסענער סוד נישט נאָר פאר יידן, נאָר אויך פאר אלע זייטיקע — האָבן די יידן דאָך אויסגעדריקט, אפילו לאנג נאָכן בלוטיקן אונטערדריקן פון אויפ־שטאנד, זייערע סימפּאטיעס מיט די ערשטע רוסישע רעוואָלוציאָנערן.

די אַטמאָספערע אין רוסלאנד איז געווען פאר די יידן זייער אן אומגינסטיקע. דער קאָמיטעט פון מיניסטאָרן האָט אין אפּריל 1825 אָנ־גענומען א באשלוס, אז מען דארף ארויסטרייבן אלע יידן פון די דערפער אין וויטעבסקער און מאָהיליווער גובערניעס.

צום ערשטן יאנואר 1824 האָבן זיך געמוזט ענדיקן אלע קאָנטראקטן אויף ארענדעס פון שענקען, אכסניות און פּאָסטהייזער.

מיט א שרעקלעכער גרויזאמקייט האָבן די באאמטע זיך גענומען דורכצופירן דעם דאָזיקן באפעל. אין יאנואר 1824 זענען שוין איבער 20 טויזנט יידן געווען ארויסגעטריבן פון די דערפער.

אפּריל 1824 האט מען באפוילן ארויסצוטרייבן די יידן, וועלכע וווינען אויף א שטח פון 50 וויאָרסט פון דער גרעניץ. די עסטרייכישע יידן האָט מען פארבאָטן זיך באזעצן אין רוסלאנד, קאווקאז און אסטראַ־כאנער גובערניע האָט מען איינגאנצן ענדלעך פארשלאָסן פאר די יידן.

צענדליקער אנדערע גזירות האָבן זיך א שאָט געגעבן אויף די יידן אין רוסלאנד פון 1813 ביז 1825, ד"ה פון דעם זיגרייכן סוף פון דער מלחמה מיט נאַפּאָלעאָן, וועלכער איז אויך די צייט פון איבערברוך אין

אלעקסאנדערס פסיכיק — ווען דער ביז איצט שטארק ליבעראליזירנדיקער קייזער איז אריינגעפאלן אין די טיפע נעצן פון מיסטיציזם און רעאקציע.

אין אזא מין אטמאספערע האבן יידן, נאמירלעך, מיטגעפילט מיט די דעקאבריסטן. פעסטעל האט זיך צוגעקוקט צום יידישן לעבן. ער האט אבער נישט געבוים זיינע מיינונגען אויף דעם אוממיטלבארן אנאליז פון דער יידישער ווירקלעכקייט, נאר אויף גרויסע טעאריעס און מיינונגען, וועלכע ער האט געשעפט פון צוויי קוואלן: פון דער מערב־אייראפעאישער ליטעראטור וועגן דער יידנפראגע און פון די מיינונגען, וועלכע ער האט געהערט פון די פוילישע מאסאנען־רעוואלוציאנערן, מיט וועלכע ער האט זיך געטראפן.

פעסטעל איז געווען באקאנט מיט נאפאלעאנס מיינונגען וועגן יידן און יידנטום. אויך דער פאריזער סנהדרין פון 1806 איז אים נישט געווען פרעמד. פון מערב־אייראפע איז געקומען דער געדאנק, אז יידן דארף מען דערציען פאר בירגער, אז מען דארף רעפארמירן זייער רעליגיע — אז זי זאל נישט האבן אין זיך מעסיאנישע האפענונגען, וועלכע זענען אין ווי־דערשפרוך מיט די גרונט־פרינציפן פון בירגערשאפט דארטן וו זיי ווי־נען. ער מאטיווירט פארוואס באשעפטיקן זיך יידן נאר מיט האנדל און מעקלעריי דערמיט, וואס דאס זענען לייכטע פרנסות, וועלכע מען קען זייער שנעל ליקווידירן.

„ווארטנדיק אויף משיחן, האלטן זיך יידן פאר צייטווייליקע בירגער פון דער לאנד, וו זיי געפינען זיך און דעריבער ווילן זיי זיך נישט באשעפטיקן מיט אקערבוי. אפילו בעלי מלאכות פאראכטן זיי טיילווייז און מערסטנטייל פארנעמען זיי זיך מיט מסחר".

פעסטעל טיילט די מיינונג פון זיינע קאלעגן, אז יידן רואינירן די פויערים, דעמאראליזירן זיי.

פארשטייט זיך, אז פונקט ווי די מערב־אייראפעאישע „רעפארמא־טארס" פון יידישן לעבן קוקט אויך פעסטעל אויף יידן ווי אויף א קול־טורלאז פאלק.

די רבנים האלטן דאס פאלק „אין אן אומגלויבלעכער אפהענגיקייט

פון זיך, פאַרבאַטנדיק אין נאָמען פון גלויבן צו לייענען וועלכע ס'איז אנדערע ביכער" און גיט צו „אזא פאָלק וועלכעס זוכט נישט קיין ביל־דונג — וועט א מאָל בלייבן אין רשות פון אבערגלויבן". פעסטעל וויל אָפּשאפן די יידישע „סעפּאַראַטיסטישע" טענדענצן, דאָס הייסט די קהילה, וועלכע איז א „מלוכה אין א מלוכה".

ער איז אַ קעגנער פון א יידישער אויטאָנאָמיע, ווייל יידן האָבן אין רוסלאנד סיי ווי סיי מער פּריווילעגיעס ווי די קריסטן. פעסטעל קוקט אויף יידן ווי אויף מאָנאָפּאָליסטן פון האנדל, און דאָס איז קעגן די אינטערעסן פון דער מלוכה, ווייל די מלוכה דאַרף קודם כל אָפּשאפן די „נאַציאָנאַלע" אונטערשיידן פון די אַלע פעלקער און „עטנישע גרופּעס", וועלכע ווינען אין רוסלאנד.

„אַלע פעלקער (פּליעמענא) דאַרפן זיך צונויפגיסן אין איין פאָלק" — דאָס איז פעסטעלס פּאָליטישער אני־מאמין, דעריבער איז ער א קעגנער פון א פעדעראַטיווער רוסלאנד; ער איז א צענטראַליזאַטאָר, וועלכער וויל זען איין שטאַרק רוסלאנד, מיט „איין שפּראַך און גלויבן *) (דאָס שרייבט א לוטעראַנער, וועלכער וויל, אז נאָר פּראַוואָסלאַוויע זאָל הערשן אין רוסלאנד!).

זיין אידעאַל איז פולשטענדיקע אסימילאַציע. דאָס איז דער אידעאַל פון די מערב־אייראָפּעאישע, סיי יידישע, סיי נישט־יידישע פּאָליטיקער.

פעסטעל איז נישט צופרידן אויך מיט דעם, וואָס מען האָט באַפרייט די יידן פון מיליטער־דינסט, ווייל דאָס צוזאַמענלעבן זיך פון יידן מיט קריסטן — דאַרף זיך אָנהייבן קודם כל אין דער קאַזאַרמע, אזוי האָט אויך געדענקט נאַפּאָלעאָן.

און פון נאַפּאָלעאָנען האָט פעסטעל אויך גענאַשט די אידעע פון צוזאַמענרופן א ספּעציעלע קאָמיסיע פון רבנים, וועלכע זאָל זיך פאַר־נעמען מיט אויסזוכן מיטלען, ווי אזוי צו לייזן די יידנפראַגע.

מען דאַרף פרעגן די מיינונגען „פון די קליגסטע רבנים און פון די קליגסטע יידן". מען דאַרף אויסהערן זייערע פאָרשלאָגן און שפּעטער

---

*) ער מאכט אָן אויסנעם פאַר פּוילן, ווייל דאָרט איז דאָס נאַציאָנאַלע געפיל צו שטאַרק.

פאראָרדענען די אָנגענומענע מיטלען, אַז די אויבנדערמאָנטע שלעכטס (די באַזונדערע לאַגע פון די יידן) זאָל אָפּגעשאַפט ווערן און פארביטן ווערן מיט אַזאַ מין אָרדענונג, וועלכע זאָל אַנטשפּרעכן די גרונט־פּרינציפּן, וועלכע דארפן דינען פאַר אַ פונדאַמענט פון דעם פּאָליטישן בנין פון דער רוסישער מלוכה״.

די דאָזיקע אידעע פון אַ מין סנהדרין איז נישט די איינציקע, מיט וועלכער עס טראָגט זיך ארום פעסטעל.

אין זיין פּראָיעקט פאַר אַ קאָנסטיטוציע אין רוסלאַנד, וועלכע ער האָט אַ נאָמען געגעבן „רוסקאיא פּראַוודא״, אַנטוויקלט ער אַן אַנדער געדאַנק וועגן דעם, ווי אַזוי מען קען לייזן די יידנפראַגע. אויב יידן וועלן זיך נישט לאָזן אסימילירן, דאַמאָלס איז פאַראַן נאָך אַ מיטל.

„מען דאַרף אָנמערקן אַ זאַמלפּונקט פאַרן יידישן פאָלק — שרייבט פעסטעל אין דער „רוסקאיא פּראַוודא״— און געבן זיי אַ ביסל מיליטער צו פאַרפעסטיקן. ווען מען וואָלט צונויפגעזאַמלט אַלע רוסישע און פּוילישע יידן אין איין אָרט, וואָלטן זיי געווען מער ווי צוויי מיליאָן. פאַר אַזאַ גרויסע צאָל מענטשן, וועלכע זוכן פאַר זיך אַ פאָטערלאַנד, וואָלט געווען נישט שווער באַזיגן אַלע מניעות, וועלכע די טערקן קענען זיי אַנטקעגנשטעלן און דורכגייענדיק גאַנץ אייראָפּעאישע טערקיי אַריינמאַרשירן אין די אַזיאַטישע טערקיי. דאָרטן זאָלן זיי פאַרנעמען פּלאַץ און ערד, וועלכע זאָל קלעקן פאַר זיי און גרינדן אַ באַזונדערע יידי־שע מלוכה. נאָר אַזוי ווי די דאָזיקע גראַנדיעזע (איספּאָלינסקאָ־יע) אונטערנעמונג פאָדערט באַזונדערע באַדינגונגען און באמת אַ געניאַלן אונטערנעמונג־גייסט, דעריבער קען מען עס נישט ארויפלייגן ווי אַן אומבאַדינגטע פליכט אויף דער צייטווייליקער הויפּט־רעגירונג״.

דאָס איז דער צווייטער פּראָיעקט בנוגע צו די יידן פון רוסלאַנד. פון וואַנען האָט ער גענומען דעם פּלאַן? פעסטעל האָט מסתמא געהערט פון נאַפּאָלעאָנס אויפרוף צו די יידן פון א״י, וואָס ער האָט ארויסגעגעבן אין יאָר 1799. נישט פרעמד איז אים געווען אויך דער פּראָיעקט פון דעם

דייטשן פילאָזאָף פיכטע, וועלכער איז אין יאָר 1793 ארויס מיט אַ פאָר־שלאָג, אז מען זאָל דעראָבערן פאַלעסטינע און דאָרטן באזעצן די יידן.

עס איז דאָ אויך אַ ידיעה, אז דער משומד פרץ, וועלכער איז גע־שטאנען נאָענט צו געוויסע קרייזן פון די דעקאבריסטן, האָט משפיע געווען פעסטעלן מיט דער אידעע פון א יידישער מלוכה אין קרים אָדער ערגיץ אנדערש אין מזרח. דעם דאָזיקן געדאנק זאָל האָבן געהאט זיין פאָטער אברהם פרץ, און ער האָט עס איבערגעגעבן דעם זון. באמת איז דער גע־דאנק אוממיטלבאר געקומען צו פעסטעלן פון די פוילישע פאַטריאָטישע מאַסאָנען אין יאָר 1823 אויף די קאָנטראקטן אין קיעוו. אין יאנואר 1825, אין וואלד הינטער לוצק, האָט פעסטעל געהאט א געהיימע באראַ־טונג מיט די שלוחים פון דער פוילישער פאטריאָטישער געזעלשאפט וועגן א געמיינשאפטלעכער ארבעט לטובת דער פרייהייט. אין דער פוילישער דעלעגאציע איז צווישן אנדערע אויך געווען דער פראנקיסט קריזשאנאָווס־סקי. גראָד צו יענער צייט איז אויך אין דער פוילישער פרעסע און גע־זעלשאפטלעכע קלובן אָנגעגאנגען א הייסע דעבאטע וועגן דער יידנפראגע.

אין יאָר 1818 איז ארויס אין ווארשע אַן אַנאָנימע בראָשור — געווידמעט די סיים־דעפּוטאטן פון פוילן, ווו עס איז באהאנדלט גע־וואָרן די יידנפראגע אין דעם גייסט ווי פעסטעל האָט זי אנטוויקלט. דער אומבאקאנטער מחבר האָט פאָרגעשלאָגן, אז מען זאָל בעטן אלעקסאנדער דעם ערשטן, ער זאָל געבן א טעריטאָריע אין דעם „גרויסן טאָטערן־לאנד" אָדער אין דרום־רוסלאנד און דאָרט זאָל מען באזעצן די יידן.

א צווייטער שרייבער, דער גלח קסאווערי שאניאַווסקי, איז ארויס מיט א בראָשור, אין וועלכער ער פאָדערט אויף, אז די יידן זאָלן זיך צו־פאסן צו די פוילישע באדינגונגען, דאָס הייסט, זיי זאָלן זיך אסימילירן. אין פאל, אז זיי וועלן דאָס נישט וועלן, זאָל מען אויסזוכן אַ ספּעציעלע פראָווינץ און דאָרטן „גרינדן א יידישע מלוכה".

שאניאַווסקיס פראָיעקט איז געווען געדרוקט אין דעם זשורנאל „פאמיענטניק ווארשאַווסקי", אין 1815. ער שטימט מיט פעסטעלס פראָ־יעקט, וועלכער איז צום ערשטן מאָל אָנגעוואָרפן געוואָרן אין יאָר 1823. עס איז דעריבער קלאָר, אז פעסטעל האָט זיין פראָיעקט גענומען פון דער פוילישער פובליציסטיק. ווארשיינלעך האָבן די פוילישע רעוואָלוציאָנערן

באקאנט פעסטעלן מיט זייערע שטימונגען און געדאנקען וועגן דער יידנ־פראגע. קרזשיזשאנאָווסקי, דער פראנקיסט, איז ווי אלע פראנקיסטן, נע־וועזן דער עקסטרעמער אסימילאטאָר מיט שמד ווי אן ענדציל.

ער האָט דעריבער געקענט שטארק משפיע זיין פעסטעלן, אלענפאלס איז אין די פונקטן פון דער „רוסקאיא פראוודא", ווו עס ווערט באהאנ־דלט די יידנפראגע, דער פוילישער איינפלוס זייער שטארק *).

אויב פעסטעל איז א צענטראליסט און אן אָנהענגער פון צוואנג־אסימילאציע, זייענדיק גלייכצייטיק א רעפובליקאנער — איז ניקיטא מו־ראוויאָוו דער היפוך פון אים. ער איז אן אָנהענגער פון א פעדעראליסטי־שער רוסלאנד, וועלכע זאָל זיין א קאָנסטיטוציאָנעלע מאָנארכיע און איז קעגן דער צוואנגס־„אָברוסיעניע".

אין זיין פראָיעקט פון א קאָנסטיטוציע פאר רוסלאנד, זאָגט זיך ארויס מוראוויאָוו, אז אלע איינגעבוירענע (קאָרעננניע) איינוווינערס פון רוסלאנד, זענען גלייך פארן געזעץ.

זענען יידן אָבער אנערקענט ווי תושבים פון רוסלאנד?

מוראוויאָוו האָט צוזאמענגעשטעלט צוויי פראָיעקטן פון א קאָנסטי־טוציע פאר רוסלאנד. אין ערשטן פראָיעקט זאָגט ער זיך ארויס פאר באגרענעצונגען פאר יידן אין רוסלאנד, ווייל זייענדיק אויסשליסלעך א האנדל־פאָלק, קענען זיי שאדטן דעם אמתן רוסישן סוחרים־קלאס.

אין פאראגראף 79 פון זיין קאָנסטיטוציע לייענען מיר:

„די יידן קענען געניסן פון בירגעררעכט נאָר אין די ערטער, ווו זיי וווינען איצט, נאָר די פרייהייט זיך צו באזעצן אין אנ־דערע ערטער ווען זיין אָפהענגיק פון באזונדערע תקנות פון דעם העכסטן פאָלק־פארלאמענט (וויעטשע)".

---

*) אין קעניגרייך פוילן האָבן יידן קיין פאָליטישע רעכט נישט געהאַט. אפילו נאָוואָסילצעוו, וועלכן אַ פאַר יידישע היסטאָריקער האַלטן פאַר אַ יידנפריינד, האָט אין זיין פראָיעקט פאַר אַ קאָנסטיטוציע אין פוילן אין 1815, די יידן קיין רעכט נישט געגעבן. דער זעלבער נאָוואָסילצעוו האָט אין יאָר 1818 צוזאַמענגע־שטעלט פאַר אַלעקסאַנדער דעם ערשטן אַ פראָיעקט פאַר אַ קאָנסטיטוציע אין רוס־לאַנד, און האָט אויך יידן אָפגעזאָגט אין בירגעררעכט.

דאקעגן גיט ער די פולשטענדיקע רעכט צו יעדן איינוווינער פון רוסלאנד, ער זאָל קענען געהערן צו דער רעליגיע, צו וועלכער ער וויל.

„קיינער קען נישט ווערן געשטערט אין אויספירן פון זיינע תפילות לויט זיינע געפילן און געוויסן — אויב דאָס איז נישט קעגן די געזעצן פון דער נאטור און דער מאָראל".

דאָ זעען מיר בולט די שפורן פון דער פראנצויזישער דעקלאראציע פון מענטש און בירגער.

ווי דעפּוטאטן אין די פאָלק־אינסטיטוטן (פּארלאמענטן אאז"וו) קענען זיין נאָר קריסטן. די סענאטאָרן אָדער די „וויעלמאזשעס" — לויט זיין טערמינאָלאָגיע, קענען זיין נאָר פראוואָסלאווע, דעפּוטאטן אָדער דוואָריאניע — ווי זיי הייסן ביי אים, קענען זיין אויך קאטאָליקן, רע־פאָרמירטע פּראָטעסטאנטן און ליוטעראנער.

אין דער צווייטער רעדאקציע פון זיין פּראָיעקט האָט שוין מוראַ־וויאָוו געביטן זיין מיינונג. ער גיט די יידן פּאָליטישע רעכט אין גאנץ רוסלאנד, — דאקעגן אין דעם ערשטן פּראָיעקט האָבן זיי געהאט נאָר רעכט אין תחום המושב. אין וואָס זענען באשטאנען די רעכט, האָט ער קלאָר נישט אויסגעדריקט. ווארשיינלעך האָט ער געוואָלט געבן די יידן די רעכט צו וויילן און זיין געוויילט אין די שטאָטישע זעלב־פּארוואל־טונגען, וועלכע יידן האָבן געהאט אין ווייסרוסלאנד און ליטע אין דער צייט פון יעקאטערינע און פאוועל.

דער פּאראגראף 11 פון זיין פּראָיעקט דערקלערט, אז אלע „וועלכע זענען תושבים אין רוסלאנד, ווי אויך קינדער פון אויסלענדער, וועלכע זענען געבוירן געוואָרן אין רוסלאנד", זענען אנערקענט פאר רוסישע. דער פּאראגראף 42 רעדט וועגן „פרייהייט פון געוויסן".

דאָס זענען די הויפּטשטריכן פון זיין זייער מטושטשן פּראָיעקט. ער האָט די פּראָיעקטן נישט אויסגעארבעט מיט אזא קלאָרקייט ווי פעסטעל.

איינס איז קלאָר, אז פעסטעל וויל מאכן פון די יידן גלייכע ביר־גער, אויב זיי וועלן זיך אסימילירן; דאקעגן מוראוויאָוו — אונטער אלע אומשטענדן אנערקענט זיי ווי בירגער פון צווייטער קאטעגאָריע.

5.

עס איז אויך כדאי צו דערמאָנען פּראָיעקטן פון אנדערע דעקאַבּ־ריסטן — ווי אזוי צו לייזן די יידנפראגע. זיי זענען אין דער היסטאָרי־שער ליטעראטור אין גאנצן נישט באארבעט געוואָרן. דעריבער איז א קורצער איבערבליק איבער די פּראָיעקטן פון גרויסן היסטאָרישן אינטערעס.

דער דעקאבריסט באָריסאָוו דערליידיקט די פראגע אין זיין „קאָ־טעכיזם פון די פאראייניקטע סלאַוויאנער", וועלכער איז א מין טעאָלאָ־גיש־פּאָליטישער טראקטאט, מיט איין קורצן זאַץ: „דו זאָלסט טאָלערירן אלע גלויבנס און רעליגיעס".

דער דעקאַבריסט סערגעי פּעטראָוויטש טרובעצקאָי איז אין זיין פּראָיעקט פון א קאָנסטיטוציע — פאר אבסאָלוטע רעליגיע־טאָלעראַנץ. וועגן פּאָליטישע רעכט רעדט ער אין גאנצן נישט.

גראף דמיטריעוו־מאמאנאָוו איז דערפאר, אז אין דעם פּאַרלאמענט (נאראָדנאָיע וויעטשע) זאָלן זיצן נאָר קריסטן.

די זעלבע מיינונג געפינען מיר אין דעם בריוו פון בעסטוזשעוון צו ניקאָליי דעם ערשטן.

מאמאנאָוו איז אויך דערפאר, אז מען זאָל „א העלפט פון די זשי־דעס פון פּוילן אריבערפירן אין די נישט־באוווינטע גובערניעס און דאָרט זיי אָפּשמדן".

דער דעקאבריסט ספּירידאָוו, אויך א מיטגליד פון דער דרום־רוס־לענדישער אָרגאניזאציע, גלויבט בכלל נישט אין דער מעגלעכקייט צו אסימילירן יידן.

> „עס וועט קיין מאָל זיך נישט איינגעבן זיי (דאָס הייסט די יידן) צו איבערציינגן, אז זיי זאָלן ווערן רוסן, ווייל דאָס איז קעגן די געזעצן פון זייער גלויבן".

דעריבער שלאָגט ער פאָר, אז די יידן זאָלן בלייבן ביי די רעכט, וועלכע זיי האָבן ביז איצט. זיי קענען נישט ווערן קיין בירגער פון רוסלאנד.

אין די דאָזיקע מיינונגען שפּיגלט זיך אָפּ די גאנצע פרעמדקייט און ווייטקייט פון דעם עצם פון דער יידנפראגע פאר דער דאמאָלסטיקער רוסישער ליבעראלער אינטעליגענץ.

די ליבעראַלן אָונטערשיידן זיך פון די אַנטיסעמיטן נאָר מיט קליינינקייטן.

די ביידע מיינונגען —ווי זיי זאָלן זיין כאַאָטיש, אומקלאָר און נישט צייטיק,— זענען אַן אָפּשפּיגלונג פון די זעלבע שטימונגען בנוגע צו די יידן, וועלכע האָבן געהערשט אין דער פּובליציסטיק און אין דער געזעלשאַפטלעכער מיינונג פון מערב־אייראָפּע. די טראַגעדיע אין רוס־לאַנד איז אָבער באַשטאַנען אין דעם, וואָס די יידנפראַגע איז געווען קאָמ־פּליצירטער, און די יידן־רעפאָרמאַטאָרן זענען געווען א סך אויבערפלאַכ־לעכער פון זייערע מערב־איירָאָפּעאישע קאָלעגן.

(„די צוקונפט", דעצעמבער 1925).

אַ זעלטענע כאַראַקטעריסטיק פון דער ידישער שמד־בורזשואַזיע אין פּוילן מיט הונדערט יאָר צוריק

די ידיש־פּוילישע בורזשואַזיע איז שוין אַ שם־דבר. איר נעגאַטיווע ראָלע אין דער געשיכטע פון ידן אין פּוילן איז אָבער מערסטנטייל נאָר אויבנאויפיק סקיצירט געוואָרן. ווי אַזוי איז זי אַנטשטאַנען און ווי אַזוי איז פאַרגעקומען דער פּראָצעס פון רייך ווערן, האַלב־אַסימילאַציע ביז שמד און אַפילו אַקטיוון אַנטיסעמיטיזם — די דאָזיקע אייגנאַרטיקע עוואָלוציע, וואָס האָט נישט קיין אַנאַלאָגישעס אין דער געשיכטע פון ידן אין אַנדערע לענדער — איז נרינטלעך נישט אויסגעפאָרשט געוואָרן.

און דאָס איז דערפאַר — ווייל מיר האָבן נישט קיין מעמוארן פון פּוילישע ידן, וואָס געהערן צו דעם קלאַס. אויב עמיצער פון די אָנגעזעענסטע ידישע פּערזענלעכקייטן אין פּוילן האָט געשריבן ווען עס איז זיינע מעמוארן — האָט ער זיך נוהג געווען אײַנגאַנצן צו פאַרשווייגן זיין אָפּשטאַם. אַזוי, למשל, האָט דאָס געטון דער וועלט־באַרימטער באָטאַניקער און זאָאָלאָג יוזעף נוסבוים, דער פּראָפעסאָר פון לעמבערגער אוניווערסיטעט און דער זון פון הלל נוסבוים, אַ היסטאָריקער און ידישער כלל־טוער. גראָד די נוסבוים־משפּחה איז זייער אַ טיפּישע פּאַר אילוס־טרירן די עוואָלוציע פון דער ידישער אַסימילאַציע אין פּוילן. דער דאָזיקער פּראָפעסאָר נוסבוים דערמאָנט אַפילו נישט ווער זיין פאָטער איז געווען (ער אַליין איז שוין געווען געשמדט — בעת ער האָט געשריבן די מעמוארן זיינע — ער זאָגט נאָר, אַז זיין טאַטע איז געווען... אַ ברונעט און מער קיין וואָרט נישט.

קיין אויטאָביאָגראַפישע עלעמענטן פאַר דער שילדערונג פון דעם פּראָצעס פון אַסימילירן זיך אין די בורזשואַזע יידישע קרייזן אין פּוילן, נעבן זיינע מעמואַרן נישט. אַנדערע — דאָס זעלביקע.

דערפאַר איז זייער אינטערעסאַנט זיך צו באַקענען מיט אַ כאַראַק־טעריסטיק פון דער יידישער בורזשואַזיע אין פּוילן מיט אַן ערך הונדערט יאָר צוריק. די דאָזיקע כאַראַקטעריסטיק שטאַמט פון דער פעדער פון אַ פּוילישן היסטאָריקער, אַ מענטש מיט פיינע באָבאַכטונגס־פעאיקייטן. דאָס איז אַ געוויסער קאַראָל האָפמאַן, דער מאַן פון דער באַרימטער פּוילישער שריפטשטעלערין און פּעדאַגאָגין קלע־מענטינאַ טאַנסקאַ האָפמאַנאָווא.

דער דאָזיקער האָפמאַן איז געווען דער פּערזענלעכער סעקרעטאַר פון פירשט טשאַרטאָריסקי, דעם אָנפירער פון דער קאָנסערוואַטיווער פּאַרטיי. ער האָט אָנגעשריבן אַ רייע ווערק וועגן פּוילישער געזעצגעבונג און אויך וועגן פאַרשידענע געזעלשאַפטלעכע פראַגן.

אין זיינע מעמואַרן, וואָס נעמען אַרום אַ תקופה פון איבער פופציק יאָר (1800—1855), גיט האָפמאַן אָפּ אַ סך פּלאַץ דעם יידישן לעבן.

פון די דאָזיקע מעמואַרן, וואָס זענען קיינמאָל נישט געווען געדרוקט און געפינען זיך אין דער אַקאַדעמיע פון וויסנשאַפט אין קראָקע, נעם איך אַרויס די כאַראַקטעריסטיק פון דער יידישער שמד־בורזשואַזיע.

עס קען גרייַלעך זיין, אַז די כאַראַקטעריסטיק איז אַ ביסל איבער־געטריבן און האָט אַ פּאָר קאַריקאַטור־שטריכן אין זיך, וואָס דער פּיל־באַרער ייד וועט האַלטן פאַר אַנטיסעמיטיזם, אינגאַנצן אָבער גענומען — גיט דאָס דאָזיקע קאַפּיטל אַ פּלאַסטיש בילד וועגן דעם אויפקומען פון דעם קלאַס אַרויפגעאַרבעטע יידן אין פּוילן, וואָס האָט שפּעטער באַהערשט דאָס יידישע לעבן, אַפילו זייענדיק געשמדט און האָט געגעבן דעם טאָן און מוסטער פאַר דעם טרויעריק־באַרימטן פּאָליאַק פון משה רבינום גלויבן.

גלייכצייטיק גיט דאָס בילד אַ באַגריף פון דער אַנטוויקלונג פון דער שמד־מגפה אין די קרייזן פון יידישע פּראָצענטניקעס, וואָס האָבן געטראָגן אַזאַ אומשולדיקן נאָמען, ווי באַנקירן.

דער אָריגינאַל איז פּויליש. מיין איבערזעצונג איז כמעט אַ פּינקט־

לעבע — הגם עס לאָזט זיך נישט אזוי לייכט איבערגעבן האפמאנס פּלי־סיקע און לעבעדיקע שפּראך מיט אלע אירע ניואנסן.

ווען יידישע גבירים אין פּוילן

„א ייד אין פּוילן, ווען ער גאָלט זיך אָפּ און מאכט זיך ריין, טוט זיך איבער אויפן פראנצויזישן פאסאָן — הייבט אָן שפּילן א ראָלע פון א סוחר און שפּעטער פון א באנקיר. ווען ער ארבעט זיך ארויף צו וועלכן עס איז קאפּיטאל דורך פּאדריאדן אָדער אויסשטייג־געשעפטן, אָדער אין פארשידענע מלוכה־אונטערנעמונגען, דאן הייבט ער אָן צו טראָמייטן מיט דער הילף פון זיינע מענטשן, — אז ער איז רייך און עפּנט קודם כל א וועקסל־קאנטאָר, ד״ה ער בייט אויס פארשידענע אויסלענדישע מטבעות, קויפט און פארקויפט פרעמדע וואלוטע און נאָכדעם הייסט ער זיך רופן: הער באַנקיר. מיט דער צייט הייבט ער אָן צו פארקויפן וועקסלען „אויף בערלין", ברעסלוי, דרעזדן, שיקנדיק אהין פריער פארשידענע „שערס" און אנדערע פאפּירן פאר א משכון.

דאן הייבט ער אָן האלטן פון זיך, ווי פון א מיליאָנער און הייסט, אז די יידן, די קבצנים, די מעלקערס זיינע, וואָס לויפן ארום אומעטום און זוכן פאר אים גאָלד און ווערטפאפּירן, — אז זיי זאָלן אים אומעטום מאכן אזא שם.

און אליין רעדט ער זיך איין, אז ער איז רייך. די זין און טעכטער הייסט ער זיך לערנען פראנצויזיש און טאנצן און דערציילט יעדערן וועגן דעם. ער אליין באוואונדערט די טאלאנטן פון זיינע קינדער.

זונטיק דינגט ער שוין אמאָל א דראזשקע פאר א גילדן און פאָרט שפּאצירן, האלטנדיק אין די הענט א שטעקן מיט א גאָלדן אָדער עלע־פאנט־הענטל. ער קוקט זיך אום אויףביידע זייטן, נעמט אַראָפּ דעם הוט פאר באקאנטע און גריסט זיך זייער פריי. דאָס טוט ער דערפאַר, אז אלע זאָלן מיינען, אז ער פאָרט מיט דער דראזשקע נישט צוליב געשעפטן, נאָר סתם אויף א שפּאציר.

די זין און די טעכטער רעדן שוין נישט אנדערש צווישן זיך, ווי אויף פראנצויזיש און ציען די אותיות פון גאָרגל.

ווען זיי געפינען זיך אין די עפנטלעכע גערטנער, רעדן זיי בעת דעם שפאצירן אזוי הויך, אז אלע זאָלן הערן, אז זיי רעדן פראנצויזיש.

זייערע טאטעס און מאמעס טוען זיך נאָך נישט אָן אינגאנצן מאָדערן —נאָר מער ווי אויף א העלפט— יידיש. געוועהנלעך טראָגן זיי לאנגע, טונקעלע קאפאָטעס, די שיך נאָר איינמאָל א וואָך אויסגעפוצט און וועש נישט אלעמאָל פרישע. אָבער דערפאר זייערע קינדער! זיי באמיען זיך צו גיין לויט דער לעצטער מאָדע, זאָל זיין אפילו א משוגענע.

די זין זוכן פאר זיך פרויען און די טעכטער מענער — מערסטנטייל אין אויסלאנד, ווי למשל, בערלין, ווין, ברעסלוי, דרעזדן, אומעטום זוכן זיי נדן און האנדלס־באציאונגען.

ווען זיי קריגן דאָרט געלט־דעקונג, האלטן זיי זיך שוין פאר אמתע באנקירן.

דאמאָלס „עפענען" זיי זיך א הויז אָנגעשטאָפּט מיט מעבל און שפּילצייג — בכדי צו ווייזן, אז מען איז פארמעגלעך און פארזיכערן זיך א קרעדיט. זיי לאדן איין פאר אָוונט פארשידענע באאמטע אזוי לאנג — ווי זיי דארפן זיי צו מאכן א גוט געשעפט. מען נעמט זיי אויף זייער ברייטלעך און מען רעכנט זיך שוין נישט מיט כשר און טריף און מען הייבט אָן צו קוקן מיט גרינגשעצונג, נישט נאָר אויפן תלמוד, נאָר אויך אויף די דינים פון משהס גלויבן. מען שטעלט אוועק האמבורגער קישקעס, איטאליענישע סאלאמי, אסטראכאנער קאוויאר אא"וו.

מען פאָרט מיט עקיפאזשן, אימפּאָרטירט דירעקט פון ווין. מען צעלייגט זיך אין זיי, פארלייגנדיק א פוס איבער א פוס. ווען מען טרעפט אין גאס גלייכע און נידעריקערע פון זיך, באגריסט מען מעשה פראָטעקציע; העכערע — באגריסט מען פרייער, בכדי צו ווייזן, אז מען איז עפעס. זיי באמיען זיך צו פאָרן בייטאָג אין א קאָטש מיט עפעס א הויכן באאמטן אָדער א גענעראל, ווענען זיי לאדן איין צו זיך אין קארעטע.

דעמאָלס פאָרן זיי לאנגזאם, גריסן זיך צו יעדערן, אפילו צו ווינציק באקאנטע — בכדי די דורכגייער זאָלן באמערקן מיט וועמען עס פאָרט דער הער באנקיר און וואָס פאר א באקאנטשאפטן ער האָט.

וואָלט אפשר עמיצער געמיינט, אז זיי זענען שוין אויס יידן, זיך

געשמדט, ווייל מען עסט חזיר־פלייש און טריפה־ווורשט? א טעות! צום שמד האָט זיי נאָך דאָס געשעפט נישט געצווונגען.

עס לעבט נאָך דער אלטער טאטע און די אלטע מאמע. עס איז נאָך דאָ א האָפענונג צו קריגן א ירושה נאָך א שטאָק־פרומען קרוב.

אָבער ווען עס וועט קומען די צייט וועגן שמד, אלס א הילפס־מיטל צו מאכן א גוט געשעפט — דעמאָלט קומט פאָר א משפחה־בּאראטונג בנוגע דעם, וואָס פאר א קריסטלעכע רעליגיע מען זאָל אויסוויילן. און מען קלויבט זיך אויס אָן א שום צוגרייטונג און אָן עקרים פון דער אמונה — אזוי ווי עס וואָלט זיך געהאנדלט וועגן א שפּיל אָדער פארווײלונג.

דער מאן קלויבט אויס געוועלנלעך דעם רעפאָרמיר־עוואנגעלישן גלויבן; ער לאָזט איבער די קינדער די פולע פרייהייט אָננעמען דעם זעל־ביקן אָדער אויגסבורגער עוואנגעלישן.

די פרוי מיט די טעכטער נעמען אָן געווענטלעך אָדער דעם קאטוי־לישן גלויבן, ווייל זונטיק הערט מען גוטע מוזיק, אָדער די פראוואסלאווגע רעליגיע, ווייל ביי זיי זינגט מען וווּנדער־שיין, די צרה איז אָבער, אז אין די צערקווען איז נישטאָ ווו זיך אנידערזעצן, דעריבער איז בעסער צו פארבלייבן קאטויליש! און אזוי ווערט שנעל דערליידיקט אויך דער ענין פון רעליגיע".

די דאָזיקע כאראקטעריסטיק איז אפשר אביסל שארזשירט — זי איז אָבער היסטאָריש א ריכטיקע. די געשיכטע פון גרויסע משפחות אין פוילן, ווי קראנענבערג, לעסער, ווערטהיים, עפּשטיין, יאנאש און אנדערע — היינט אינגאנצן משומדישע משפחות — באשטעטיקן, אז די דאָזיקע שיל־דערונג פון האפמאנען איז ריכטיק אין תוך — הגם אביסל אנטיסעמי־טיש אין אופן פון כאראקטעריזירן.

(„די פרעסע", יובל־נומער, 1928)

דרייהונדערט יאָר „צאינה וראינה"

מיט דרייהונדערט יאָר צוריק האָט מען אין דער שטאָט פּראָג גע־בראַכט צו קבורה א יידן מיטן נאָמען יעקב בן יצחק. דער דאָזיקער ייד איז געווען א וואַנדערנדיקער מגיד, וואָס איז ארומגעפאָרן איבער שטעט און לענדער, געהאַלטן שיינע, האַרציקע דרשות און האָט מסתמא פאַר־קויפט „טייטש־ספרים פאַר ווייבלעך און מיידלעך". ער איז אָבער נישט געווען קיין געוועגלעכער „ספרים־טרעגער" אָדער „פּאַקן־טרעגער", וואָס גיט ארוים פרעמדע חיבורים אָדער פאַרקויפט ווערק פון אנדערע. ער האָט אליין אָנגעשריבן א רייע ספרים סיי אויף לשון־הקודש, סיי אויף עברי־טייטש, און האָט באַדאַרפט גיכער זאָרגן פאַר זיינע ווערק, איידער פאַר פרעמדע.

דער דאָזיקער יעקב בן יצחק איז דער מחבר פון דעם באַליבטסטן און פּאָפּולערסטן ספר, וואָס איז געווען אין דער אַלטער יידישער ליטע־ראַטור. דער דאָזיקער ספר הייסט — „צאינה וראינה".

יעקב בן יצחק איז געווען א פּוילישער ייד. אונטערגעשריבן האָט ער זיך „יעקב בן יצחק אשכנזי". דאָס מיינט אָבער נישט, אז דער מחבר פון „צאינה וראינה" שטאַמט פון דייטשלאַנד. א סך יידן אין פּוילן האָבן געהייסן אשכנזי. סוף כל סוף זענען די יידן קיין פּוילן געקומען פון דייטש־לאַנד און האָבן טאַקע אַלעמאָל שטאָלצירט מיט דעם, וואָס זיי זענען „בני אשכנז". און אין 1559 האָבן מיר א יידן אין פּויזן, וואָס רופט זיך אשכנזי, הגם ער איז א געבוירטיקער א פּויזנער, וואָס איז דעמאָלט געווען פּוילן. איינער פון די אשכנזים האָט אפילו פאַרפּוילישט זיין נאָמען און שרייבט זיך (אין 1598) גאָר „ניעמיעץ", וואָס מיינט אויף פּויליש א דייטש.

ר׳ יעקב בן יצחק אשכנזי איז געבוירן געוואָרן אין שטעטל יאנאַ־ווע, נישט ווייט פון לובלין. וועגן זיין לעבן ווייסן מיר גאָר ווינציק. ווי א סך יידן פון יענער צייט, האָט אויך אונזער אשכנזי געהאַלטן, אז ער שטאַמט פון גרויס יחוס, אזש פון רש"ין. מען קאָן אָבער זיך אויף זיינע ווערטער אין דעם פּרט נישט פאַרלאָזן. איין זאַך איז אָבער א זיכערע: ער האָט געהאט א שם פון א תלמיד־חכם, געווען שטאַרק געליבט פון די גרעסטע רבנים פון זיין תקופה. און געווען איז עס א תקופה פון גאָר גרויסע רבנישע אויטאָריטעטן, אזוי, אז מען קאָן זיך גראד אויף זייערע מיינונגען פאַרלאָזן.

ר׳ יעקב בן יצחק איז געווען אַן אויסגעצייכנטער מגיד. זיינע באַ־אַרבעטונגען פון מדרשים און אגדות, וואָס זענען אריינגעפלאָכטן אין זיין „צאינה וראינה", באַווייזן, אז ער האָט זיך מיט זיי באַנוצט אין די דרשות. מסתמא האָט ער אין זיינע רייזעס איבער דער וועלט אָנגעשפּאַרט אין פּראָג, ווו ער איז געשטאָרבן אין יאָר 1628.

די ליטעראַרישע טעטיקייט האָט יעקב בן יצחק אשכנזי אָנגעהויבן פאַר 1585, ווייל אין יאָר 1585 גיט ער ארויס אין קראָקע א העברעאישע ספר אונטערן נאָמען „שרש יעקב", א מין רשימה פון דינים, וואָס ווערן דערמאָנט אין „שולחן ערוך" און אין „יורה דעה". דאָס איז זיין איין־איינציקער העברעאישער חיבור. אַלע אנדערע ווערק זענען געשריבן אויף יידיש.

אשכנזי האָט פאַרפאַסט דריי יידישע ספרים: „מליץ יושר", „המגיד" און „צאינה וראינה".

דער „מליץ יושר" איז א זאַמלונג פון פּירושים צו דער תורה, גענומען פון פאַרשידענע ספרים. דער ספר האָט באַדאַרפט דינען דעם יידישן ליי־ענער פון יענער צייט אַנשטאָט דרשות. דער דרשן פלעגט זעלטן פאַר־בלאָנדזשען אין די פאַרוואָרפענע ישובים און דעריבער זענען די ישובני־קעס געוואַקסן גרויסע עם־הארצים. דעריבער האָט דער מחבר פון „צאינה וראינה" געוואָלט זיי געבן א ספר, וועלכן מען קאָן לייענען לאַנגזאַם אין דער היים און אליין פאַרשטיין. אפילו די, וואָס האָבן א געלעגנהייט צו הערן א דרשה — זאָגט ער — קאָנען אויך נישט אַלעמאָל פאַרשטיין דעם

אינהאַלט און דעם געדאַנק. דעריבער וועט ער זי קאָנען באַגרייפן פון דעם ספר און „רידן מיט זיין חבר דרוך". דער „מליץ יושר" איז געווען גע־דרוקט צום ערשטן מאָל אין 1585, און אכציק יאָר שפּעטער איז ארויס אין אמסטערדאַם א צווייטע אויסגאַבע.

דער צווייטער ספר, וואָס יעקב בן יצחק אשכנזי האָט פאַרפאַסט, איז דער „המגיד".

דער „המגיד" איז אַן איבערזעצונג פון נביאים וכתובים, מיט א פאָלקסטימלעכן פּירוש. די אויפגאַבע פון דעם חיבור ווערט דערקלערט פון דעם מחבר גופא אין דער הקדמה. ער וויל, אז יעדער זאָל פאַרשטיין די „עשרים וארבע וויא מן עש קנעלט". דעריבער האָט ער אויך געדרוקט רש"ים פּירוש, „דען ווער דא ווערט קענען דאָש טייטשי פּירוש, ווערט רש"י אויך פערשטין (פאַרשטיין) בשורש, און איטליכער קאָן איין למדן ווערן, די תורה ווערט זיך מערן".

דער „המגיד" האָט געהאַט אַן אויסערגעוויינלעכן דערפאָלג, אָבער מען קאָן נישט פאַרגלייכן דעם דערפאָלג פון „המגיד" מיטן טריאומפאַלן מאַרש פון זיין דריטן ספר „צאינה וראינה".

„צאינה וראינה" מאַרשירט שוין העכער דריי הונדערט יאָר איבער שטעט און שטעטלעך, דערפער און ישובים פון די אַלע מקומות, ווו עס איז געווען און איז נאָך דאָ א יידיש־ריידנדיקער קיבוץ. דער דערפאָלג פון „צאינה וראינה" איז איינער פון די גרעסטע, וואָס איז בכלל אויס־געפאַלן אויף א חיבור פון דער אַלטער יידישער ליטעראַטור. אפילו די מעשה־ביכלעך לאָזט ער אין שאָטן. עס איז גענוג צו זאָגן, אז זינט עס איז ארויס די ערשטע אויסגאַבע פון „צאינה וראינה" (לובלין, 1616) איז ביז איצט באַקאַנט 126 אויפלאַגעס פון דעם באַליבטן פאָלקסבוך. דער ספר האָט זיך אויך געדרוקט אין א סך לענדער. אין דייטשלאַנד, בעמען, רוסלאַנד, פּוילן, גאַליציע — אומעטום האָט מען אים איבערגע־דרוקט און מען דרוקט אים איבער עד־היום.

אפילו אויף לאַטיין האָט מען איבערזעצט דאָס דאָזיקע ווערק. אין 1661 האָט א קריסט מיטן נאָמען יאהאַנעס שובערט, ארויסגעגעבן אויף לאַטיין א טייל פון „צאינה וראינה". אין 1846 איז ארויס א פראַנצוי־

זישע איבערזעצונג. עס איז אויך פאראן א נישט־פארענדיקטע דייטשע אויסגאבע פון „צאינה וראינה".

וואס איז די סיבה פון דער פאפולאריטעט פון „צאינה וראינה"? עס איז קודם כל דער כאראקטער פון בוך.

„צאינה וראינה" איז נישט סתם אן איבערזעצונג פון חומש, א טרוקענע פארייִדישונג פון העבראישן טעקסט. אין דער אלטער יידישער ליטעראטור זענען פאראן אזעלכע מעכאנישע, ווערטלעכע איבערזעצונגען פון תנ"ך, וואס דערמאנען זייער דאס פארטייטשן פון אונדזערע מלמדים אין חדר. די דאזיקע איבערזעצונגען האבן קיינמאל נישט געהאט קיין גרויסן דערפאלג. שטיף האט זייער גוט כאראקטעריזירט די דאזיקע מלמ־דישע איבערזעצונגען, דאס זענען —זאגט ער— מער פראטאקאלן פון מלמדישן קנעלן, איידער איבערזעצונגען.

„צאינה וראינה" איז א הארציקע, פאעטישע איבערדערציילונג פון חומש. עס איז אן איבערדיכטונג. דאס ווערק איז דורכגעפלאכטן מיט רש"י, דער אגדתא, פארשידענע מפרשים. עס איז דא צונויפגעמישט מא־ראל מיט פאנטאזיע, עטיק מיט פלאסטישקייט. דער מגידישער טאן איז אין דער „צאינה וראינה" א מיטל, פיין אויסגענוצט, מיט געפיל, מיט פראפארציע, געשמאק.

„צאינה וראינה" פארמאגט א ווייכע, ריטמישע שפראך. דאס איז די הארציקע שפראך, די מעלאדישע פראזע, וואס האט אזוי געווירקט מיט איר אינטימיטעט, פאלקסטימלעכקייט, קלארקייט און פשטות.

א פאר ביישפילן וועלן העלפן צו זען די שיינקייט פון „צאינה וראינה". אין פרשת בראשית געפינט זיך אזא דרוש צום פסוק: „ויאמר אלהים יהי אור ויהי אור":

„הקב"ה האט באשאפן צוויי ליכט: די זון און די לבנה צו לייכטן אויף דער וועלט; און נאך א ליכט האט גאט באשאפן: צו די צדיקים, ווען משיח וועט קומען. דאס ליכט איז גאנץ גרויס און ווייל די וועלט האט נישט זוכה געווען צו אזא גרויסע ליכט, דערום האט גאט דאס ליכט בא־האלטן צו די צדיקים" (ארטאגראפיע מאדערניזירט).

אין פרשת תולדות צום פסוק: „ויזרע יצחק בארץ ההיא וימצא בשנה ההיא מאה שערים":



אַ זייטל פון „צאינה וראינה"
ארויסגעגעבן אין באזעל, 1622

„און יצחק האָט געזייט אין דעם לאַנד און האָט געפינען אין דעם יאָר—הונדערט מאָס און גאָט האָט אים געבענטשט. פרעגט רש״י: נאָך וואָס האָט ער געציילט? א מער די ברכה רוט נישט אויף אַ זאַך, וואָס מען ציילט אָדער מען מעסט? דער תירוץ איז: מען האָט געדאַרפט מעשר געבן, האָט מען געמוזט ציילן, מען זאָל וויסן וויפיל מעשר. איז די ברכה געווען אפילו נאָכדעם ציילן, דאָס פון א מאָס איז געוואקסן הונדערט מאָס און יצחק איז זייער רייך געוואָרן, ביז מען האָט געזאָגט: דאָס מיסט פון זיינע מויל־אייזלען מאַכט מער געלט פון דעם גאָלד און זילבער פון אבימלך. פרעגט מען א קשיא: פאַרוואָס האָט מען געזאָגט: דאָס מיסט פון די מויל־אייזלען און נישט פון אנדערע בהמות? דער תירוץ איז: מען האָט איין חידוש געזאָגט. דען אין מויל־אייזלען זעט מען קיין ברכה נישט, אָבער אין די מויל־אייזלען פון יצחק איז אויך די ברכה גוט געווען״.

אָדער אזא פאַטעטישע שטעלע פון „פרשת ויחי״:

„יעקב זאָגט צו יוסף: אויב דו ווילסט מיך פרעגן, וואָרום טו איך זיך אזוי באַמיען, דאָס דו זאָלסט מיך טראָגן אין לאַנד כנען צו באַגראָבן, און נישט אין לאַנד מצרים: און דיין מוטער רחל האָב איך באַגראָבן אויף דעם פעלד, אויף דעם וועג ווו זי איז געשטאָרבן, און איך האָב זי נישט געטראָגן אין דער הייל ביי די אנדערע אבות. אפילו גאַנץ נאָענט ביי דער שטאָט בית־לחם איז זי געשטאָרבן, און איך האָב זי נישט דאָרטן אהינ־געטראָגן; דו האָסט געווים אויף מיר פאַריבל, אָבער זיי וויסן, דאָס הקב״ה האָט מיר געהייסן, איך זאָל זי באַגראָבן אויף דעם וועג, דען ווען די ישראל וועלן לויפן אוים ירושלים אין גלות נבוזראדן, דאַן וועלן די ישראל קומען אויף דעם זעלביקן וועג, דאָ וועט רחל אוים איר קבר תפילה טון אויף די ישראל און הקב״ה וועט אָננעמען איר תפילה״.

אזא טאָן און סטיל האָט געמוזט אפּעלירן צום הארץ און געמיט פון דער יידישער פרוי, פאַר וועלכער עס איז אייגנטלעך דער ספר באַ־שטימט געוואָרן.

„צאינה וראינה בנות ציון״ — קומט און זעט, איר טעכטער פון ציון! צו די טעכטער פון ציון האָט גערעדט דער פאַרפאַסער, הגם „בני ציון״ האָבן אויך געקוואָלן פון דעם ספר, און דער מלמד האָט זיך אויך מיט אים באַנוצט.

דער דערפאָלג פון „צאינה וראינה" האָט נישט געלאָזט רוען א סך יידישע ארויסגעבער און שרייבער. אין די יאָרן 1676—1679 זענען ארויס צוויי יידישע איבערזעצונגען פון תנ"ך: איינע פון יוסף וויצנהויזן און די צווייטע פון יקותיאל בן יצחק בליץ. ביידע זענען אין די הקדמות זייערע אָנגעפאַלן אויף דעם „צאינה וראינה". ביידע האָבן אָבער נישט געהאט קיין דערפאָלג. וויצנהויזנס איבערזעצונג איז ארויס אינגאנצן צוויי מאָל; בליצס — נאָר איין מאָל. צו טרוקן, צו מלמדיש זענען געווען די דאָזיקע פאריידישונגען פון תנ"ך, אז זיי זאָלן געפעלן די „ווייבער און מיידלעך". דער „עם־הארץ" האָט געוואָלט האָבן נישט קיין טרוקענע לומדות, נאָר תממימותדיקע הארציקייט. אין דער עפּאָכע פון מענדעלזאָנישער השכלה האָט מען געוואָלט מיט משה מענדעלזאָנס חומש־איבערזעצונג ארויס־שטופן דעם „צאינה וראינה".

„צאינה וראינה־סטיל", — רופט אָן משה מענדעלזאָן איראָניש דעם סטיל פון די פּוילישע רבנים, דעם העברעאיש געמישט מיט אראמיש.

די משכילים אין עסטרייך האָבן אפילו דורכגעפירט א פארבאָט צו לייענען דעם „צאינה וראינה". יאָזעף דער צווייטער, דער עסטרייכישער קייזער, איז אפילו געווען מיט די משכילים. געהאלטן, אז א סך ספרים זענען שעדלעך, אָבער אממייניסטן — דער „צאינה וראינה", ווייל „ער פאר־שפּרייט אבערגלויבן" — אזוי ווערט פאָרמולירט אין א ראפּאָרט פון סוף פון אכצנטן יאָרהונדערט.

אין אמתן איז דאָס געווען א גזירה צוליב מענדעלזאָנס חומש, וואָס האָט נישט געהאט קיין דערפאָלג. אין זעלביקן דעקרעט, וואָס פארבאָט צו באנוצן דעם „צאינה וראינה", ווערט רעקאָמענדירט די מלמדים און סתם יידן זיך צו באנוצן מיטן „עץ חיים", ד"ה מיט מענדעלזאָנס איבער־זעצונג פון חומש.

אפילו די אָפיציעלע אונטערשטיצונג פון מענדעלזאָנס חומש־אי־בערזעצונג האָט נישט געהאָלפן. דער „צאינה וראינה" איז געווען פּאָ־פּולער און באליבט אין דייטשלאנד, פּונקט אזוי גוט ווי אין פּוילן און גאליציע. אפילו ווען יידיש האָט אָנגעהויבן אלץ מער און מער פארשווינדן אלס די „גערעדטע שפּראך" פון דייטשע יידן, האָט מען אָבער דעם „צאינה וראינה" נאָך פיין און געשמאק געלייענט.

אפילו אין יענער תקופה, ווען די „בנות ציון" האָבן פאַרגאָסן טרערן איבער געטעם „די ליידן פון יונגן ווערטער", האָט מען די מאַמעס זייערע געגעבן א געפּעלשטן „צאינה וראינה".

אין וואָס איז באַשטאַנען די פעלשונג?

מען האָט גענומען פּשוט מענדעלזאָנס חומש און איבערגעדרוקט מיט א שער־בלאַט „צאינה וראינה", מען זאָל מיינען, אז דאָס איז דער אמתער באַליבטער טייטש־חומש, נאָר געדרוקט אויף „דייטש מיט העברעאַישע לעטערן".

אזא אויסגאַבע איז דערשינען אין באזעל (שווייץ) אין יאָר 1822, וונדערשיין געדרוקט און אַרויסגעגעבן.

אין יאָר 1861 האָט א פאַרלעגער אין פירט (בייערן) אַרויסגעגעבן א בוך פאַר יידישע פרויען געשריבן אויף דייטש, נאָר געדרוקט מיט העברעאישע אותיות, האָט ער עס א נאָמען געגעבן דעם ספר „צאינה וראינה" — קאָמעט אונד שויעט! איין ערבויאונג אונד אונטערהאַלטונגס־בוך פיר איזראַעליטען".

אזוי האָט מען געוואָלט באַקעמפן און אויסראָטן דאָס בוך. האָט זיך נישט איינגעגעבן אָפּן מיט גזירות פון הערשער און משכילים, האָט מען עס געוואָלט טון מיט הינטערוועגן, מיט דורכשמוגלען מענדעלזאָנס דייטשע שפּראַך אונטער א יידיש שער־בלאַט פון דעם דאָזיקן פאָלקסבוך.

דער „צאינה וראינה" האָט אָבער זיי אַלעמען באַזיגט, ווייל דאָרט, וו ער איז אונטערגעגאַנגען, האָט קיין שום ענלעכער ספר זיין פּלאַץ נישט געקענט פאַרנעמען.

פאַרוואָס איז דאָס געשען?

ווייל „צאינה וראינה" איז חוץ אַלעמען א קונסטווערק.

„די פּשטות און תמימות פון סטיל — זאָגט א יידישער ליטעראַטור־היסטאָריקער (צינבערג) — די אייגנאַרטיקייט פון ריטם און די האַרמאָנישקייט פון שטימונג פון א טיף־גלויבנדיקער נשמה, געבן צו דעם דאָזיקן ספר א ספּעציפישן חן. דער ספר האָט באַהערשט דעם געמיט פון דער יידישער פרוי, איז געוואָרן איר וועגווייזער און לערער".

און חוץ דעם איז אויך וויכטיק די שפּראַך פון דעם ספר. דאָס איז

דער בעסטער יידיש אין דער אלטער יידישער ליטעראטור: זאפטיק, ריין אין ניואנסן, פאָלקסטימלעך און פשוט. מיט רעכט פארדינט יעקב בן יצחק אשכנזי דעם נאָמען „דער לוטער פון דער מיטעלער תקופה פון דער יידישער שפראך", מיט וועלכן דער ליטעראטור־היסטאָריקער מאקס עריק האָט אים געקרוינט.

„צאינה וראינה" איז א פּראָדוקט פון פּוילישן יידנטום. אנטשטאַנען איז דאָס בוך אין דער עפּאָכע פון עקאָנאָמישער אויפבליאונג פונעם פּוילישן יידנטום, וועו קיינעם האָט זיך נישט געחלומט, אז דער סוף פון דער גאָלדענער צייט איז אזוי נאָענט. די גזירות פון כמיעלניטשינע אין 1648 האָבן חרוב געמאכט דאָס יידישע לעבן אין אוקראַינע און אין אַנדערע טיילן פון פּוילן. דער שכל האָט נישט געקענט באגרייפן די דאָזיקע טראגעדיע. דאָס הארץ האָט געזוכט א קוואל פון נחמה. דער „צאינה וראינה" איז געוואָרן געבן די תחינות דער באליבטסטער ספר פון דער יידישער פרוי, ווייל ער האָט באפרידיקט אירע עמאָציאָנעלע באדערפענישן.

אויף דעם חורבן פון עקאָנאָמישער ווירקלעכקייט האָט דאָס הארץ און דאָס געמיט זיך געשטילט מיט די צארטע, ווייכע, הארציקע ווערטער פון דעם טייטש־חומש.

אין דעם ליגט דער גרויסער סוד פון דעם דערפאָלג פון „צאינה וראינה".

(„ליטעראַרישע בלעטער", אויגוסט 1928)

אַ פּראָיעקט צו גרינדן אַ שולע פאַר יידישע בעלי-מלאכות אין וואַרשע אין יאָר 1836

דער עפּיזאָד, וואָס ווערט דאָ דערציילט אויפן סמך פון אַרכיוואַ־לישע דאָקומענטן, איז אַ צושטייער צו דער געשיכטע פון דער עקאָנאָמישער פּאָליטיק פון די יידישע כלל־טוער אין פּוילן. ער געהער צו דער גרויער און גרויזאַמער תקופה פון נאַמיעסטניק פּאַסקיעוויטש.

צוויי יידישע כלל־טוער, דער שפּעטערדיקער צענזאָר יעקב טוגענד־האָלד און דוד בויערהערץ האָבן אַריינגעטראָגן אין דעם רעגירונגס־קאָמיטעט פאַר אינערלעכע ענינים אַ פּראָיעקט וועגן גרינדן אין וואַרשע אַ בעל־מלאכיש אינדוסטריעלע שולע פאַר יידן *).

---

*) בויערהערץ דוד ווערט דערמאָנט אין די פּראָטאָקאָלן פון אַדמיניס-טראַטיוון ראַט פון 1834. ער האָט געבעטן פאַר זיך בירגער־רעכט פאַררופנדיק זיך אויף דעם, אַז אין 1825 האָט ער אַנטדעקט אַ שווינדל אין די מיליאָנען גילדן, וואָס איז געווען צום נוצן פון דער רעגירונג. דער דעמאָלטיקער פינאַנץ-מיניסטער לובעצקי האָט אים צוגעזאָגט דערפאַר בירגער־רעכט. בויערהערץ באַניײַט די בקשה, און דער מלוכה-רעפערענט איז דערפאַר, אַז ער זאָל קריגן די דאָזיקע רעכט. פאַר דער כאַראַקטעריסטיק פון די מאָטיוון איז כדאי צו ברענגען וויטערדיקע ציטאַטן:

„עס איז אמת, אַז ער (ד"ה בויערהערץ) גאָלט נישט זיין באָרד, ער טוט עס אָבער צוליב זיין מוטער, וואָס איז אַלט 72 יאָר, אָבער ער וועט נאָך איר טויט אינגאַנצן אַראָפּוואַרפן די יידישע הלבשה. די קינדער זיינע זענען אָנגעטון פּונקט ווי די קריסטן און ער שיקט זיי אין וועלטלעכע שולן, כדי זיי זאָלן דאָרטן געניסן פון וויסנשאַפט".

אָבער דווקא מחמת די קליידער האָט בויערהערץ קיין בירגער-רעכט דע־

אין א מעמאָראַנדום דאַטירט דעם 30סטן אויגוסט 1836 ווערן אויס־פירלעך פאָרמולירט די סבות וואָס האָבן זיי געבראַכט צום געדאַנק, אַז אַזאַ שולע איז נויטיק, און עס ווערט אויך אָנגעוויזן די פּראָגראַם פאַר אַזאַ מין שולע.

אַזאַ מין שולע איז, לויט די מחברים פון מעמאָראַנדום, נויטיק דער עיקר דערפאַר, ווייל די „מערהייט פון יידישן פאָלק אין פּוילן״ גיט זיך אָפּ אויסשליסלעך מיט מסחר און קליינהאַנדל.

די דאָזיקע „קללה פון מסחר״, ווי אויך די ספּעציעלע שטייערן, וואָס יידן מוזן צאָלן, צווינגט די יידן אָפטמאָל צו באַגיין שווינדל און טון זאַכן, וואָס זענען שעדלעך דעם כלל. צו דעם ווערן זיי געצוווּנגען, ווייל זיי מוזן באַפרידיקן די נויטן פון זייערע משפּחות.

עס איז דעריבער זייער וויכטיק אַוועקצונעמען אַ טייל יידן פון קליינהאַנדל און מאַכן זיי פאַר בעלי־מלאכות.

די מחברים פון פּראָיעקט באַמערקן, אַז די יידישע רעליגיע האַלט, אַז פיזישע אַרבעט איז אַ מיטל צו דערגרייכן גליק, אויף דעם זאָגט עדות די גרויסע צאָל שניידערס, היטלמאַכערס, בלעכערס ביי יידן, ווי אויך דער פאַקט, אַז אין פּוילן פאַרנעמען זיך יידן מיט האַקן שטיינער אויף די שאָסייען.

אויב אייניקע מלאכות זענען נישט בנמצא צווישן יידן, ווי שמי־דערס, סטעלמאַכעריי און אַנדערע, איז דאָס מער אַדאַנק דעם וואָס מען גיט נישט די יידן קיין געלעגנהייט דערצו און וואָס די צעכן זענען צו זיי פיינדלעך געשטימט.

דעריבער דאַרף מען זען לייכטער צו מאַכן פאַר יידן דעם צוטריט צו מלאכות, ווייל פאַר יידן איז, לויט דער מיינונג פון די צוויי מחברים פון דעם מעמאָראַנדום, מלאכה וויכטיקער פון בילדונג. דאָס איז דער־

מאָלס נישט באַקומען. חוץ דעם איז ער נישט געווען קיין פאַבריקאַנט, ד״ה נישט געגעבן קיין באַשעפטיקונג אַ גרויסער צאָל מענטשן אין לאַנד, ווי דאָס געזעץ האָט געפאָדערט, און דאָס איז געווען די צווייטע סיבה פון זיין דורכפאַל.

אין 1850 האָט ער נאָך אַמאָל זיך משתדל געווען פאַר בירגער־רעכט. אין די אַכציקער יאָרן פון 19טן י״ה האָט זיך כמעט די גאַנצע משפּחה אויסגעשמדט.

פאר, וואָס בילדונג וועט די יידן קיין נוצן נישט ברענגען — ווייל זיי טאָרן קיין שום אמט נישט פארנעמען און חוץ דעם וועט בילדונג „אָפּ־שאפן די נאטירלעכע פשטות פון יידן" — מלאכה, פארקערט, וועט ברענגען נוצן הן יידן הן דעם לאנד.

כדי צו באקרעפטיקן זייער שטאנדפונקט, ברענגען טוגענדהאָלד און בויערהערץ ווי א ביישפיל דעם פאל מיט דער ראבינער־שולע אין ווארשע, וואָס קאָסט אָפּ אזוי פיל געלט, האָט אָבער קיין איין ראבינער נישט ארויסגעגעבן, נאָר פארקערט ארויסגערופן אַן אומצופרידנקייט קעגן זיך.

דעריבער זענען זיי פאר א שולע פאר יידישע בעלי־מלאכות אין ווארשע.

עד כאן די „טעאָרעטישע מאָטיוון".

איבערגייענדיק צו קאָנקרעטיזירן דעם פראָיעקט, לייגן די צוויי כלל־טוער פאָר אָט וואָס: מען זאָל גרינדן א פאבריק פאר קאראָטן, ווייל ביי דער אויסארבעטונג פון קאראָטן זענען געוועגלעך באשעפטיקט ניין פראָ־פעסיעס: סטעלמאכעריי, סטאָלעריי, רימעריי, שמידעריי, שלאָסעריי, לאַ־קיר־ארבעט, בראָנזע־ארבעט, שמוקלעריי און טאפּיצירעריי.

תלמידים זאָל מען אָננעמען פון דרייצן יאָר אָן נאָר אָרימע, קודם כל יתומים, חוץ דער מלאכה וועט מען זיי לערנען פויליש, רעליגיע, יידיש (יידיש־דייטש), רעכענען און צייכענען.

די מייסטערס דאַרף מען אראָפּברענגען פון דייטשלאנד, „ווייל די יידישע שפּראַך איז נאָענט צו דער דייטשער שפּראַך און די לערן־יוגנט וועט בעסער פארשטיין א דייטשן מייסטער איידער א פּוילישן".

אויב עס וועט זיך אָבער געפינען א פּאָליאַק, וואָס קאָן א ביסל דייטש — איז ער בר מיצרא.

די וואָס וועלן ענדיקן די שולע, באקומען דיפּלאָמען, וואָס בארעכ־טיקן זיי צו פּראקטיקירן, האלטן געזעלן און פארקויפן זייער אויסארבע־טונג. די וואָס וועלן זיך אויסצייכענען אין די למודים, וועלן קאָנען בלייבן ווי מייסטערס אין דער שולע.

די אבסאָלווענטן פון דער שולע וועט מען שטיצן מיט געלט — כדי זיי זאָלן קאָנען עפענען אייגענע ווארשטאטן, מיט א תנאי אָבער, אז זיי וועלן צונעמען יידישע לערן־יינגלעך.

דער קורס אין דער שולע זאָל געדויערן זעקס יאָר. די צאָל פון די תלמידים זאָל זיין... 39.

דער בודזשעט פון דער שולע זאָל ווערן געדעקט פון דעם בילעט־שטייער, וואָס באַטרעפט 220.000 גילדן א יאָר און וואָס דאַרף לויטן דעקרעט פון 1824 פאַרוועגדט ווערן אויף יידישער בילדונג.

סך הכל דאַרף אויסהאַלטן אַזאַ שולע — לויט דעם פּראָיעקט — קאָסטן 90.000 גילדן א יאָר.

דער דאָזיקער פּראָיעקט איז דעם 11טן אָקטאָבער 1836 איבער־געשיקט געוואָרן פון וואַרשעווער פּאָליציימייסטער צום דירעקטאָר פון דער מלוכה־קאָמיסיע פאַר אינערלעכע ענינים און בילדונג און פון דאָרטן האָט ער שוין געוואַנדערט צו אַלע ביוראָקראַטישע אינסטאַנצן, וואָס מיט זיי איז געווען פול די דעמאָלטיקע רעגירונג פון פּאַסקעוויטשן אין וואַרשע.

פון די אַלע ראַפּאָרטן, באַמערקונגען און קאָנטער־אַרגומענטן — האָט זיך געשאַפן א טשיקאַווע אַנקעטע מכוח דער נויטווענדיקייט צו גרינדן אַזאַ שולע אין וואַרשע.

דער ערשטער האָט געענטפערט דער דירעקטאָר פון דעם אינדוס־טריעלן דעפּאַרטאַמענט (20 נאָוועמבער 1836). ער האַלט, אַז דער פּראָ־יעקט איז זייער א נוציקער. ער וויל אָבער, אַז מען זאָל צו דער פאַר־וואַלטונג, וואָס וועט זיין אויסגעקליבן פאַר דער שולע, צוגעבן א מלוכה־קאָמיסאַר, ער זאָל אַכטונג געבן, אַז „די שולע זאָל זיך נישט פאַרוואַנדלען אין א שווינדל און אַז דאָס אַבסאָלווירן פון די תלמידים זאָל דורכגעפירט ווערן דורך די צעכן״ — בכדי ווינציק פעאיקע בעלי־מלאכות זאָלן נישט קריגן קיין דיפּלאָמען.

דער „ראַט פאַר עפנטלעכער דערציאונג״ האָט באַשלאָסן איבער־צושיקן דעם פּראָיעקט צום קאָמיטעט, וואָס פאַרנעמט זיך מיט צוגרייטן די רעפאָרמען פון דער ראַבינער־שולע, כדי זי זאָל אָפּשאַצן די וויכטי־קייט פון אַזאַ שולע.

אייניקע ענטפערס זענען זייער כאַראַקטעריסטיש פאַר דער אָפיציע־לער שטעלונג צו דעם גאַנצן ענין פון א בעלי־מלאכות־שולע פאַר יידישע קינדער.

איין מיטגליד פון דעם „ראט פאר עפנטלעכער דערציאונג" (סור־מינסקי) פרעגט זיך: ווער האָט עס אויסגעלערנט די יידן מסחר? אויב זיי האָבן זיך דאָס אליין אויסגעלערנט — פארוואָס קאָנען זיי זיך נישט אויס־לערנען קיין מלאכה?

„די יידן —טענהט ער— האָבן קיין פוילן קיין מלאכות נישט מיט־געבראכט. אויב זיי קענען א מלאכה, האָבן זיי זיך דאָס אויסגעלערנט פון די קריסטן, און אויב זיי האָבן זיך פון זיי געלערנט ביז איצט, מעגן זיי זיך ווייטער אויך לערנען".

דער דאָזיקער באאמטער האָט מורא, די יידן זאָלן נישט פארכאפן די מלאכה, ווי זיי האָבן שוין פארכאפט דעם האנדל. ער האלט — אז ווילטאָג פארגרעסערט די באפעלקערונג. די יידישע באפעלקערונג אין פוילן איז, לויט זיין מיינונג, צו גרויס — וויל מען נאָך, הייסט עס, זי פארגרעסערן, אָנשטאָט פארקלענערן.

ער איז קעגן אזא שולע, בכלל האלט ער, אז שולן דארפן זיין פאר אלע גלייך, אָן אונטערשיד פון גלויבן.

א צווייטער ביוראָקראט (גראבאָווסקי) האלט, אז דער פראָיעקט איז א נישטיקער, שוין לגבי דער גרויסער צאָל יידן אין פוילן, וואָס קאָ־נען פון אזא שולע נישט געהאָלפן ווערן. ער האלט, אז יידן דארף מען סטימולירן, זיי זאָלן זיך נעמען צו ערד־ארבעט.

מען דארף זען אָבער, אז קריסטלעכע מייסטערס זאָלן צונעמען יידישע לערן־יינגלעך, און דאָס קאָן מען דערגרייכן דורך געבן זיי סטי־פענדיעס.

בכלל איז גראבאָווסקי, וואָס איז געווען א מיטגליד פון דעם אדמי־ניסטראטיוון ראט און הויפט־קאָנטראָלער פון דער פינאנץ־אָפטיילונג אין פוילן — געווען אָן אָנהענגער פון דייטשע אינסטיטוציעס און האָט אין זיינע באמערקונגען געראָטן — אז מען זאָל זיך באקענען מיט דעם שול־ווען פון די דייטשע יידן. געמיינט האָט ער, מסתמא, די שולע, וואָס יאקאָבסאָן האָט געגרינדעט אין זעעזען און יצחק הערץ סאמסאָן אין וואָלפענביטל.

פאר דעם פראָיעקט האָט זיך ארויסגעזאָגט דער רעפערענדאר ראָ־דאָמינסקי, דער הויפט־אינספעקטאָר פון די שולן אין פוילן.

ער שלאָגט פאָר צו גרינדן א געזעלשאפט צו פארשפרייטן מלאכה צווישן יידן, לויט דעם מוסטער פון דער געזעלשאפט אין מינסטער.

ער האלט אויך, אז יעדער ווארשטאט פאר יידן דארף האָבן א קריסטלעכן „אַפּיעקון".

די תלמידים וועלן דארפן באזוכן געוויסע קלאסן אין דער זונטאָג־שולע פאר בעלי־מלאכות.

כדי נישט צוצוגעבן קיין חשק צו לוקסוס, איז בעסער צו גרינדן א פאבריק פון בריטשקעס און פורמאנקעס, איידער פון קאראַטן.

ער איז אָבער מסכים מיט גראבאָווסקין — אז אזא פאבריק איז א קליינע ישועה פאר יידן: נאָר ערד־ארבעט קען געבן חיונה א גרעסערער צאָל פון דער יידישער באפעלקערונג. די צייטן ווערן אלץ ערגער און ער־גער — און ספּעציעל פאר יידן. דאָס באזעצן זיך אויף ערד איז אין ערגעץ נישט אזוי לייכט ווי אין פוילן — מיינט ראדאָמינסקי. רוסלאנד קאָלאָ־ניזירט ביי זיך אויסלענדישע ערד־ארבעטער, וועט זי זיכער וועלן העלפן אירע אייגענע אונטערטאנען.

דעם 18טן פעברואר 1837 איז נאָך א לאנגער קאָרעספּאָנדענץ דער פּראָיעקט פון טוגענדהאָלד און בויערהעריץ אָפּגעוואָרפן געוואָרן איבער ווייטערדיקע טעמים:

1) איבער דוחק אין געלט.

2) מחמת דעם, וואָס אזא שולע וואָלט סיי ווי ווינציק וואָס געהאָלפן אין דער פראגע פון די אלגעמיינע רעפאָרמען פון יידן.

3) מחמת דעם, ווייל אזא שולע שאפט א געוויסן סאָרט מאָנאָפּאָל, דעריבער קאָן זי ברענגען שאָדן אנדערע פאבריקאנטן.

אויב יידן באשעפטיקן זיך סיי ווי סיי מיט מלאכה, און די רעליגיע שטערט זיי נישט — היינט צו וואָס זאָל מען גרינדן באזונדערע שולן?

„אין א לאנד, וו די וויכטיקע פאבריקן און מלאכות געפינען זיך נאָך ביז איצט אין פרעמדע הענט, רעזיומירט דער פּרעזידענט פון קאָמי־טעט פאר רעפאָרמירן די ראבינער־שולע, וואָלטן אפשר אזעלכע שולן פאר מלאכה און אינדוסטריע נישט געווען אָן נוצן, אָבער זיי דארפן זיין בשותפותדיק פאר אלע איינוווינער, און נישט אויסשליסלעך פאר יידן.

אויב די רעגירונג וואָלט נעהאלטן פאר נויטיק אזא שולע צו עפענען — זענען די קריסטן בילכער" *).

און ער פארענדיקט מיט דער באמערקונג, אז אויב די מלוכה וויל ברענגען די יידן צו נוצלעכע באשעפטיקונגען, דארף זי קודם כל דורכטראכטן די אלגעמיינע באמערקונגען פון קאָמיטעט בנוגע די רעפאָרמען פון יידישן לעבן.

דער פראָיעקט איז אָפּגעגעבן געוואָרן אין ארכיוו. דערמיט האָט זיך פארענדיקט דער ערשטער פרווו צו גרינדן א שולע פאר יידישע בעלי־מלאכות אין פוילן.

די פראגע פון דער יידישער מלאכה אין פוילן איז אין א יאָר ארום אויפסניי אויפגעהויבן געוואָרן.

(ייוואָ־בלעטער, יאנואר 1931).

*) עס איז כדאי אָנצוווייזן, אז לויט א באריכט, געדרוקט אין Allgemeine Zeitung des Judenthums (1841, נומ. 40), האָט אזא שטאָט ווי טשענסטאָכאָוו געהאט אין יאָר 1840 32 מייסטערס־וועבערס, וואָס האָבן אָפּעררירט מיט 160 וועב־שטולן און באשעפטיקט 200 יידישע געזעלן.

די אמעריקאַנער יידן און דער פוילישער אויפשטאַנד פון 1863

אין די יאָרן צווישן די צוויי פוילישע אויפשטאַנדן פון 1831 און 1863 איז די עמיגראַציע פון פוילישע יידן קיין אמעריקע געווען נאָר א באַדייטיקע. זייער צאָל וועט זיך קיינמאָל נישט לאָזן פעסטשטעלן אין ציפערן; זייער סאָציאַלע חשיבות אָבער לאָזט זיך שוין מערקן ספּעציעל אין די יאָרן צווישן 1848 און 1861.

צווישן די עמיגראַנטישע גרופּעס פון געוועזענע פּוילישע אויפשטענדלער פון 1831 האָבן זיך זיכער געפונען יידן. זיי לאָזן זיך מער אָדער ווייניקער אויסשיילן פון די רשימות פון פּאָליאַקן, וואָס האָבן געקעמפט אין אמעריקע אין דעם בירגער־קריג און וואָס ביי זיי ווערן אָנגעגעבן די „מיליטאַריאַ" זייערע פון אייראָפּעאישן קאָנטינענט. באַזונדערס אָבער איז באַדייטיק געווען די צאָל פּוילישע יידן, וואָס האָבן געקעמפט אין 1848 ספּעציעל אין דער אונגאַרישער רעוואָלוציע אונטער לאַיאָס קאָסוט און האָבן זיך שפּעטער באַזעצט אין אמעריקע. דער דאָזיקער וואַנדערוועג פון די מערקווערדיקע געשטאַלטן פון מיליטערישע אַוואַנטוריסטן, פון די לעצטע מאָהיקאַנער פון א בערעק־יאָסעלעוויטש־טיפּ — איז אַן אינטערעסאַנט, ביז איצט נישט געשריבן קאַפּיטל פון דער יידישער געשיכטע אין 19טן יאָרהונדערט. עס איז כדאי נאָר אָנצוווייזן אויף דער מערקווערדיקער קאַריערע פון דעם פּוילישן יידן, מיכאל האַלפּערן, דעם געוועזענעם אונגאַרישן פּאַטריאָט און שפּעטער ענציקלאָפּעדישן שרייבער און יידישן כלל־טוער אין אמעריקע.

די פראַ־פּוילישע סענטימענטן, וואָס די דייטשע עמיגראַנטן פון 1831 און 1848 האָבן געבראַכט מיט זיך קיין אַמעריקע, די פּאָפּולאַריטעט פון די דייטשע „פּאָהלען־לידער", וואָס האָבן פאַרפּלייצט די דייטשע ליטעראַטור צו יענער צייט (אַ סך פון די לידער זענען געווען געשריבן פון יידן) און האָבן צוזאַמען מיט די עמיגראַנטן און אָפּטמאָל אפילו מיט די פאַרפאַסער פון די דאָזיקע לידער איינגעוואַנדערט קיין אַמעריקע, — דאָס האָט גורם געווען, אַז אין די יאָרן 1848—1861 זאָל נישט בלויז אין אַמעריקע, נאָר אויך אין דער יידישער אַמעריקע זיך שאַפן אַ שטאַרקע סימפּאַטיע פאַר דעם געפּלאָגטן לאַנד פּוילן *). די עוואָלוציע פון די דאָזיקע פראַ־פּוילישע סימפּאַטיעס פאַרדינט אַ געהעריק שטודיום, בפרט נאָך ווען מען נעמט אין אַנמערק, אַז זייער אַ סך פון די מנהיגים, די ראַבינערס פון די דייטשע יידן אין אַמעריקע שטאַמען פון געוועזענע סלאַווישע געטאָס, פון פּויזן, מעהרן, בעהמען אאז"וו.

מען וואָלט געקענט די פראַ־פּוילישע אָריענטאַציע ביי די אַמעריקאַנער יידן כאַראַקטעריזירן בולטער — ווי אַן אַנטי־צאַרישע (אָבער נישט קיין אַנטי־רוסישע). אין תוך איז זי אַזאַ געווען, און דער באַגריף פון פרייהייט, וואָס פאַר איר האָט מען געקעמפט דאָ אין אַמעריקע לטובת די אונטערגעדריקטע פעלקער אין אייראָפּע, — איז געווען ווייט פון יענער רעוואָלוציאָנערער אירעדענטע, וואָס די פּוילישע ראַדיקאַלן האָבן אַזוי שטאַרק פראָפּאַגאַנדירט אין פּאַריז און די קאָסוטיאַנער — אין וואַשינגטאָן. אין תוך גענומען האָבן די פּוילישע יידן, און אויך די ניט־פּוילישע, וואָס האָבן זיך אינטערעסירט מיטן גורל פון יידן

*) אין דעם לעגיאָן פון גענעראַל קאַזימיערזש פּולאַסקי, וואָס איז געפאַלן אין קאַמף פאַר אַמעריקע אין 1779, האָבן געדינט אויך די יידן בנימין מאָזעס, אַן אָפיציר אין שטאַב, ישראל שראַדער, אַ קאָרנעט, יעקב לעאָן.
אין 1831 איז געגרינדעט געוואָרן אין ניו־יאָרק אַ קאָמיטעט פון אַמעריקאַנער בירגער צו שטיצן די פּוילישע רעוואָלוציע. צווישן די מיטגלידער פון קאָמיטעט געפינען מיר רייכע יידישע סוחרים און אויך דעם באַרימטן מאָרדכי מאַיאָר נח, אַ דראַמאַטורג און מחבר פון דעם פּראָיעקט צו שאַפן אַ „יידישע מלוכה" אין באָפאַלאָ־שטאַט.

אין פוילן, זיך ווינציק פונאנדערגעקליבן אין די קאמפליצירטע ענינים פון פרייהייט און זעלבשטענדיקייט, פון קאנסטיטוציע און אויטאנאמיע. זיי זענען געווען לעגאליסטן אין דעם זין, אז אומווארפן מלוכות און בייטן גרענעצן זענען געווען פאר זיי נאר פרעמדע באגריפן. אומבייטן די פאָ־ליטישע סיסטעם אין די ראמען פון די עקסיסטירנדיקע מלוכות — דאָס איז געווען זייער פּראָגראם־מאקסימום.

דאָס איז וויכטיק צו האבן אין זינען, כדי צו פארשטיין די שטי־מונג פון דער יידישער עפנטלעכקייט אין אמעריקע בנוגע דעם פוילישן אויפשטאנד פון 1863 — וואָס מיר גייען שילדערן אין דער דאָזיקער אר־בעט אונדזוערער.

עס איז ביי די פוילישע יידן אין אמעריקע געווען א בענקשאפט נאָך פוילן. דאָס איז צו זען פון די צעוואָרפענע נאָטיצן אין די מעמוארן פון די פּאָליאקן, וואָס האבן באזוכט אמעריקע און זיי איז אויסגעקומען זיך דאָ צו באגעגענען מיט יידן.

עס איז גענוג אנצוווייזן אויף דעם עדות־זאָגן פון דער גניאלער פויליש־ענגלישער אקטריסע העלענע מאָדזשעיעווסקא און אויף דעם פּאָעט ציפּריאן נאָרוויד. דער אינטערעס פארן גורל פון די פוילישע יידן איז בכלל געווען אין אמעריקע זייער שטארק. אויף דעם זאָגט עדות די ענגליש־יידישע פּרעסע פון יענער תקופה. אינפאָרמאציעס וועגן רוסלאנד און פוילן דורך דער פארמיטלונג פון דער דייטש־יידישער און (זעלטע־נער) פראנצויזיש־יידישער פרעסע ווערן דאָ אָפט אָפּגעדרוקט. אויך אמע־ריקאנער רייזנדערס, וואָס האבן באזוכט רוסלאנד און פוילן, האבן מיט זייערע שילדערונגען פון דער יידישער לאגע אין יענע לענדער פארשטארקט דעם אינטערעס צו די יידן און די שנאה צו דער צארישער הערשאפט. אין 1854 האָט אין ניו יאָרק דערשיינט א באשרייבונג פון דעם צארישן דעספּאָטיזם אין רוסלאנד און פוילן פון איינעם דזשוליאן אללען. אין זייער פּלאסטישע בילדער באשרייבט ער דעם גורל פון די קאנטאָניסטן, לויבנדיק דערביי זייער געטריישאפט „צום יידישן פאָלק און צו דער יידי־שער משפחה". ער שילדערט די גזירה פון בייטן די מלבושים און דער־ציילט אגב אינטערעסאנטע פּרטים וועגן ארעסטן פון די „בונטארן", וואָס האבן זיך נישט געוואָלט אונטערווארפן דער דאָזיקער גזירה.

דאָס בוך האָט געהאַט אַ גרויסן דערפאָלג, און עס איז נישט קיין וואונדער. אמעריקע האָט הויך געשעצט פרייהייט און ספּעציעל רעליגיעזע פרייהייט, און יעדער געפּלאָגטע רעליגיעזע גרופּע האָט דאָ ארויסגערופן אַ שטראָם מיט סימפּאַטיע. עס איז גענוג צו בלעטערן די גרויסע אמעריקאנער רייזע־ליטעראטור פון דער תקופה פון דער קרימער מלחמה פון 1855, כדי זיך צו איבערצייגן, אַז דער הויפּט־אינטערעס, וואָס די דאָזיקע ליטעראטור האָט ארויסגעוויזן, איז די שילדערונג פון לעבן פון פארשידענע רעליגיעזע גרופּעס און פון די רדיפות אויף זיי. אין דער מפּלה פון רוסלאַנד אין דער קרימער מלחמה האָבן אמעריקאנער רייזנדערס געזען אַ מין „שטראָף פון גאָט" פאר רעליגיעזער אומטאָלעראַנץ.

אין דער תקופה פון דער „פּויליש־יידישער פארברידערונג" אין 1861 ברענגט די יידיש־ענגלישע פּרעסע אויספירלעכע באריכטן וועגן די דעמאָנסטראציעס אין ווארשע, וועגן דעם אויפרוף פון דער ווארשעווער קהילה (פון מערץ 1861) אאַז"וו. מען פלעגט שעפּן די ידיעות על־פּי־רוב פון דער „אַלגעמיינער צייטונג דעס יודענטומס", וואָס די דייטשע ראַבינערס אין אַמעריקע האָבן געהאַט צו איר גרויס צוטרוי, און אייניקע פון זיי האָבן אפילו דאָרט מיטגעארבעט *).

סימפּאַטיזירנדיק מיט דער „פרילינג־עפּאָכע" אין פּוילן, האָט אָבער די אַמעריקאַניש־יידישע פּרעסע ניט געקענט פארלייקענען דעם פאַקט, אַז דער פרילינג קומט טיילוויז פון רוסלאַנד, ווייל דער צאַר אַלעקסאַנדער דער צווייטער וויי‍ט זיך ארויס „צו זיין גענייגט צו רעפאָרמעס". אויף דעם מאַרקגראַף וויעלאָפּאָלסקי האָבן די ראַבינערס (זיי האָבן אין דער אמתן געשריבן און רעדאקטירט די דאָזיקע פּרעסע) געקוקט מיט גרויס סימפּאַטיע, ווי אויף אַ ליבעראַל, וואָס איז „גוט צו יידן".

דערפאר — האָט געשריבן The Jewish Messenger אין אַ לייט־ארטיקל (31 אָקטאָבער 1861, נומער 17) — דארף מען זיין צופרידן מיט דער לאַגע, וואָס האָט זיך געשאַפן אין רוסלאַנד. מיט פיל הכנעה ציי־

---

*) למשל, ד"ר מאַקס ליליענטאַל, ראַבינער לעזער א"אַ. בכלל איז דייטש געווען די אומגאַנג-שפּראַך פון יענעם דור פון אַמעריקאַנער ראַבינערס, ווייל אָדער זיי האָבן געשטאַמט פון דייטשלאַנד אָדער זיי זענען געווען קולטורעל דייטשן.

טירט דער שרייבער פון דעם ארטיקל א מיינונג פון עפּעס א רוסישן אַפּי־ציר, וועלכער האָט אָנגערופן די יידן „גאָטס קינדער״. „מיר וואָלטן ספּע־ציעל רעקאָמענדירט די דאָזיקע ווערטער יענע, וואָס האלטן זיך נאָך אלץ פאר דעם פּאַראורטייל פון רעליגיעזע אונטערשיידן״, — שרייבט די צײ־טונג.

אן אנדערע צייטונג, The Israelite, ארויסגעגעבן אין סינסינע־טי, דער אָרגאַן פון די רעפארם־יידן, האָט אויך זיך געשטעלט אויף א „לעגאליסטישן״ שטאנדפּונקט *). פּוילן איז א טייל פון רוסלאנד. דער קיסר אלעקסאנדער דער צווייטער איז „גוט צו יידן״, א „קלוגער מאָ־נארך״. די „פּויליש־יידישע פארברידערונג״ איז געווען פון פּאָליטישן שטאנדפּונקט א נויטווענדיקייט. די עמאנציפּאציע מוז זיגן און ווייטער קען מען נישט גיין. די זעלבע צייטונג האָט איבערגעדרוקט דעם אויפרוף פון דער ווארשעווער קהילה מיט א כאראקטעריסטישער באמערקונג, אז די רעדאקציע טוט עס איצט נאָך דעם, ווי א פּראָמינענטער פּאָליאק האָט זיי איבערצייגט, אז דער דאָקומענט איז אויטענטיש. אין אן אנדער נומער איז געווען איבערגעזעצט פון פראנצויזיש אן ארטיקל פון דעם עקס־רע־וואָלוציאָנער פון 1831, לעאָן האָלענדערסקי, וואָס איז צו יענער צייט אָנגעגאנגען אין אייראָפּע ווי אן אינפאָרמאטיווער מקור וועגן פּוילן בכלל און פּוילישע יידן בפרט. The Israelite האָט זיך הייסט עם אָריענ־טירט אויף דער רוסישער רעגירונג און געגלייבט, אז די פרייהייט, וואָס די רעגירונג גיט די בירגער פון רוסלאנד, מיינט אויך פרייהייט פאר יידן און פּאָליאקן.

בעת עס זענען אָנגעקומען די ידיעות פון וויעלאָפּאָלסקיס „רעפאָר־מעס״ אין פּוילן און וועגן דער „גלייכבארעכטיקונג״ פון יידן — האָט דער דאָזיקער אָרגאַן פון די רעפאָרם־יידן פארעפנטלעכט א לייט־ארטיקל (דעם 19טן דעצעמבער 1862), וואָס אין אים לייענען מיר, אז „...א מי־ליאָן און א האלב פון אונדזערע גלויבנס־ברידער זענען באפרייט געוואָרן

*) The Israelite האָט אָנגעהויבן דערשיינען אין 1854, פון 23סטן באנד אָן געביטן דעם נאָמען אויף American Israelite. דער רעדאַקטאָר איז געווען אייזיק מאיר וויס, דער גרינדער פון דער רעפאָרמירטער סינאַגאָגע אין אַמעריקע.

פון יאָך, וואָס איז אויף זיי געהאָנגען דורות גאַנצע, און זענען געוואָרן פרייע מענטשן. דער דענקמאָל פון דעם אימפּעראַטאָר אַלעקסאַנדער וועט אין דער געשיכטע פון ישראל זיין באַוווּנדערט פון אַ סך קומענדיקע דורות. די פּוילישע יידן צייכענען זיך אויס מיט אינטעליגענץ און גייסטיקע פעאיקייטן; דאָס איז הגם אין אַלגעמיין נישט באַקאַנט, דאָך איז עס צו באַוווּנדערן; און איצט וועלן זיי צוגעבן גלאַנץ און שטאַרקייט צו דער רוסישער מלוכה".

אין אַנדער וואָכנבלאַט, דער אָרגאַן פון מעסיקע רעפאָרמאַטאָרס, Occident, האָט אוועקגעשטעלט די פּויליש־יידישע פּראָבלעם גאָר אין אַן אַנדער שיין. ביידע צדדים האָבן פיינט דעם יידן — טענהט די צייטונג, — סיי די פּאָליאַקן, סיי די רוסן. אויב דעם יידן האָט זיך אַמאָל געלעבט גוט אין פּוילן, דערקלערט עס די צייטונג מיט דעם, וואָס דער ייד איז געווען נויטיק דער שליאַכטע אַדאַנק זיין העכערער אינטעליגענץ און פעאיקייט פאַר געשעפטן. „פּוילן האָט אַלעמאָל זיך אָפּגעזאָגט פון יידישער הילף בעת אַ מלחמה — דערמאָנט דער Occident — [און] איגנאָרירט דעם יידישן כוח, איינפלוס און באַדייט". די צייטונג דערמאָנט בערעק יאָסעלעוויטש, דעם אויפשטאַנד פון 1830, ווען די יידן „זענען געווען גלייכגילטיק — ווייל סוף כל סוף, וואָס האָבן זיי געקענט דערוואַרטן פון ביידע צדדים". „מיר האָבן זיך אָפּגעהאַלטן ביז איצט צו מעלדן וועגן דער פאַרברידערונג אין פּוילן — שרייבט די צייטונג, — ווייל מיר האַלטן זיך בכלל אָפּ פון מעלדן פּאָליטישע נייעס, און צווייטנס — מיר זעען, אַז דאָס (דאָס הייסט די פאַרברידערונג — י. ש.) איז אַ פּאָליטישער שווינדל מצד די פּאָליטישע אָנפירער אויך אין אַנדערע טיילן פון אייראָפּע". דער שרייבער ברענגט אַ ריי ביישפּילן פון רוסאָפיליזם און פּאָלאָנאָפיליזם פון די יידן אין פּוילן און ענדיקט זיין אַרטיקל אַזוי: „ווי אונדזערע לייענער זעען, וועלן מיר גאָרנישט ניט געווינען פון דעם אָנטייל אין די פּאָליטישע שטרייטן, און אַפילו אַזאַ שטאַנדפּונקט איז אין דעם איצטיקן מאָמענט פּשוט געפערלעך. דאָס איז אַלעמאָל געווען דער גורל פון ישראל אין דער תקופה פון גלות: זאָל גאָט אונדז אָפּהיטן פון פאַרמערן די רדיפות, וואָס פאַלן שטענדיק אויף אונדז".

אַזוי אַרום פּרעדיקט דער Occident אַבסאָלוטע נייטראַליטעט.

צום קלאָרסטן ווערט דער דאָזיקער שטאַנדפּונקט אַרויסגעבראַכט שוין נאָך דעם ווי דער אויפשטאַנד איז אויסגעבראָכן. דער גאַנצער ענין פון אַ לעגאַליזירטן ליבעראַליזם איז בטל געוואָרן דורך דעם פאַקט גופא, וואָס די רעוואָלוציע אין פּוילן איז אויסגעבראָכן און די שטעלונג פון די יידן צו דער רעוואָלוציע איז געווען אַ האַרטע נויטווענדיקייט, וואָס די פּאָליטישע ווירקלעכקייט האָט אויף זיי אַרויפגעצוואונגען. דעם 22סטן יאַנואַר 1863 איז אויסגעבראָכן דער פּוילישער אויפשטאַנד. אין מערץ 1863 שרייבט דער Occident: [ער] „שרעקט זיך, אַז נייע צרות וועלן אָנקומען אויף אונדזערע ברידער", ווייל ביידע צדדים וועלן זיי, די יידן, רודפן. „זאָלן זיי [די יידן] נעמען דעם צד, וואָס זיי ווילן, אָדער זאָלן זיי בלייבן פּאַסיווע, הגם טיף פאַראינטערעסירטע צושויער פון דעם שטרייט?" — פרעגט זיך די צייטונג און פאַרענדיקט פּאַטעטיש אין הילפלאָזיקייט:

— אָ, אומגליקלעך פאָלק ישראל!

דערווייל איז קיין אַמעריקע אָנגעקומען און איז שטאַרק פאַרשפּרייט געוואָרן די רעדע, וואָס לאָרד שעפּסבורי האָט געהאַלטן אין ענגלישן פּאַרלאַמענט וועגן דער פּוילישער פראַגע. אין דער דאָזיקער רעדע האָט ער געשילדערט די ליידן פון די קאַנטאָניסטן אין רוסלאַנד און די רדיפות, וואָס זיי האָבן אויסצושטיין זינט זיי זענען געוואָרן „רוסישע אונטערטאַנער"(!). ער האָט אָנגעוויזן, אַז די פּוילישע יידן קענען נישט זיין גלייכגילטיק צום קאַמף און דאַרפן סימפּאַטיזירן מיט פּוילן. אַ צווייטער מיטגליד פון ענגלישן פּאַרלאַמענט, דער ייד פרענסיס גאָלדסמיט, האָט אין אַ רעדע גערופן די פּוילישע יידן צו קומען צו הילף די פּאָליאַקן אין זייער קאַמף פאַר פרייהייט *). אָט די ביידע רעדעס האָבן אַרויסגערופן אין די פאַראייניקטע שטאַטן נישט קיין קליינעם אינטערעס. זיי זענען דאָך געקומען פון צוויי קאָנסערוואַטיווע מיטגלידער פון אַ קאָנסערוואַטיוון לאַנד, און ווייל דאָס לאַנד איז געווען ענגלאַנד, — האָט דאָס נישט גע־

---

*) מיט אַ כאַראַקטעריסטישן פּירוש פון דער רעדאַקציע, וואָס קען אויך נים באַשליסן מיט וועמען זאָלן די יידן זיין, ווייל ביידע צדדים וועלן די יידן רודפן. די צוויי רעדעס זענען געווען איבערגעדרוקט כמעט אין אַלע ענגלישע און יידיש־ענגלישע פּריוואַדשע שריפטן אין אַמעריקע.

קענט אין אמעריקע אזוי איגנאָרירט ווערן, ווי, למשל, פון פראַנקרייך אָדער דייטשלאַנד.

אונטערן רושם פון די געשעענישן און מסתּמא אויך אונטערן איינדרוק פון די הייסע רעדעס אין ענגלישן פּאַרלאַמענט און דער פּראָ־פּוילישער שטעלונג פון אַ גאַנצער ריי אמעריקאַנער צייטונגען — האָט זיך אין ניו־יאָרק געגרינדעט אַ קאָמיטעט צו העלפן די פּוילישע אויפשטענדלער. דער דאָזיקער קאָמיטעט איז באַשטאַנען פון 13 (דרייצן) מיטגלידער. צוויי פון זיי זענען געווען יידן (ד"ר האָרוויץ און מאַרקסאָן).

דער פּרעזידענט פון קאָמיטעט איז געווען איינער אַ ד"ר מאַצקעוויטש.

דער דאָזיקער קאָמיטעט האָט דעם 20סטן יוני 1863 אַרויסגעגעבן אַן אויפרוף „צו די פּאָליאַקן פון משהם גלויבן אין די פאַראייניקטע שטאַטן פון אמעריקע". אין דעם אויפרוף ווענדט זיך דער קאָמיטעט צו יידן, זיי זאָלן נישט זיין גלייכגילטיק צו די ברידער זייערע, וועלכע האָבן „אויסגעקליבן ניכער צו שטאַרבן איידער צו לעבן לענגער אונטער דער רוסישער טיראַניע". ווייטער ווערט פאָרגעשלאָגן צו גרינדן אַ קאָמיטעט, כּדי צו זאַמלען געלט פאַר דעם אויפשטאַנד. דאָס געלט בעט מען צושיקן צו די באַנקירן: Schuchhard & Gebhardt. די מיטינגען פון קאָמיטעט זענען פאָרגעקומען אין פּיטאַגאָראַס־האָל. דעם אויפרוף האָט אונטערגעשריבן דער „צענטראַלער פּוילישער קאָמיטעט אין די פאַראייניקטע שטאַטן פון אמעריקע".

אַ רעזולטאַט פון דעם אויפרוף צו די „פּאָליאַקן פון משהם גלויבן" — איז געווען אַ מיטינג, וואָס איז געווען צונויפגערופן אויף דעם 24סטן יולי אין זאַל פון דעם קופּער־אינסטיטוט (אַ טעכנישע שולע). לויט אַ באַריכט פון אַ מיטצייטלערישער צייטונג איז די אויפגאַבע פון דעם מיטינג געווען „צו העלפן זייערע ברידער אין זייער קאַמף, וואָס גייט אָן איצט אין פּוילן". ד"ר מאַצקעוויטש איז געווען דער פאָרזיצער פון דעם מיטינג. ליידער לאָזט זיך נישט באַשטימען, ווי גרויס איז געווען דער באַזוך, — און ענין זייער אַ וויכטיקער, ספּעציעל פאַר דער געשיכטע פון יידיש־פּוילישן קיבוץ אין ניו־יאָרק.

עס איז אויסגעקליבן געוואָרן אַ שטענדיקער קאָמיטעט, וואָס האָט

באשלאָסן צו ארבעטן לטובת דעם אויפשטאנד. עס איז איינשטימיק אָנ־גענומען געוואָרן א פייערלעכע רעזאָלוציע, וואָס אין איר ווערט געזאָגט, אז עס איז „אונדזער הייליקע פליכט צו העלפן אונדזערע ברידער אין פוילן וואָס קעמפן צוזאמען מיט אנדערע פּאָליאקן פאר דער אומאָפּהענגיקייט פון פוילן". עס איז באשלאָסן געוואָרן, אז דער קאָמיטעט וועט זיך ווענדן צו אלע „פּאָליאקן פון משה רבינוס גלויבן, וואָס וווינען אין די פאראייניקטע שטאטן, זיי זאָלן העלפן אין דער באפרייאונג פון זייער פּאָטערלאנד מיט אלע מעגלעכע מיטלען".

וואָס פאר א ווירקונג האָט די דאָזיקע אקציע געהאט צווישן די פּוילישע יידן אין אמעריקע — וועגן דעם שווייגן, ליידער, די מקורים, וואָס זענען אונדז צוטריטלעך. די יידישע פרעסע אָבער האָט מיט גרויס אינטערעס נאָכגעקוקט די געשעענישן און האָט אויף זיי רעאגירט. דעם 23סטן יאנואר 1863 האָט The Israelite איבערגעדרוקט דעם אויפ־רוף פון דעם פּוילישן נאַציאָנאלן קאָמיטעט צו די יידן און אויך דעם ענטפער פון די יידן — נישט געבנדיק דערביי קיין שום פירושים. ווייזט אויס, אז די רעדאקציע האָט געוואַרט אויף מער ידיעות פון אייראָפּע, כדי וויסן, וואָס פאר א שטעלונג צו נעמען צו די פּוילישע געשעענישן. אין אויגוסט 1863 האָט The Jewish Messenger גענומען א שטע־לונג צום אויפשטאנד, און גאָר אַן אינטערעסאנטע (אין נומער פון 21סטן אויגוסט 1863). דער שרייבער פון דעם ארטיקל האלט, אז דאָס פּוילישע יידנטום האָט אָפּגעהיט פון אונטערגאנג דאָס אלט־יידיש לעבן, מיט אלע זיינע מנהגים און דינים. אויב די יידן וועלן זיך אריינמישן אין דער מלחמה, איז אויף וועמעס צד זיי זאָלן נישט זיין, וועלן זיי ליידן דערפון. די רעדאקציע דריקט אויס איר ספק, צי די יידן וועט זיין גוט אין דער אויפגעלעבטער פּוילישער מלוכה. און ווייל די לאגע איז אזא קאָמפּלי־צירטע, איז די בעסטע זאך צו זיין נייטראל. אויב עמעצער פון די פּוי־לישע יידן —שרייבט די צייטונג— פילט, אז ער דארף מיטגיין מיט די אינסורגענטן, האָט ער די פולע פרייהייט דאָס צו טון; אָבער נישט זיי און נישט מיר דאַרפן פּראָוואָצירן א נקמה מצד דעם רוסישן מלך קעגן די דאָזיקע מיליאָנען פון זיינע יידישע אונטערטאנער, וואָס זענען אומ־

שולדיק און פריי פון יעדער חשק זיך צו שטעלן אויף דער זייט פון דער רעוואָלוציע אָדער אָפּצושוואַכן די זאַך פון זייער לעגיטימער רעגירונג".

דער דאָזיקער לעגיטימיזם איז נישט געווען קיין שום חידוש! בפרט נאָך אַז דער פּאָליטישער קאַמפּאַס פון דער יידיש־אַמעריקאַנישער פּרעסע איז געווען צו יענער צייט די דייטש־יידישע פּרעסע. אין ענלעכע שטעלונג האָט אויך גענומען דער Occident. דער זשורנאַל באַקלאָגט זיך, וואָס די יידן געפינען זיך איצט צווישן צוויי פייערן און דריקט זיך אויס אין אַזא מליצהדיקער שפּראַך: „עס זענען נאָך אַלץ פאַראַן צווישן אונדז מענטשן, וואָס ווילן נישט, אַז משיח זאָל קומען — ווען עס וועט הערשן אין אַלגעמיינער שלום און גאָטס געבאָט וועט אין טריאומף געוועלטיקן". דאָס איז זיכער אַן אָנצוהערעניש אויף דער אַרבעט פון יידיש־פּוילישן קאָמיטעט אין ניו־יאָרק צו העלפן דעם אויפשטאַנד.

ווייטער ברענגט די צייטונג פאַקטן פון יידישער אַקטיוויטעט לטובת דעם אויפשטאַנד און פון לאָיאַליטעט פאַר רוסלאַנד, און דאָך זענען די יידן אין ביידע פאַלן באַשטראָפט געוואָרן. צו די אויפשטענדלער באַציט זיך דער Occident מיט ווינציק ליבע און רופט זיי אָן: באַנדעס.

אין אַן אַנדער אַרטיקל ברענגט די זעלבע צייטונג פאַקטן פון גוטער באַציאונג צו יידן הן מצד די פּאָליאַקן והן מצד די רוסן. ביידע גיבן די יידן בירגער־רעכט און ווילן זיי געווינען פאַר זיך. „אויב די דאָזיקע ענדערונג וועט זיך אַרויסווייזן צו זיין פּערמאַנענט, דעמאָלט קענען די איצטיקע צרות זיין פּרוכפּעריק מיט גוטע רעזולטאַטן". אָבער ווער קען דערפאַר גאַראַנטירן? — פרעגט זיך דער שרייבער.

אין אויגוסט 1863, שוין צו דער צייט ווען דער אויפשטאַנד איז געוואָרן דער אָביעקט פון אַן אינטערנאַציאָנאַלן דיפּלאָמאַטישן אינטערעס, האָט The Jewish Messenger (נומער 7) אָפּגעדרוקט א לענגערן אַרטיקל א"נ די יידן אין פּוילן. אין דעם אַרטיקל וויל די רעדאַקציע באַווייזן, אַז דער קאַמף, וואָס קומט פאָר אין פּוילן, קען פאַר יידן חוץ צרות גאָרנישט נישט ברענגען. ווען די יידישע באַפעלקערונג אין פּוילן וואָלט נישט געווען אַזא גרויסע, איז דער ענין געענדיקט. אָבער מיט דריי (?) מיליאָן יידן טאָר מען זיך נישט שפּילן. אויב אַפילו פּוילן וועט ווערן א

זעלבשטענדיקע מלוכה — טענהט די צייטונג,— וועלן די יידן מוזן אויסהאלטן די דאָזיקע מלוכה, ווייל ווי א האנדלס־קלאס וועט מען זיי באשטייערן צום שטארקסטן. וואָס איז דער אויסוועג? דערויף ענטפערט די צייטונג אזוי: זאָל דער יחיד טון וואָס ער וויל, אָבער דער כלל מוז זיין נייטראל און נישט זיך שטעלן אויף עמעצנס צד.

אין א באריכט פארן פארגאנגענעם יידישן יאָר (תרכ״ג) שרייבט די זעלבע צייטונג, אז די איצטיקע לאגע פון די יידן אין פוילן איז זייער א שווערע. „אלעקסאנדער דער צווייטער איז די איינציקע האָפענונג. ער וועט רעפאָרמירן דאָס יידנטום אין רוסלאנד״, און ממילא וועט די יידן־פראגע אין פוילן געלייזט ווערן.

ווי מיר זעען, איז די אָריענטאציע פון די אמעריקאנער יידן געווען דאָס זעלבע וואָס פון די דייטשע יידן, און מיר האָבן שוין אויבן אָנגע־מערקט, פארוואָס עס איז געווען אזוי: די אָנפירער פון דער יידישער גע־זעלשאפטלעכער מיינונג זענען געווען דייטשן אָדער פארדייטשטע יידן, און דער שטאנדפונקט איז דעריבער געווען כמעט דער זעלבער וואָס אין דייטשלאנד, הגם עמאַציאָנעל האָט די אמעריקאנער יידישע פרעסע מער סימפאטיזירט מיטן עצם קאמף פאר פרייהייט. פאר דעם זענען פאראן א ריי פסיכאָלאָגישע סיבות, וואָס קענען דאָ נישט אנאליזירט ווערן.

דער גאנצער ענין האָט אויך א מין „עפּילאָג״. אין 1864 האָט מען אין ניו־יאָרק איבערגעדרוקט א בריוו פון א פוילישן פּאָליטישן עמיגראנט, יוזעף פּיטקעוויטש, וואָס האָט געלעבט אין בריסל אין דעם קרייז פון דעם יידישן אדוואָקאט אַזיאַס לובלינער, א מיטקעמפער פון פוילישן אויפ־שטאנד פון 1831. דער דאָזיקער פּיטקעוויטש האָט ארויסגעגעבן א „בריוו פון א פוילישן פּאטריאָט צו דער נאציאָנאלער רעגירונג אין פוילן״. אין דעם בריוו טאדלט ער די „נאציאָנאלע פוילישע רעגירונג״, פארוואָס זי האָט ארויסגעגעבן א דעקרעט, וואָס פארבאָט די יידן צוצושטעלן שפּייז און ארטיקלען פאר דער רוסישער ארמיי. ער האלט, אז אזא האנדלונג איז קינדיש, ווייל די רוסישע ארמיי וועט סיי ווי סיי פון הונגער נישט שטארבן, און דערווייל האָט מען טויזנטער יידישע סוחרים אָנגעשראָקן און געמאכט פון זיי שונאים (פון פוילן).

אָבער זאָלן נאָר די יידן האָבן א געלעגנהייט, וועלן זיי זיך שוין

אָפּרעכענען (מיט פּוילן) און וועלן אַליין נעמען זיך דעם שכר פאַר די אָנווערן, וואָס זיי האָבן געהאַט אַדאַנק דעם דעקרעט.

דער דאָזיקער בריוו איז געווען איבערגעדרוקט אין אַמעריקע אין אויסצוגן אין דער פּרעסע און האָט שוין צוזאַמען מיט אַנדערע ראיות פון דעם מין צום סוף פון 1863 אוועקגעשטעלט די גאַנצע יידישע פּרעסע קלאָר און דייטלעך אויף דעם פּראָ־רוסישן שטאַנדפּונקט.

הוספה I

אויפרוף פון קאָמיטעט

צו די פּאָליאַקן פון משהס גלויבן אין די פאַראייניקטע שטאַטן פון אַמעריקע *)

ברידער:

די אַפּאַטיע וואָס איר ווייזט אַרויס צו די געשעעניש, וועלכע האָבן פאַר די לעצטע זעקס חדשים אויפגעציטערט אייראָפּע ביז אירע טיפענישן, און די קאַרגע ידיעות, וועלכע איר קענט באַקומען פון דער אַמעריקאַנער פּרעסע וואָס שייך דעם שרעקלעכן קריג, וואָס פּלאַקערט איצט אין אונדזער פאָטערלאַנד, לייגן אַרויף אויף אונדז די שטרענגע פליכט צו ווענדן זיך צו אייך אין אַזאַ פאָרם, און בקיצור צו דערמאָנען אייניקע פאַקטן, וועלכע זענען אומבאַקאַנט פאַר אַ סך פון אונדז און וועלכע זענען שוין פאַרגעסן געוואָרן דורך אַנדערע.

די בלעטער פון אייראָפּעס געשיכטע זענען באַפלעקט פון אומטענטש־לעכע און באַרבאַרישע פאַרפאָלגונגען אויף יידן. אונדזער לאַנד אַליין איז נישט בלויז פריי פון אַלערליי רעליגיעזע רדיפות, נאָר להיפוך, אייערע אבות, זייט די צייטן פון קאַזימיר דעם גרויסן, האָבן גענאָסן דאָרטן פון אַלע פּריווילעגיעס פון בירגערשאַפט. אייער רעליגיע צוגלייך מיט אייערע באַשעפטיקונגען זענען תמיד געווען פריי פון גוואַלדטאַטן. אייערע פאָ־טערס און זיידעס זענען נישט געווען באַלעסטיקט מיט צו גרויסע שטייערן.

*) איבערזעצונג פון ענגלישן טעקסט פון מ. ל.

אייער אָפּגעזונדערטקייט אין אונדזער מיט איז געווען א פּועל־יוצא פון אייער אמונה, אָבער די פּאָליאַקן האָבן אייך קיינמאָל נישט פאַרפאָלגט.

אונדזערע וואָל־טאַקטיקעס און די מלחמות, וועלכע פלעגן דערפון אנטשטיין, ביז צו אונדזער נאַציאָנאַלער ירידה און דער פאַרטעטרישער צעטיילונג, האָבן נישט באַרויבט אייערע אבות פון זייערע רעכטן. אמת, זיי האָבן פּאָליטיש געליטן צוזאַמען מיט אונדז, אָבער באַין אופן צוליב אונדז.

זייט דער צעטיילונג פון אונדזער לאַנד האָבן אייערע פּאַטערס (זאָל דער אמת געזאָגט ווערן) זיך געשטעלט אויף דער זייט פון די טיראַנען און האָבן איינגעשטעלט, אזוי צו זאָגן, א מדינה אין א מדינה. זיי זענען פאַרעקשנט פאַרבליבן אלס יידן און האָבן טייער באַצאָלט פאַרן עקספּע־רימענט. נאָבעלע ביישפּילן פון פּאַטריאָטיזם אונטער דער הערשאַפט פון קאָשטשיושקאָ און אין יאָר 1831, די דערהויבענע טאַטן, וועלכע אייערע גלויבנברידער ווייזן ארויס אין איצטיקן פאַרצווייפלטן קאַמף, דעם קרבן וואָס זיי ברענגען אויפן מזבח פון זייער לאַנד, ווייזן ארויס באַשיינפּער־לעך, אז מיר האָבן אויך פּראָגרעסירט און די פּראָקלאַמאַציע פון אונדזער איצטיקער פּראָוויזאָרישער רעגירונג מאַניפעסטירט פאַר דער וועלט, אז „אלע זין פון פּוילן, אָן אונטערשיד פון גלויבן און ראַסע, אָפּשטאַם אָדער שטאַנד, זענען פרייע און גלייכע בירגער אין אונדזער מוטערלאַנד״.

אין אלע אונדזערע פאַרמעסטונגען צו באַפרייען זיך פונעם טיראַ־נישן יאָך האָבן מיר אייך באַטראַכט אלס גלייכבאַרעכטיקטע. די קאָנסטי־טוציע פון 1814, וועלכע איז אזוי מיאוס פאַרגוואַלדיקט געוואָרן פון אלעק־סאַנדער דעם ערשטן, אזוי גרויזאַם און מערדעריש מבטל געמאַכט געוואָרן פון ניקאָלייען, האָט גאַראַנטירט אייך די פולשטענדיקע פרייהייט פון אייער רעליגיע און די פולע רעכטן פון אייער בירגער־שאַפט.

ברידער:

פאַרוואָס זאָלט איר איצט פאַרבלייבן גלייכגילטיק אין אָנבליק פון אונדזערע פּינצטערע ליידן. די מאָסקווער האָרדעס, וועלכע פאַרוויסטן אונ־דזער לאַנד, מאַכן נישט קיין חילוק צווישן אונדז. זיי ברענען און ממיתן אלץ. אייערע גלויבנברידער ליידן אממערסטן. פאַרוואָס־זשע זאָלט איר פאַרבלייבן גלייכגילטיק צו די אומגליקלעכע קרבנות?

ווארשעווער יידן פון יאָר 1863

(רעפּראָדוקציע פון דעם בילד פון א ר ט ו ר ג ר אָ ט ג ע ר,

פון זיין סעריע „ווארשע אין יאָר 1863")

אין וואָס פאַר אַ לאַגע האָבן זיך געהאַט געפונען אייערע ברידער אונטער דער הערשאַפט פון ניקאָלאַיען? ווער האָט אַרויפגעלייגט אַזעלכע דערנידערנדיקע שטייערן אויף אייערע רעליגיעזע ריטואַלן? ווער האָט גע־מאָרדעט די פאַרטיידיקער פון אָט־אָ דער אמונה אין די קאַזעמאַטן פון קיעוו? ווער האָט אַוועקגערויבט אייערע קינדער און זיי מיט גוואַלד פאַר־וואַנדלט אין מאַטראָסן און אַרבעטער פאַר דער אַרמיי און פלאָט? ווער האָט אַרויפגעלייגט שווערע שטייערן אויף אייער טעגלעכן ברויט? ווער האָט אייך פאַרטריבן פון די דערפער? ווער האָט געריסן שטייערן אַפילו פון די מלבושים פון אייערע פּאַטערס? ווער האָט אייך אויסגעשלאָסן פון די לערנאַנשטאַלטן? אייערע אבות האָבן באַצאָלט אַ ביטערן ציגז דעם היעניש צאַר ניקאָלאַי.

פאַרוואָס זאָלט איר אַלזאָ פאַרבלייבן גלייכגילטיק אין באַצוג צו יענע פון אייערע ברידער, וועלכע ווילן בעסער שטאַרבן איידער פאָרזעצן דאָס לעבן אונטער דער רוסישער טיראַניע, וועמענס היימען ליגן אין חורבות און אַש, וועמענס עלטערן זענען דערמאָרדעט געוואָרן אין קאַלטן בלוט דורך די שיכורע קאָזאַקן, וועמענס קינדער זענען פאַרבליבן קיילעכדיקע יתומים און יתומות, וועמענס מוטערס און שוועסטער, פאַרגוואַלדיקטע אויף אַ שוידערלעכן אופן, לעבן אין יאוש און פאַרצווייפלונג.

ברידער: די צייט פון מעשים איז געקומען.

מיר לייגן אייך פאָר צו גרינדן אַ קאָמיטעט מיטן צוועק צו זאַמלען פאָנדן, נישט נאָר צווישן אייערע לאַנדסלייט, נייערט צווישן אַלע אייערע גלויבנסברידער. שיקט איבער די פאָנדן וועמען און ווי אַזוי איר ווילט, אָבער שיקט זיי איבער צו הילף פון אייערע קרובים. מיר, ווי מיטגלידער פון צענטראַלן פּוילישן קאָמיטעט אין ניו־יאָרק, אויפן סמך פון אונדזערע סטאַטוטן, האָבן נישט קיין רעכט צו זאַמלען געלט, אָבער יעטוועדע שפּענ־דונג פאַר אונדזער געמיינזאַמער זאַך מעג דעפּאָזיטירט ווערן אויף אונדזער קאָנטאָ אינעם באַנק פון די הערן שוכאַרד און געבהאַרד, נאַסאַו גאַס 11, וועלכע זענען די איינציקע פּערזאָנען באַפולמעכטיקט דורך אונדז פאַר אָט־אָ דעם צוועק.

אונדזערע מיטינגען און צוזאַמענקונפטן קומען פאָר אין פּיטאַגאָ־

ראס־האָל. מיר לאדן אייך איין ווי ברידער צו קומען. אונדזער קאָרעס־פּאָנדענץ און אונדזערע דעבאטן זענען אָפן פאר אייך. זייט גובר אייערע פּאָראורטיילן און אבערגלויבנס, אויב אזעלכע זענען פאראן, פארגעסט דעם עבר, און האנט־ביי־האנט, הגם ווייט פונעם אָרט וווּ עס קומט פאָר דער הערָאישער פארמעסט פון אונדזערע ברידער, לאָמיר דערפילן אונדזער פליכט צו פארלייכטערן דאָרטן די פורעניות, אין וועלכע זייערע נאָענטע ראנגלען זיך.

דער פוילישער צענטראל־קאָמיטעט אין די פאראייניקטע
שטאטן אין אמעריקע

פּרעזידענט: ד״ר מאצקעוויטש; אקטן־סעקרעטאר: ר. י. יאַוואראסקי; סעקרעטאר: גאצעק; קאסירער: וו. פּיאטראווסקי; מאיאָר א. ראשעווסקי, י. פּיכאווסקי, ה. קארטשעווסקי, מאיאָר הלאסקא, דוב הארוויטש, ביסקופּסקי, ווישניאווסקי, קאכאנאווסקי, מארקסאן. — ניו־יאָרק, 20סטן יוני 1863. בראדוויי 926

("The Jewish Messenger", July 3, 1863)

הוספה II

די רעזאָלוציע

ניו־יאָרק סיטי.

דעם פארגאנגענעם זונטיק, אין אָוונט, איז פאָרגעקומען אינעם „קופּער אינסטיטוט" א פארזאמלונג פון פוילישע יידן, בכדי צו העלפן זייערע ברידער אינעם קאמף, וועלכער ווערט איצט געפירט אין פוילן.

נאָך דעם ווי דער פרעזידענט, דר. מאצקעוויטש, האָט דערעפנט די פארזאמלונג און עס איז קאָנסטיטואירט געוואָרן א פערמאנענטער קאָמיטעט, איז איינשטימיק אָנגענומען געוואָרן די פאָלגנדע רעזאָלוציע.

היות, מיר אָנערקענען ווי אונדזער פּייערלעכע פליכט די הילף פאר אונדזערע ברידער אין פוילן, וועלכע קעמפן פאר דער אומאָפּהענגיקייט

אין שאָטן פון עבר

צוזאמען מיט אנדערע פּאַליאַקן, ווערט באשלאָסן, אז דער דאָזיקער קאָ מיטעט זאָל זיך ווענדן צו אלע פּאָליאַקן פון משהס גלויבן, וועלכע וווינען אויפן גאנצן שטח פון די פאראייניקטע שטאטן, מיטן רוף צו העלפן אין דער באפרייאונג פון זייער געבורטלאנד, דורך העלפן זייערע ברידער אין פוילן אויף אלע מעגלעכע אופנים.

("The Jewish Messenger", 4, July 24, 1863)

דער קאמף ארום געפלאנטע צייטשריפטן פאר יידן אין קאָנגרעס־פּוילן (1840—1860)

1.

אויף דער תקופה צווישן די צוויי אויפשטאנדן פון 1831 און 1863 געפאלט די צייט פון דער שארפער סאָציאלער דיפערענציאציע פון דער יידישער באפעלקערונג אין קאָנגרעס־פּוילן.

דער געלט־האנדל פארשפרייט זיך זייער שטארק אדאנק דעם עקאָנאָמישן אויפבלי פון לאנד. עס וואקסן אוים גרויסע באנק־הייזער, געגרינדט פון יידן. די יידן דרינגען אריין אין דער אינדוסטריע פון לאנד, ארענדירן פארשידענע מלוכהשע אונטערנעמונגען (טאבאק־מאָנאָפּאָל), פארבינדן ווי האנדלס־אגענטן פּוילן מיט מערב־אייראָפּע.

מיטן וווקס פון דער יידישער פּלוטאָקראטיע אין צאָל וואקסט אויך די יידישע אינטעליגענץ, וואָס טוליעט זיך צו די ווארעמע אויוונס פון אירע רייכע „גלויבנס־גענאָסן".

די זעלבע טענדענצן, וואָס האָבן זיך מאניפעסטירט אין דייטשלאנד אין דער צווייטער העלפט 18טן יאָרהונדערט, לאָזן זיך מערקן אויך אין פּוילן, פארשפעטיקטע אין צייט, אָבער גראָד צייטיק לויט דער פארשפעטיקטקייט פון פּוילנס עקאָנאָמישער אנטוויקלונג.

פּונקט ווי אין דייטשלאנד האָט די „אויפגעקלערטע" בורזשואזיע געזוכט א טיר צו דער דרויסנדיקער וועלט נישט נאָר דורך דער דייטשער שפּראך און קולטור, נאָר אויך דורך א באזונדערן אָרגאן, וואָס זאָל מיט ספּעציעלע אַפּאָלאָגעטישע ארטיקלען דערווייזן, אז „יהדות" איז נישט

קיין סתירה צו דער קריסטלעכער ציוויליזאציע, וואָס צו איר האָבן זיי אזוי שטארק גענארט, — אזוי איז אויך געווען אין פוילן, ווו עס ווייזן זיך די זעלבע טענדענצן און שטרעבונגען צו שאפן פאר זיך א טריבונע פאר „אויפגעקלערטער חכמה" און רעליגיעז־מאראליזירנדיקער התנצלות *).

די ערשטע גייסטיקע פארבינדונג מיט דער דרויסנדיקער וועלט האָבן די „אויפגעקלערטע" און אויפגעקומענע גבירים אָדער כמעט־גבירים אין פוילן, אזוי גוט ווי אין רוסלאנד געהאט דורך דער פארמיטלונג פון דער דייטש־יידישער פרעסע.

שוין אין דער צייטשריפט "Sulamith", וואָס איז ארויס אין לייפציג און אין דעסע אין די יאָרן 1806־1837, 1845־1848 (אינגאנצן אכט נומערן), געפינען מיר קאָרעספּאָנדענצן וועגן דער לאגע פון די יידן אין פוילן.

אין משך פון די יאָרן 1815־1846 זענען אין דייטשלאנד ארויס 25 פארשידענע צייטשריפטן, ארויסגעגעבן פון יידן און פאר יידן. טייל פון זיי האָבן געהאט קאָרעספּאָנדענטן אין די גרעסערע פוילישע שטעט, ווי ווארשע, טשענסטאָכאָוו, לאָדז א״א. א סך פון די צייטשריפטן פלעגן אָנקומען קיין פוילן נישט נאָר צו אבאָנענטן, נאָר אפילו פארן איינצל־פארקויף, ווי: 1) Der Israelit des 19 Jahrhunderts (האָט דער־שיינט צוויי מאָל א חודש אין די יאָרן 1839־1841 און איין מאָל א וואָך אין די יאָרן 1841־48); 2) Israelitische Annalen (ארויסגעגעבן פון יאָסטן אין די יאָרן 1838־41); 3) דער Orient (רעדאקטירט פון יוליוס פירסט, 1840־1851) און 4) Allgemeine Zeitung des Judenthums (האָט אָנגעהויבן דערשיינען אין 1837 אונטער דער רע־דאקציע פון לודוויג פיליפסאָן).

אנדערע צייטשריפטן פלעגן צופעליק אריינפאלן אין די הענט פון דעם יידישן צענזאָר אין ווארשע. קיין ברייטערן אָפּגאנג האָבן זיי אָבער נישט געהאט.

די דייטש־יידישע צייטשריפטן האָבן געהאט גרויס אינטערעס צו

---

*) ד״ר יעקב שאצקי, די יידן אין קיניגרייך פוילן אין דער תקופה פון פאסקעוויטש (מאַנוסקריפּט)

באקומען דעם דעביט אין פוילן. פון דאָרטן פלעגן זיי קריגן נישט נאָר לייענער, נאָר אויך מיטארבעטער. מיט זיינע אויספירלעכע באריכטן וועגן דער לאגע פון די יידן אין רוסיש־פוילן האָבן די דאָזיקע אָרגאנען צוגע־דינט דער געזעלשאפטלעכער מיינונג שוין דערמיט אליין, וואָס זיי האָבן זיך באמיט אויפצוקלערן די יידן־פראגע אין א סביבה, ווו עס איז געווען א סך מער פרייהייט פון וואָרט, איידער אונטער די אייזערנע קנאפל פון פאסקעוויטשעס רעזשים.

אָט די דאָזיקע פרייהייט פון מיינונגען, ווי אויך דער קאמף פון איינקע דייטש־יידישע אָרגאנען (Orient, שפעטער די Allgemeine Zeitung des Judenthums) קעגן די עקסטרעמע אָרטאָדאָקסן, האָט נישט שטארק נושא חן געווען ביי די אָרדענונגס־היטער אין פוילן *).

אין דער צענזור זענען דאן געזעסן אברהם שטערן **), דער נישט־געקרוינטער פירער פון דער יידישער אָרטאָדאָקסיע אין פוילן, און זיין געהילף יעקב טוגענדהאָלד (1794—1872).

שטערן האָט באקעמפט די דייטשע איינפלוסן אין פוילן. ווען די „אויפגעקלערטע" מיטגלידער פון דעם „יידישן קאָמיטעט" האָבן אין 1834 באשלאָסן צו אימפאָרטירן פון דייטשלאנד רעליגיעזע קאטעכיזיסן פאר יידישע קינדער, וואָס זענען צו יענער צייט געווען אן „ערזאץ"־מיטל פארן לימוד פון דער יידישער רעליגיע — איז שטערן ארויס זייער ענער־גיש קעגן דעם. א פשיטא נאָך, אז די פוילישע משכילים האָבן געוואָלט

*) דעם „אָריענט" האָט מען געהאלטן פאר צו אנטירוסיש. דעם „איז־ראעליט דעם 19 יארהונדערטס" פאר אַן אָרגאן וואָס האָט אנטשידן „געקעמפט קעגן אַלץ וואָס איז פארעלטערט".

*) אברהם שטערן (געבוירן 1762) איז געשטאָרבן אין 1841. זיין פלאַץ האָבן זיך באַמיט צו פאַרנעמען אַ ריי לערער און געוועזענע תלמידים פון דער ראבינער־שול, ווי אברהם בוכנער, חיים לאנדי, בערנארד צימערמאן, הערש מענ־דעלסבערג, בערנאַרד לעסעלראָט און ב. הערטצפעלד. דעם 14טן יוני 1842 איז אָבער באַשטימט געוואָרן דווקא אַ קריסט, אַ מיטגליד פון דער מיסיאָנערישער אַנגליקאַנישער קירך, קריסטיאַן טשערסקער, אַ משומד. אין 1845 האָט ער באַ־קומען אין בערלין אַ דאָקטאָראַט.

די דאָזיקע קאטעכיזיסן איבערזעצן אויף פויליש, כדי „אויף אזא אופן פארלייכטערן די יידישע קינדער די לערע פון דער פוילישער שפראך *).

אין א קאָרעספּאָנדענץ פון ווארשע צו דער „אלגעמיינער ציימונג דעם יודענטומס" לייענען מיר, אז די ציימונג האָט ארויסגערופן א גרויסע פרייד ביי די „אויפגעקלערטע" יידן. דער ייד אין פוילן, לאָזט וויסן דער מחבר פון דער קאָרעספּאָנדענץ, וויל זיך אויך דערנענטערן צו די „וואַרעמע שטראַלן פון דער דייטשער קולטור".

כדי צו האָבן א צוטריט צו דער דאָזיקער קולטור, איז אָבער ווינציק געווען צו לייענען די דייטש־יידישע פּרעסע; מען האָט באדאַרפט שאפן אן אייגענע.

בשעת ווען טייל האָבן געהאַלטן, אז עס איז פּולקאָם גענוג זיך צו „וואַרעמען" ביי די פּעריאָדישע שריפטן פון דייטשלאַנד, האָבן אָבער די מער פּאָלאָניזירטע עלעמענטן, למשל אין קראָקע, פּראָפּאַגאַנדירט די אידעע פון ארויסגעבן א ציימונג אויף פויליש, „ווייל די פוילישע געזעלשאפט ווייסט זייער ווינציק וועגן דעם לעבן און די מנהגים פון די יידן".

„דער מאנגל אין א פויליש־יידישער צייטשריפט — שרייבט דער קראָקעווער קאָרעספּאָנדענט פון דער „אלג. צייט. דעס יודענטומס" — לאָזט זיך נאָך שטארקער פילן, ווען מען נעמט אין אכט, אז די לעצטע יאָרן האָבן אייניקע פאך־געלערנטע פאַרגעשטעלט אין זייערע ווערק אונדזער רעליגיע פון א „פאַלשן שטאַנדפּונקט"...

אויך דער „צענזור־קאָמיטעט פאר העברעאישע ביכער" האָט גענומען קוקן אויף דעם פּראָיעקט פון ארויסגעבן אויף פויליש א וואָכנשריפט פאר יידן ווי אויף א פּראַקטישער זאך — א מין קעגן־סם צו די דייטש־יידישע צייטשריפטן.

דער געדאַנק איז אויסגעוואַקסן פון אן אינטערעסאַנטן וויכוח ארום דער פראגע וועגן געבן דעביט אין פוילן דעם דייטש־יידישן זשורנאל

---

*) טעפּליץ אין דער פּאָלעמיק מיט אברהם שטערן הייסט אים לייענען די צייטשריפטן **Sulamith** און האָבן דרך־ארץ פאַר די דייטשע רעפאָרמאַטאָרס, ווי היינעמאַן, דער אַרויסגעבער פון **Jedidia** (1817—1833), ווייל ער איז א מיטגליד פון קאָנסיסטאָריום אין וועסטפאַליע.

Der Israelit des 19 Jahrhunderts, רעדאקטירט פון א ראבינער, ד״ר מענדל העס. דער רוסישער קאָנסול אין ווײמאַר האָט צוגעשיקט דעם קוראטאָר פון דעם ווארשעווער בילדונגס־ראיאָן פינף העפטן פון דער דאָזיקער צייטשריפט, אָנפרעגנדיק, צי מ׳וואָלט דערלויבט צו פארשפרייטן די דאָזיקע אויסגאבע צווישן די יידן אין פוילן. דערויף האָט דער יידי־שער צענזאָר, וואָס צו אים האָט דער קוראטאָר זיך געווענדט נאָך א מיינונג, געענטפערט נעגאטיוו *), מיטן מאָטיוו, אז די צייטשריפט האָט זיך געשטעלט פאר א ציל צו פארשפרייטן „ראציאָנאליזם צווישן די יידן, ד״ה, א רעליגיע כמעט אָן טראדיציע און באזירט אויף די פרינציפן פון שׂכל״. טוגענדהאָלד האָט ציטירט אייניקע אויסצוגן פון העסנס „איזראעליט״ מיטן אויספיר, אז פארשפרייטן די צייטונג איז א שעדלעכע זאך — ווייל זי גראָבט אונטער די מאָראל. ווייטער לאָזט דער צענזאָר וויסן דעם ביל־דונגס־קוראטאָר, אז די פוילישע יידן זענען חס וחלילה נישט קעגן דער דייטשער בילדונג, והא ראיה — די פוילישע יידן לייענען איצט מענדעל־סאָנס „ביאור״ אָן דעם אומצוטרוי וואָס זיי האָבן אמאָל ארויסגעוויזן צו דעם ווערק. זיי לייענען אויך די Allgemeine Zeitung des Judenthums און די Annalen des Judenthums אדאנק זיי „באקומען זיי חשק צו א גרינטלעכן שטודיום פון שפראכן, צום נאָכטון איידעלע מעשים און צום באקענען זיך מיט ליכטיקע פרינציפן, וואָס באליידיקן נישט דעם יסוד פון אמונה״.

„אויב די יידן —שרייבט דער צענזאָר— וועלן איצט באמערקן די אויבנדערמאָנטע צייטשריפט פון הער העס, וואָס איז פול מיט פריידענ־קערישע מיינונגען און שטרעבט צו פארבייגן די רעליגיעזע טראדיציעס, וועלן זיי אזוי זיך איבערשרעקן און זיך מצער זיין, אז אפילו אויף די אויסגעצייכנטע ווערק פון א מענדעלסאָן און אנדערע באמת מאָראלישע און אויפגעקלערטע מחברים וועלן זיי קוקן מיט אומצוטרוי אָדער זיי אינ־גאנצן פארווארפן״.

דער הויפט־צענזור־אמט האָט אָבער נישט איינגעשטימט מיט דער

*) די באאמטע פון יידישן צענזור־אמט זענען געווען: דער משומד ב. טשערסקער און יעקב טוגענדהאָלד, דער סעקרעטאַר פון צענזור.

מיינונג פון דעם יידישן צענזאָר. אין אן אינטערעסאנטער ־דעבאַטע מיטן יידישן צענזאָר ווייזט אויף דער פאַרטרעטער פון דער הויפּט־צענזור, אַז די דאָזיקע צייטשריפט וויל דאָך אויסראָטן נישט די יידישע רעליגיע, נאָר די תלמודישע. מיט זיין קריטיק פון תלמודישע פּעלערן טוט דער רעדאַק־טאָר פון דעם „איזראַעליט דעם 19טן יאָרהונדערטס" א וויכטיקע אר־בעט, ווייל ער פאַרשעמט פאַר דער קריסטלעכער וועלט די יידן, וואָס האלטן זיך נאָך ביים תלמוד. דער חסרון זיינער איז אָבער — טענהט דער הויפּט־צענזאָר— וואָס ער טוט עס צו האסטיק און דער רעדאַקטאָר מענדל העס פאַרגעסט, א סברה, אַז עס איז „שווער אין איין יאָר צו ענדערן דעם ראַ־ביניזם, וואָס דויערט אכצן יאָרהונדערטער". איינשטימענדיק בנוגע דער קריטיק פון דער ראַציאָנאַליסטישער טענדענץ פון דער דאָזיקער צייט־שריפט, האלט אָבער דער צענזור־אַמט, אַז די קריטיק איז געצילט קעגן דעם תלמוד און דערפאַר דאַרף מען געבן דער צייטשריפט א דעביט אין פּוילן.

עס איז כאַראַקטעריסטיש, אַז בעת דער זעלבער העס האָט געבעטן (אין 1842) א דעביט פאַר זיין זשורנאַל אין רוסלאַנד, האָט מען אים אָפּ־געזאָגט אויף דעם סמך טאַקע, וואָס ער פאַרטרעט דעם שטאַנדפּונקט פון דער „ניי־יידישער שול"(!) און באַקעמפט דעם ראַביניזם.

אין דעם זעלבן מעמאָראַנדום, ווו דער צענזור־קאָמיטעט פאַר העב־ברעאישע ביכער האָט זיך ארויסגעזאָגט קעגן דערלויבן העסנס זשורנאַל אין פּוילן, האָט ער ארויסגעשטעלט די פראַגע פון א צייטשריפט ספּעציעל פאַר די יידן אין קאָנגרעס־פּוילן.

„אויף צו פאַרשפּרייטן צווישן די פּוילישע יידן אמתע מאָראַלישע בילדונג, ווי אויך ליבשאַפט פאַר סאָציאַלע מידות טובות און נוצלעכער ארבעט —האָט געשריבן טוגענדהאָלד (דעם 8טן מערץ 1841)— וואָלט א סך בייגעשטייערט א פּעריאָדישע שריפט פאַר די היגע יידן, ארויסגע־געבן אין דער פּוילישער שפּראַך. אַזאַ צייטשריפט וואָלט באַדאַרפט כולל זיין: קלענערע ליטעראַרישע ארבעטן, מאָראַלישע סענטענצן און דערציי־לונגען אויף העברעאיש באַגלייך מיט א פּוילישער איבערזעצונג, ווי אויך קורצע אויסצוגן פון וויסנשאַפטלעכע ווערק איבער פיזיק, נאַטור־געשיכ־

טע, אלגעמיינע געשיכטע, געאָגראַפיע און טעכניק״. „אָן דעם ליכטיקן און פאַטערלעכן ווילן פון קוראַטאָר און פון דער פאַרוואַלטונג פאַר רע־ליגיעזער דערציאונג ווענדט זיך, אז מ׳זאָל זיך פאַרטראַכטן איבער די מיטלען פון רעאַליזירן דעם דאָזיקן פּראָיעקט״.

דער דאָזיקער פּראָיעקט איז אָבער ווייטער נישט געגאַנגען. מען האָט צו טוגענדהאָלדן קיין גרויס צוטרוי נישט געהאַט. בכלל האָט דער יידישער צענזור־אַמט געהאַט א שלעכטן שם אין די אָפיציעלע קרייזן. אין זיין ענטפער אויף דעם פּראָיעקט שרייבט דער „דירעקטאָר פון דער מלוכה־צענזור״ (5טן אויגוסט 1841), אז דער קאָמיטעט פאַר צענזורירן העברע־אישע ביכער קאָקעטירט מיט די „פינסטערע, פאַנאַטישע יידן״.

די זעלבע באַשולדיקונג האָט מען געמאַכט קעגן אים אין יאָר 1837 און שפּעטער אין א העפטיקער גוט־אָרגאַניזירטער אַטאַקע, אין וועלכער מען האָט נישט געשוינט אפילו זיין פּריוואַט לעבן (אין 1855).

עס איז דעריבער נישט קיין חידוש, וואָס טוגענדהאָלדן האָט זיך נישט איינגעגעבן אָפּצושטעלן דעם דעביט פון דעם Israelit des 19 Jahrhunderts און באַוועגן דעמאָלס די רעגירונג אין וואַרשע אַרויסצוגעבן א דערלויבעניש אויף א פּויליש־העברעאישער צייטשריפט.

נישט קענענדיק דורכפירן זיין פּראָיעקט, האָט טוגענדהאָלד זיך גע־נומען מיט אַן אויסערגעוויינלעכער סיסטעמאַטישקייט מסרן די דייטש־יידישע פּרעסע און משפּיע זיין אויף די אָפיציעלע קרייזן, אז מ׳זאָל זי פאַרווערן אַריינצופירן קיין פּוילן. אין 1844 האָט ער נאָך אַמאָל אָנגעוויזן אויף דער שעדלעכקייט פון ‚Der Israelit des 19 Jahrhunderts, ווי אויך אויף פּירסטס Orient. דעם Orient האַלט ער פאַר אַן אַנטירוסישן אָרגאַן, ווייל ער קריטיקירט די רוסישע פּאָליטיק לגבי די יידן. דערביי מסרט ער, אז די דאָזיקע צייטשריפט האָט א פּאָר קאָרעס־פּאָנדענטן אין וואַרשע, וואָס שיקן צו „פאַלשע און בייזוויליקע ידיעות״. אגב ציטירט ער אַן אַרטיקל (Orient 1844, № 35), א״ט „פּוילן־רוסלאַנד״, ווו טוגענדהאָלד ווערט אָנגערופן „שענדלעכער מסור״. עס ווערט דאָ דערציילט, אז טוגענדהאָלד שטערט די וואַרשעווער „פּראָגרע־סיסטן״ (די בורזשואזע משכילים עפּשטיין און ראָזען) אין זייער אַרבעט,

דערהויפּט ביים שאפן א „דייטשע שול" פאר דאווענען. דעריבער בעט טוגענדהאָלד דעם נאמעסטניק פּאסקעוויטש, מ'זאָל די ציימונג נישט אריינלאָזן קיין פּוילן, בפרט, אז אין רוסלאנד איז זי פארבאָטן. ווי אויף דעם ווארשיינלעכן קאָרעספּאָנדענט ווייזט טוגענדהאָלד אָן אויף חיים זעליג סלאָנימסקי. וואָס שייך דעם Israelit des 19 Jahrhunderts האלט אים דער צענזאָר פאר שעדלעך, ווייל ער „פארשפרייט צווישן יידן א דעסטרוקטיוון ראציאָנאליזם" און שטרעבט צו „גרינדן א סעקטע, וועלכע וואָלט געקוקט אויף דער יידישער רעליגיע מיט גרינגשעצונג און אויף דער קריסטלעכער מיט א פארביסענער איראָניע" *). פאר מער־ווייניקער כשר האלט ער די .Allg. Zeitung d. Jud און דעם Sabattblatt **).

טוגענדהאָלדס אינטריגעס קעגן דעם משכילישן קרייז ווערן באַשטעטיקט נישט נאָר דורך די פיל אקטן אויס דעם ארכיוו פון דער צענזור, נאָר אויך דורך די מיטצייטלערישע קאָרעספּאָנדענצן פון דער דייטש־יידישער פּרעסע. אין „אָריענט" (1844, נר. 45) שרייבט „א ווארשעווער", אז ער פארשטייט נישט, פארוואָס מ'רודפט העברעאישע ביכער, בעת זיי אנטהאלטן נישט שום קיין זאך קעגן דער מלוכה. דער קאָרעספּאָנדענט באקלאָגט זיך אויף דעם הויפּט־צענזאָר דעם משומד טשערסקער און ספּעציעל אויף טוגענדהאָלדן, וועלכער איז א בלינד געצייג אין די הענט פון דעם הויפּט־צענזאָר.

די רעאקציע קעגן די אויסלענדישע יידישע צייטשריפטן איז אָבער אין רוסלאנד געווען א סך א שטארקערע איידער אין פּוילן. אין 1846 האָט מען אָפּגעזאָגט די בקשות פון די רוסישע יידן, וואָס האָבן זיך געוואָלט אבאָנירן אויף א ריי צייטשריפטן, ווי All. Zeitung des Judenthums, Orient, Zeitschrift füh die

---

*) דער „איזראעליט דעס 19 יארהונדערטס" האָט דערשיינט אין די יאָרן 1840-48.

אין רוסלאנד האָט מען אין יאָר 1843 פארהאַנדלט די פראַגע, אַז ליליענטאַל זאָל דאָס אונטער דער קאָנטראָלע פון מיניסטער אווואראָוו צושטעלן ידיעות וועגן די רוסישע יידן פאר די דייטש-יידישע זשורנאַלן. דערפון איז אָבער גאָרנישט געוואָרן.

**) אַרויס אין לייפּציג, אין די יאָרן 1842—1846.

religioesen Interessen des Judenthums, מאַטיווירנדיק עס דער־מיט, וואָס זייער ציל איז „צו שטיצן א באַזונדערע יידישע נאַציאָנאַלי־טעט, העלפן דער אַנטוויקלונג פון בילדונג און פּאָליטישע רעכט פון די יידן". א חוץ דעם ווערן די ציַיטונגען באַשולדיקט אין קריטיקירן די „פּאַראָרדענונגען פון אונדזער רעגירונג וועגן צונויפגיסן די יידן מיט דער איבעריקער באַפעלקערונג.

אין פּוילן, ווידער, האָט מען מער נישט שטאַרק קאָנטראָלירט יעדן נומער פון דער דייטש־יידישער פּרעסע און אַדאַנק דעם וואַכן אויג פון צענזאָר טוגענדהאָלד זענען די נומערן מיט שטאַרקע אַנטירוסישע אַר־טיקלען נישט דערגאַנגען צו די לייענער. דער „עפּילאָג" פון דער דאָזיקער טעטיקייט קומט באַלד נאָכן טויט פון ניקאָלאַי דעם ערשטן.

אין 1855 האָט טוגענדהאָלד אַריינגעשיקט דעם נייעם נאַמעסטניק אויסצוגן פון צוויי דייטש־יידישע פּעריאָדישע אויסגאַבן: פון דעם קאַ־לענדאַר, אַרויסגעגעבן פון ווערטהיימער און פון דעם זשורנאַל „דער איז־ראַעליטישער פאָלקסלערער". אין קאַלענדאַר פאַרן יאָר 1855־56 האָט ווערטהיימער אַזוי געשריבן וועגן דעם צאַר ניקאָלאַי דעם ערשטן:

„עס איז נישט קיין צופאַל, וואָס די ידיעה וועגן דעם טויט פון צאַר ניקאָלאַי איז אָנגעקומען אין דעם גרעסטן טייל אייראָפּע גראָד ערב פּורים".

און שטיין, דער רעדאַקטאָר פון דעם „איזראַעליטישער פאָלקסלע־רער", האָט זיך אויסגעדריקט, אַז די קרימער מלחמה וועט זיין א ישועה, ווייל זי וועט מוזן ברענגען יושרדיקע רעזולטאַטן.

דערביי באַמערקט דער טיכטיקער און געטרייער צאַרישער משרת, אַז די דייטש־יידישע משכילים קאָרעספּאָנדירן מיט אייניקע משכילים פון פּוילן, ווי דאָס איז לייכט צו זען פון „די געמיינע ידיעות" וועגן די היגע אומשטענדן פון דעם יידישן פאָלק.

מיט אַלעקסאַנדער דעם צווייטן הייבט זיך אָן די תקופה פון „ראָזע האָפענונגען" בכלל און פאַר די יידן בפרט.

„א נייער קייזער איז אַרויף אויפן טראָן — האָט מיט פרייד מודיע געווען די „אַלגעמיינע צייטונג דעם יודענטומס" (1856, נר. 19)—, זיין ערשט וואָרט איז: יושר פאַר אַלעמען; זיין ערשטער אויפטו איז: שלום.

עס איז דעריבער נישט קיין חידוש, וואס אין די הערצער פון די פויליש־רוסישע יידן האבן אויפגעלעבט נייע האפענונגען, וואס זייערע נשמות גלייכן זיך אוים און מיט א וואקסנדיקן צוטרוי קוקן זיי אויף פעטערבורג".

דער צוטריט פאר דער אויסלענדישער יידישער פרעסע קיין פוילן און רוסלאנד איז געווארן א לייכטערער. גרויסע האפענונגען האט מען געלייגט קודם כל אויף די מעגלעכקייטן, וואס עפענען זיך איצט פאר דער יידישער (העברעאישער) פרעסע.

אין יאר 1857 האט זילבערמאן, דער רעדאקטאר פון „המגיד", זיך געווענדט צום פרייסישן קאנסול אין ווארשע, ער זאל פועלן ביי דעם נאמעסטניק פון פוילן דאס רעכט פאר דעם פאסט־אמט אין ווארשע אנ־צונעמען אבאנענטן פאר זיין וואכנבלאט. דער קאנסול האט ווארעם גע־שטיצט די דאזיקע בקשה, אטעסטירנדיק דעם „המגיד" ווי א צייטשריפט אין א „גוטן גייסט". אין זיין בקשה (דאטירט דעם 24סטן מאי 1857), געשריבן אין דייטש, כאראקטעריזירט זילבערמאן דעם „המגיד" ווי א שריפט, וואס שטרעבט איינצופלאנצן „ליבשאפט און געהארכזאמקייט צו דער לאנדס־ממשלה". לכתחילה האט ער זיך געווענדט וועגן דעם ענין קיין פעטערבורג, פון דארטן אבער האט מען אים אפגעשיקט קיין ווארשע, ווייל נאר ווארשע און ווילנע האבן געהאט צו יענער צייט יידישע צענזארן. די ווילנער צענזור פלעגט דורכלאזן דעם „המגיד" און נישט געהאט קיינמאל גארנישט אויסצוזעצן קעגן אים אדאנק זיין „קאנסער־וואטיוון און לאיאלן כאראקטער". די פאסט־פארוואלטונג אין פוילן האט אבער נישט געוואלט איינגיין אויף די פריווילעגיעס, און דעריבער האט זילבערמאן באנייט זיינע השתדלותן און געהאפט, אז אדאנק דעם „פא־טריאטישן כאראקטער" פון זיין זשורנאל וועט מען די גזרה קעגן אים סוף כל סוף באזייטיקן. דער בילדונגס־קוראטאר מוכאנאוו האט געגעבן די בעסטע אטעסטאציע דעם „המגיד", אזוי אז דעם 8טן יולי 1857 האט מען דעם רעדאקטאר מודיע געווען, אז זיין וואכנבלאט קען אבאנירט ווערן אין פוילן.

דער דערפאלג פון זילבערמאנען האט משמעות צוגעגעבן מוט די ווארשעווער משכילים אין זייערע באמיאונגען צו באקומען א דערלויבע־ניש פאר א צייטשריפט, געווידמעט אויסשליסלעך די אינטערעסן פון די

פוילישע יידן. דער דאנציגער קאָרעספּאָנדענט פון דער „אלגעמיינע צייטונג דעס יודענטומס״ (נומער 9, 1857) האָט ריכטיק באמערקט, אז דער „המגיד״ וועט ארויסרופן נאָכטוער, באזונדערס אין פוילן, ווו העברעאיש איז מער פארשפּרייט צווישן דעם יידישן עולם ווי אין דייטשלאַנד.

געהאט האָט דאָס פוילישע יידנטום פון יענער צייט א הייפל העברעאיש־שרייבנדיקע משכילים. אמת נישט אזוי גרוים ווי אין ליטע און נישט אזוי חשוב (מיט קליינע אויסנאמען), אָבער דאָך גאנץ היפּש, ווען מען נעמט אין אכט, אז זיי זענען געווען באשטימט פאַרן „אייגענעם געברויך״, און צו יענער צייט האָט מען געקענט זייער צאָל פארגרעסערן מיט די נעמען פון די עמיגראנטן־משכילים, וואָס האָבן אין די יאָרן 1830־1860 זיך געלאָזט קיין מערב אייראָפּע (פראנקרייך האָט איינגעשלונגען די בעסטע פוילישע העברעאיסטן). באַקאַנט זענען געווען דאן אין פוילן: פייבוש שיפּער *), ד״ר מאטעאוש (משה) סטודענצקי **), יעקב רייפמאַן, יוסף שיינהאק, חיים זעליג סלאָנימסקי, דוד ראָזענבאנד, שמעון דאנקאָוויטש, משה לאסקי און אנדערע.

די ווארשעווער העברעאיסטן־משכילים האָבן אפילו געהאט א כמו „ליטעראַרישן סאַלאָן״ אין דעם הויז פון משה טאנענבוים (געשטאָרבן 1849), א באַקאַנטן תלמודיסט און מענדלסאָניאנער, דעם שווער פון הילארי (הלל) נוסבוים (1820־1895), דעם מחבר פון „מטעי משה״, (ווארשע 1838). אין יענעם „סאַלאָן״ האָט מען געלייענט און דעבאַטירט איבער די ארטיקלען פון א. פיליפּסאָן, פירסט און אנדערע מערב־אייראָפּעאישע משכילים, וואָס די רוסיש־פוילישע משכילים זענען געשטאַנען

---

*) געשטאַמט פון שעברעשין: זיינע ווערק געבראַכט אין ציימליכס Bibliotheka Hebraica געווען פּאַסקעוויטשעס פּראָטעזשע, וועמעס ביאָגראַפיע אַרויסגעגעבן אויף העברעאיש (אין 1845) און דערפאַר געווען געשטיצט מיט גרעסערע סומעס געלט. אין 1835 געעפנט אין וואַרשע אַ שול פאַר יידישע קינדער.

*) געבוירן אין זבאַראַזש (גאַליציע) אין 1806, געקומען קיין וואַרשע אין 1825, שטודירט אין דעם וואַרשעווער ״ליצעום״. 1831 אַוועק קיין בערלין שטודירן מעדיצין. 1834 באַזעצט זיך אין וואַרשע. האָט פאַרפאַסט איניקע חבורים, ווי „רופא הילדים״ (וואַרשע 1847) א״א. געשטאָרבן איז ער אין וואַרשע אין 1875.

מיט זיי אין א בריוולעכן קאָנטאַקט און געהאַט א בעסערע מיינונג וועגן זייערע שאַפונגען, איידער יענע וועגן זייערע. דאָרטן פלעגט מען אויך באַ־אַרבעטן די קאָרעספּאָנדענצן איבער דער יידישער לאַגע אין פוילן, וואָס פלעגן זיין באַשטימט פאַר די דייטש־יידישע זשורנאַלן.

שפּעטער איז אזא מין סאַלאָן געווען אין הויז פון טעאָדאָר טעפּליץ, ווו צוויי דורות פלעגן פירן דיסקוסיעס איבער די ברענענדיקע פּראָבלע־מען פון דעם יידיש־פּוילישן לעבן.

פון יענע ספערן איז ארויס דער געדאַנק צו באַנייען די באַמיאונ־גען מכוח א וואָכנבלאַט פאַר די פּוילישע יידן, וואָס אין יאָר 1841, אין דער גרויזאַמער תקופה פון פּאַסקעוויטש, איז עס געווען אוממעגלעך צו רעאַליזירן. חוץ די גרויסע האָפענונגען, וואָס מען האָט געלייגט אויפן „גייסט פון דער צייט", אויף די „פּרילינגס־ווינטן" אין די מלוכה־קרייזן, האָבן דאָ אָן ספק געשפּילט א וויכטיקע ראָלע די ידיעות פון רוסלאַנד, ווו די משכילים זענען נישט מיד געוואָרן זיך משתדל צו זיין וועגן א דערלויבעניש פאַר א פּעריאָדישער אויסגאַבע. אין משך פון א קורצער צייט האָט מען אין רוסלאַנד געמאַכט עטלעכע פּרוּוון ארויסצוגעבן א זשורנאַל.

אין 1846 האָט א זשיטאָמירער מעקלער, אַלעקסאַנדער טרידריך (א קריסט), געבעטן א דערלויבעניש אויף 25 יאָר ארויסצוגעבן אויף העברעאיש א צייטונג מיט אויסצוגן פון דער אָפיציעלער פּרעסע. — מ'האָט אים אָפּגעזאָגט.

פיר יאָר שפּעטער (1850) האָט א געוויסער שמואל וואַרשאַווסקי געבעטן א דערלויבעניש אויף צו עפענען א דרוקעריי אין איינער פון די שטעט פון כערסאָנער גובערניע מיטן רעכט ארויסצוגעבן אויף יידיש „בלעטלעך אין דער פאָרעם פון א צייטונג", ווי אויך ביכער פאַר יידן וועגן ערד־ארבעט.

אין 1851 האָט יעקב אייכענבוים (1796־1861), דער אינספּעקטאָר פון דער זשיטאָמירער ראַבינער־שול, געפּלאַנט ארויסצוגעבן א זשורנאַל א"נ „לקח טוב", אָבער אָן רעזולטאַטן. אין 1853 האָט ער באַנייט זיין השתדלות. אין 1857 איז שוין געביטן געוואָרן דער לכתחילהדיקער פּראָ־יעקט פון דעם זשורנאַל. מען האָט פּראָיעקטירט א ביילאַגע אין רוסיש

און אין דייטש. די מלוכה זאָל סובסידירן די ציימונג, כדי מען זאָל זי קענען פאַרטיילן אָן געלט. דער דירעקטאָר פון דער ראַבינער־שול, קאָ־וואַלעווסקי, איז געווען דערפאַר, אַז „אַרטיקלען, וואָס זענען באַשטימט פאַרן רוב עולם, זאָלן געדרוקט זיין אין דער פּשוטער פאָלקסשפּראַך". דער צענזאָר פּיאָדראָוו (גרינבוים, א משומד) און רובינשטיין, דער „גע־לערנטער ייד" ביים קיעווער בילדונגס־ראַיאָן, האָבן זיך אַרויסגעזאָגט קעגן יידיש.

די פראַגע וועגן דער נויטיקייט פון אַ פּעריאָדישן אָרגאַן פאַר די יידן איז צו יענער צייט דעבאַטירט געוואָרן צווישן די יידן אין רוסלאַנד. אין 1858, און אפשר נאָך פריער, האָט י. טאַרנאָפּאָל אָנגעשריבן אַן אַר־טיקל וועגן דעם „נוצן פון אַרויסגעבן אַ יידישע פּעריאָדישע שריפט אויף רוסיש". אין 1859 האָט אַן אָדעסער ייד, א. דומאַשעווסקי, פאַרעפנט־לעכט אין „רוסקי אינוואַליד" אַן אַרטיקל א"ט „צי נויטיקן זיך אין איצ־טיקן מאָמענט די יידן אין אַ זשורנאַל און אויף וואָס פאַר אַ שפּראַך דאַרף ער אַרויסגעגעבן ווערן".

וועגן דעם האָט מען זיכער געוווּסט אין די קרייזן פון די פּוילישע משכילים און עס איז דעריבער נישט צופעליק, וואָס בשעת ווען עס גייט אָן אין רוסלאַנד אַזאַ אינטענסיווע טעטיקייט אויסצופּועלן אַ דערלויבע־ניש אויף אַ פּעריאָדישער שריפט, באַגעגענען מיר זיך מיט די זעלבע כוונות אין רוסיש־פּוילן, וווּ אין פאַרגלייך מיט רוסלאַנד איז געווען אַ קלענערע יידישע אינטעליגענץ און נאָר אַ טייל פון איר האָט געהאַט אַ וועלכן עס איז אינטערעס פאַר יידישע ענינים. פּוילן האָט שוין צו יענער צייט געהאַט אַ פּראָפּאָרציאָנעל גרעסערע צאָל יידן אין די אַלגעמיינע שולן, אָבער אין יידישן לעבן האָט אין פאַרגלייך מיט רוסלאַנד געהערשט אַ מוראדיקע אינטעלעקטועלע אָרימקייט.

אָט דאָס איז די סביבה, וווּ די משכילים פון וואַרשע איז אויסגע־קומען זיך צו ראַנגלען פאַר די רעכט צו האָבן אַן אייגענעם אָרגאַן.

2.

דעם 1טן דעצעמבער 1857 האָט געהיימראַט מוכאַנאָוו, דער קו־ראַטאָר פון וואַרשעווער שול־ראַיאָן, באַקומען אַ פּעטיציע געחתמעט פון

פיר חשובע באַלעבאַטים־משכּילים מכּוח א דערלויבעניש אויף ארויסצו־געבן א פּעריאָדישע שריפט פאַר יידן. די דאָזיקע פּעטיציע האָבן אונטער־געשריבן: הילאַרי נוסבוים *), „סוחר און מיטגליד פון ראט פון דעם יידישן בית יתומים", זעליג סלאָנימסקי **), ערן־בירגער („פּאָטשאָטני אָביוואַטעל"), יאַקוב ראָטוואַנד ***), „סעקרעטאַר פון דעם „דאָזאָר בוזשניטשי" (קהילה) פון וואַרשעווער קרייז און יאַקוב עלזענבערג. „אויפזעער איבער די עלעמענטאַרע שולן פאַר יידן".

פאַררופנדיק זיך אויף די ווערטער פון מאַניפעסט פון אַלעקסאַנ־דער דעם צווייטן (פון 19טן מערץ 1856) מיט דעם ווונטש, אַז בילדונג זאָל זיך פאַרשפּרייטן צווישן פאָלק, שטעלן די פּעטיציאָנערן צו זייער מעמאָראַנדום, א „פּראָדוקט פון אן אויספירלעכן אַנאַליז פון דעם מאָ־ראַלישן און געזעלשאַפטלעכן צושטאַנד פון אונדזערע בני־דת".

„יידן ווינען כּמעט אין אַלע לענדער פון אייראָפּע — לייענען מיר אין דעם דאָזיקן מעמאָראַנדום — און אומעטום שטעלן זיי מער אָדער ווינציקער פאַר איין פאָלק מיט די איינוווינער פון אַנדערע אמונות און שיידן זיך נישט אָפּ פון זיי נישט אין זייער קליידונג, נישט אין דער שפּראַך און מנהגים. פאַרקערט, די היגע יידן, מיטן אויסנאַם פון א הייפל געבילדעטע יחידים, מאַכן א זייער לאַנגזאַמען פּראָגרעס אויפן וועג פון בילדונג און דערנעענטערונג צו די מיטאיינוווינער פון אַנדערע אמונות".

פאַרגלייכנדיק דעם גייסטיקן מצב פון די פּוילישע יידן מיט די אויסלענדישע, קומען דעריבער די שרייבער פון דער פּעטיציע צום אויס־פיר, אַז מ'דאַרף די סיבה פון דער קולטורעלער אָפּגעשטאַנענקייט פון די יידן אין פּוילן זוכן אין דעם וואָס עס פעלט א כּוח, וועלכער זאָל וועקן די „פאַרשלאָפענע גייסטיקע קרעפטן". אין אויסלאַנד האָט דעם ערשטן שטויס צו בילדונג געגעבן די גרינדונג פון צייטשריפטן, ספּעציעל פאַר יידן.

*) הילאַרי (הלל) נוסבוים (1820־1895) היסטאָריקער פון די יידן אין פּוילן.

**) געב. אין ביאַליסטאָק אין 1810, געשטאָרבן אין וואַרשע אין 1904.

***) 1821 — 1913. געווען פאַרשיקט קיין סיביר אין 1862.

„אין די דאָזיקע שריפטן, וואָס האָבן קיין שום שייכות נישט מיט פּאָליטיק, נאָר האָבן זיך אָפּגעגעבן בלויז מיט דעם אמתן יודאאיזם, האָט מען נערעדט צום פאָלק אין גייסט פון מאָראל און פּראָגרעס, צוגעגעבן חשק צו רעפאָרמירן די קהילות, זיך באמיט אָנצוווענדן זייערע (ד״ה פון די יידן) באַגריפן צום גייסט פון דער צייט און דערנענטערן זיי צו די חובבים, אויף וויפל דאָס איז מעגלעך״.

די שרייבער פון דער פּעטיציע פּאַררופן זיך אויף דעם „מאסף״, „כרם חמד״, „בכורי העתים״, „קול יעקב״ און אנדערע ענלעכע אויס־גאבעס. די דאָזיקע צייטשריפטן אין העברעאיש האָבן לויט דער דערקלע־רונג פון די פיר משכילים געהויבן דעם אינטערעס פאַר בילדונג און ממילא איז שוין אדאנק זיי געוואָרן לייכטער אַרויסצוגעבן זשורנאַלן אין דער שפּראַך פון לאנד. אזוי זענען אנטשטאַנען: Sulamith, Archives des Israelites, Allgemeine Zeitung, des Judenthums, Jedidiah א״א.

אַרויסגייענדיק פון דער הנחה, אז א „פּעריאָדישע שריפט, רעדאַק־טירט אין גייסט פון רעליגיע און מאָראל, צוגעפּאַסט צו די באַגריפן פון צייט און אָרט, איז דער פּאַסיקסטער מיטל צו ווירקן אויף די אַלטגלוי־ביקע, וואָלט מען באַדאַרפט אויך ביי אונדז גרינדן א רעדאַקציע פאַר א פאָלקס־צייטשריפט אין העברעאיש און פּויליש״.

די אויפגאַבע פון אזא צייטשריפט וואָלט געווען: 1) מודיע צו זיין די יידן וועגן אלע באשלוסן פון דער לאַנד־ממשלה מיט אן איבערזעצונג אויף העברעאיש („אין דער שפּראַך, וואָס זיי פאַרשטייען״); 2) ציען זייער אויפמערקזאַמקייט אויף די „געבענשטע כוונות פון דער פאָטער־לעכער רעגירונג״; 3) צונויפבינדן די יידן מיטן עפנטלעכן לעבן פון דער לאַנדס־געזעלשאַפט; 4) ווירקן אויף אן ענדערונג פון די מנהגים און זיטן „און דערמיט אליין אויף א שנעלערע דערנענטערונג צו די תושבים״ [פון לאַנד].

אזא מין צייטשריפט וואָלט, לויטן פּראָיעקט פון די אונטערגעשרי־בענע, באַדאַרפט פון צייט צו צייט דרוקן אויסצוגן פון דער פּוילישער און העברעאישער ליטעראַטור, פּאָפּולערע ידיעות איבער נאַטור־וויסנ־שאַפט אאז״וו.



הצפירה

HAZEFIRAH.

מכתב עתי משמיע חדשות

בקרב עם ישרון, מכל הדברים הנוגעים בעניני המדעית.

דברי חכמה ומדע, ידיעות העולם והטבע.

יוצא לאור אחת בשבוע, מאת

חיים זעליג סלאנימסקי.

שנה השלישית	Варшава, 28 Декабря 9 Января 1877/8	ווארשויא, ה' שבט תרל"ח	№ 1.

תוכן הענינים.

דברי הימים

דער ערשטער נומער פון „הצפירה“

די ציטונג זאָל היסן "Izraelita" און ארויסגיין איין מאָל א וואָך.

צו דער בקשה איז ביינעלייגט געוואָרן אן אויספירלעכער פּלאן פון דער וואָכנשריפט, וואָס האָט זיך לײדער נישט אויפגעהיט אין די אקטן וועגן דעם ענין. פון דער פּאָלעמיק אָבער ארום דעם פּראָיעקט וועט קלאָר ווערן דער געגויער פּלאן און דער פּרצוף פון דעם געפּלאנטן זשורנאַל.

מוכאַנאָוו האָט אָפּגעשיקט דעם פּראָיעקט צו די צוויי מיטגלידער פון צענזור־קאָמיטעט פאר יידישע ספרים: דעם הויפּט־צענזאָר ב. טשער־סקער, א משומד, און זיין געהילף יעקב טוגענדהאָלד.

טשערסקער האָט זיך ארויסגעזאָגט קעגן דער נויטווענדיקייט ארויס־צוגעבן אזא צייטשריפט. ער הייבט אָן פון א פּאָלעמיק מיט דער מיינונג פון די פּעטענטן, אז אין אויסלאנד „בליט די ציוויליזאציע צווישן די דאָרטיקע יידן”. ער האלט, אז דער קולטורעלער מצב פון די יידן אין פּוילן און אין רוסלאנד איז נישט נידעריקער ווי אין אויסלאנד און אז דער יידישער המון רעדט אומעטום אויף א „זשארגאָן” און באהערשט נישט ווי עס דארף צו זיין די שפּראך פון לאנד. בארקערט, די יידן אין רוס־לאנד רעדן א בעסערן רוסיש, איידער די דייטשישע יידן — דייטש, אָדער די ענגלישע — ענגליש *). וואָס איז שייך דעם רעליגיעזן מצב פון די יידן, קען מען זען, אז ביי „די אויסלענדישע יידן האָט זיך ארייננגעגנבעט פון איין זייט דער ראציאָנאליזם, וואָס שאנעוועט נישט די טראדיציע און די כתבי־הקודש און פון דער צווייטער זייט — פּשוטע „פארנאכלעסי־קונג פון פרומקייט, באפוצט מיטן אויסדרוק „דער גייסט פון דער צייט”. די אויסלענדישע יידישע צייטשריפטן שרייבן דווקא יאָ איבער פּאָליטיק — ברענגט טשערסקער ראיות פון זיין צענזאָרישער פּראקטיק. די דאָזיקע צייטשריפטן פארשפּרייטן ראציאָנאליסטישע געדאנקען, „וועלכע קענען

*) אַז דאָס איז ניט ריכטיק, איז לייכט פעסטצושטעלן לויט דער ליטע־ראַטור איבער השכלה ביי יידן אין 19 י"ה.

„אין יענע צייטן — שרייבט אייזיק מאיר דיק — וואר מען אזו פרעמד מיט דער רוסיסע שפּראכע דאש מען האָט ניט גיקענט איינע אדרעסע אויף אַ בריף אויף שרייבין. און דער וואש עס האָט עס גיהאט נייטיג פלעגט ער שיקין דעם בריף דורך זיין דינסט מיידיל אין קהל שטיביל צוא דעם רוסישען שרייבער וואש דארט איז”.

קיין שום אמונה קיין גוטע רעזולטאטן נישט ברענגען״. דאָס פאַרעפנט־לעכן די מלוכה־באַשלוסן אין אן אנדער שפּראַך חוץ דער לאַנדסשפּראַך — האַלט ער — וואָלט נאָך מער אָפּגעריסן די יידן פון דער ארומיקער באַפעלקערונג. עס איז אויך נישט נויטיק איבערצוזעצן אויף פּויליש אַר־טיקלען וועגן ענינים פון דת, פּונקט ווי עס איז נישט נויטיק דער פּונקט אין פּראָיעקט פון די פּעטענטן, אַז תקנות, ידיעות, וויצן, האַנדלס־קאָ־רעספּאָנדענץ, דער קורס פון דער וואַרשעווער בערזע און מודעות זאָלן זיין איבערגעזעצט אויף העברעאיש. שוין דער פאַקט גופא וואָס די מחב־רים פון דעם פּראָיעקט האָבן נישט פאַרגעסן וועגן דעם קורס פון דער בערזע און ענלעכע האַנדלס־ענינים — קומט אים פאַר זייער אויסטער־ליש און משונה. דערצו נאָך האַלט אויך דער הויפּט־צענזאָר, אַז היות ווי די רוסישע יידן קענען בעסער העברעאיש ווי זייערע „גלויבנס־ברידער אין קעניגרייך פּוילן״, קען אַזאַ זשורנאַל, וואָס גייט ארויס אויף פּויליש, אין רוסלאַנד נישט פאַרשפּרייט ווערן.

דער אויספיר טשערסקערס איז, אַז „אַזאַ צייטשריפט דאַרף נישט באַקומען די דערלויבעניש פון דער מאַכט״. (זיין ענטפער איז דאַטירט דעם 22סטן דעצעמבער 1857).

דעם זעלבן טאָג האָט יעקב טוגענדהאָלד, דער געהילפס־צענזאָר, אריינגעשיקט זיינע אָפיציעלע באַמערקונגען בנוגע דער פּראָיעקטירטער צייטשריפט. אין זיין ענטפער שרייבט טוגענדהאָלד, אַז „היות ווי אַזאַ מין צייטשריפט מוז דער עיקר האָבן די אויפגאַבע צו באַוועגן די פינסטע־רע יידישע מאַסן צו מאָראַלישער אויפקלערונג און צו אַנדערע מידות טובות, וואָס שאַפן די ווערדע פון דעם מענטשן און מאַכן אים פאַר אַ ניצלעכן מיטגליד פון דער געזעלשאַפט, דעריבער דאַרף מען זיך באַמיען צו דערוועקן אין דעם דאָזיקן, זייער פּילצאָליקן קלאַס סימפּאַטיעס און צוגעבונדנקייט צו אַזאַ מין צייטשריפט״. און כדי נישט אָפּצושרעקן די דאָזיקע מענטשן פון לייענען אַזאַ מין „ניי שאַפן״, לייגט טוגענדהאָלד פאָר:

1) אין די ערשטע דריי יאָר ארויסצוגעבן די צייטשריפט נאָר אין העברעאיש, איין מאָל אַ חודש, צו פיר אָדער פינף דרוק־בויגן אַ נומער; דערביי פאַררופט ער זיך אויף דעם „המאסף״, וועלכער האָט דאָס געטון:

„עס איז צו באדויערן —שרייבט טוגענדהאָלד—, אז דאָס רוב שפּעטער־דיקע נאָכטוער (פון „המאסף״ — י. ש.) האָט אָנגעהויבן ארויסצוגעבן אזעלכע שריפטן נאָר אין דייטש און, אָפּשאָקלענדיק זיך פון דעם גוטן גייסט פון זייער פאָרגייער, האָבן זיי פארשפּרייט זאָמען פון גלייכגילטי־קייט און גרינגשעצונג לגבי די רעליגיעזע פּרינציפּן, און אזוי־ארום גע־וואָרן די טרעגער פון ראציאָנאַליזם, ליבערטיניזם אאז״וו.

2) אָט די ענינים דארפן באהאנדלט ווערן אין דער געפּלאנטער צייטשריפט: a) יראת אלהים און א רעליגיעז־מאָראַלישע פירונג; b) אכטונג, ליבשאפט און געטריישאפט צום מאָנארך; c) אנטוויקלען איינציקע פסוקים תנ״ך, וואָס מיט זיי קען מען באווייזן (באגלייך מיט ציטירן די טראדיציאָנעלע דינים), אז חוץ דעם מ אָ נ אָ ט ע א י ז ם איז די ליבשאפט צו מיטמענטשן דער הויפּט־יסוד פון משהס אמונה, און די איסורים, וואָס געפינען זיך אין אייניקע פירושים, זענען אין א סתירה מיטן גייסט פון דער רעליגיע; d) גרינדלעכע ידיעות פון דער יידישער געשיכטע, ווי אויך פון דער געשיכטע פון אנדערע פעלקער, נישט אָנרי־רנדיק אָבער דערביי די פּאָליטישע פארהעלטענישן, ווי אויך ידיעות פון געאָגראפיע, נאטורוויסנשאפט, פיזיק, מאטעמאטיק און אסטראָנאָמיע; e) די טראקטאטן באזירט אויף די כתבי־הקודש און אויף די רעלי־גיעזע דינים, וואָס ווייזן אָן: א) אויף דעם חיוב זיך אָפּצוגעבן מיט וויסנשאפט, מלאכה און ערד־ארבעט; ב) אויף דער שעדלעכקייט צו לער־נען די יידישע יוגנט (דערהויפּט אויף דער פּראָווינץ) נאָר תלמודישע און טעאָלאָגישע זאכן, בעת די מערהייט פון דער דאָזיקער יוגנט האָט נישט צו דעם קיין גייסטיקע צוגרייטונג, ווי אויך נישט קיין אמתן חשק; f) מוסרן אין גייסט פון אמת, אָן און מיט א געפיל פון ברידערלעכקייט יענע יידן, וואָס מחמת ליידנשאפט, לייכטזין אָדער אומוויסנהייט זענען זיי עובר אויף די הויפּט־עיקרים פון זייער אמונה און אין דער טייער קאָסטנדיקער דערציאונג פון זייערע קינדער זוכן זיי נאָר די באקאנט־שאפט מיט די וועלטלעכע ענינים און איגנאָרירן לחלוטין דעם לימוד פון רעליגיע און פון דער העבעראישער ליטעראטור (דערביי באמערקט טו־גענדהאָלד, אז אזא פּאָליטיק וואָלט געוווּנען פאר דער צייטשריפט די־

פרומאקעס און אבסקוראנטן, הגם דערהויפט טאקע קעגן זיי וועט מען זיך דארפן ווענדן).

ווייטער האלט דער געהילפס־צענזאר, אז קיין שום נייס, וואס מען דרוקט אין א צייטונג, דארף אין דער פראיעקטירטער צייטשריפט נישט געדרוקט ווערן, און אז די העברעאישע שפראך דארף זיין א לייכטע און א פאפולערע, און אייניקע ארטיקלען קעגן פאנאטיזם און אומטאלעראנץ וואלטן באדארפט האבן א „יידיש־דייטשע" איבערזעצונג („מען מוז אבער דערביי אויסמיידן דעם שלעכטן זאצבוי און נישט פאלירטע אויסדרוקן פון דעם זשארגאן"), כדי דער פראסטער יידישער עולם, וועלכער קען נישט קיין העברעאיש, זאל האבן א צוטריט צום תמצית" (פון די ארטיקלען).

כדי צו זיין זיכער מיט דער פאליטישער כשרות פון דער צייטשריפט, לייגט טוגענדהאלד פאר איינצולאדן אין דער רעדאקציע אייניקע לערער פון דער ווארשעווער ראבינער־שול, בפרט צילקאוון *), א גוטן קענער פון העברעאיש און טעאלאגיע, ווי אויך א „רעכט דענקענדיקן מענטשן".

די דאזיקע צוויי סותרדיקע מיינונגען פון די באאמטע פון דער צענזור־פארוואלטונג פאר העברעאישע ביכער האט מוכאנאוו איבערגעגעבן זיין געהילף, דעם פאליאק לעאפאלד סומינסקי, וואס האט געהאט די רעפוטאציע פון א מומחה אין יידישע ענינים. סומינסקי, א טיפישער ביוראקראט מיט שטארקע מיסיאנערישע טענדענצן, א פראטעקטאר פון דעם צענזאר משומד טשערסקער, האט גענומען קנאפע פיר חדשים צו שטודירן דעם פראיעקט, ווי אויך די מיינונגען פון די צוויי באאמטע פון צענזור־אפטיילונג. דעם 13טן אפריל 1858 האט ער אין אן אויספירלעכן באריכט א״נ: Opinia o projekcie wydawania pisma peryodycznego dla Izraelitów זיך אנגעשלאסן טיילוויז אן דער מיינונג פון דעם הויפט־צענזאר טשערסקער, אז א פעריאדישע שריפט מיט אלע ידיעות, איינגעשלאסן ווענן האנדל און בערזע, וועט זיכער „סעפארירן די יידן פון די אנדערע איינוווינער פון לאנד". ער האלט אבער, אז טוגענדהאלדס פארשלאג איז כמעט דאס זעלבע וואס דער פראיעקט

*) משה אהרן צילקאוו, געלערנט תלמוד אין דער ווארשעווער ראבינערשול.

פון די פיר פּעטענטן, מיטן אויסנאַם וואָס ער וויל אויך נישט דערלויבן קיין צייטונגס־ידיעות און שטאַט א וואָכנבלאַט וויל ער האָבן א חודש־שריפט. דאָך דאַרף א צייטשריפט פאַר יידן לויטן פּראָיעקט פון טוגענד־האָלדן יאָ דערלויבט ווערן, בתנאי אַז עס וועט זייער „געשיקט און גוט רעדאַקטירט ווערן". מ'דאַרף די יידן אין רוסלאַנד און אין פּוילן נישט איבערלאָזן צו זייער אייגענעם גורל, — זאָגט סומינסקי.

„בעת מען קען זיי נישט באַוועגן אָנצונעמען דאָס קריסטנטום, דאַרף מען זיך באַמיען מאַכן זיי וואָס וויניקער שעדלעך פאַר די קריסטן. דאָס קען מען באַווייזן נאָר מיט דער הילף פון ציוויליזאַציע. אונטער ציוויליזאַציע פאַרשטיי איך דאָס אָפּשאָקלען זיך פון זאַבאָבאָנעס, איינגלייבע־נישן און פאַנאַטיזם" אאַז"וו.

סומינסקי האַלט, אַז חוץ א גוטער ראַבינערשול און עלעמענטאַרע שולן פאַר יידישע קינדער קען אויך א פּעריאָדישע אויסגאַבע דינען דעם צוועק פון ציוויליזירן דעם יידישן המון. דערביי מאַכט דער דאָזיקער ביוראָקראַט פון בילדונגס־דעפּאַרטאַמענט א כאַראַקטעריסטישע באַמערקונג, אַז אויסוואָרצלען פאַנאַטיזם — מיינט נאָך נישט פאַרשפּרייטן גאָטלאָזיקייט. „יעדער גאָטלאָזער איז שעדלעך. נאָך מער שעדלעך מוז זיין א גאָטלאָזער ייד, וועמען עס בינדט ניט קיין שום אַלגעמיינע גוטע זאַך און האַלט אים נישט אָפּ פון טון שלעכטס, נישט זיין גאווה און נישט זיין ליבשאַפט צום לאַנד".

ביז סומינסקי האָט אויסגעאַרבעט אַן ענטפער צו די פּעטענטן מיט א פאָדערונג צו ענדערן זייער פּראָגראַם אין הסכם מיט די „קריטישע באַמערקונגען" פון זיינע אָנגעשטעלטע צענזאָרס, איז וויטער אַריבער א פּאָר חדשים. אינצווישן האָט איינער פון די פּעטענטן, הילאַרי נוסבוים, זיך געווענדט מיט אַן אָנפרעג צום בילדונגס־קוראַטאָר (דעם 4טן נאָוועמבער 1858), הלמאי איז נאָך נישטאָ קיין ענטפער אויף זייער פּעטיציע פון 30סטן נאָוועמבער 1857, און ער בעט, אַז דער קוראַטאָר זאָל אים „באַערן מיט דער פּאָסיקער רעזאָלוציע".

אין א קורצער צייט אַרום האָבן די מחברים פון פּראָיעקט פאַר דער צייטשריפט באַקומען צוגעשיקט די „באַמערקונגען בנוגע דעם פּלאַן פאַר א פּעריאָדישער שריפט אונטערן נאָמען „איזראַעליטאַ", — וואָס איז

אויסגעארבעט געוואָרן פון יעקב טוגענדהאָלד. אויפן סמך פון אַלע מאַ־טעריאַלן, וואָס מען האָט וועגן דעם ענין אויסגעארבעט.

דעם 30סטן אָקטאָבער 1857 האָבן נוסבוים, ראָטוואנד און עלזענ־בערג ארויסגעשיקט אַ רעפּליקע אויף דער דאָזיקער באַמערקונג. אין זייער ענטפער פרעגן די פּעטענטן ראשית אָפּ, אַז אזא צייטשריפט וועט סעפּאַ־רירן די יידן פון די ניט־יידן. זיי ציטירן פון דעם אָריגינעלן פּראָיעקט זייערן, צוגעשיקט צום בילדונגס־קוראטאָר, אַז די „אויפגאבע פון דער צייטשריפט איז ארויפצופירן די יידן אויף דעם רעליגיעז־מאָראַלישן וועג פון בילדונג, וועקן אין זיי ליבשאפט פאר וועלטלעכן און אינדוסטריעלן [!] וויסן, ווי אויך בעל מלאכישע באשעפטיקונגען; ווי אויך זייער שטייגער דענקען לייטערן פון פינסטערע איבערגלויבנס”... — „אויב מיר וועלן באַמערקן, אַז די יידישע באפעלקערונג איז צוליב איר איצטיקער אָרגאַ־ניזאציע אין לאנד מערסטנטיילס פארנומען מיט האנדל, דאַן וועלן די ידיעות וועגן מסחר זיין א צוציאונגס־מיטל אויף אבאָנירן און לייענען די צייטשריפט און ממילא וועלן די יידן זיך באקענען מיטן אינהאַלט פון די אנדערע ארטיקלען אויך”... דער צוועק פון דרוקן אויף פּויליש אַר־טיקלען איבער רעליגיע איז צו באאיינפלוסן די יוגנט ווי אויך דעם שוין „ציוויליזירטן קלאַס” יידן, ווייל העברעאיש איז צוגענגלעך נאָר צו יחידים. דערצו איז פאראן נאָך א וויכטיקער מאָטיוו, דהיינו: צו דערווייזן, אַז די רעליגיעזע אמתן און מוסר־ווערק קענען איבערגעזעצט ווערן, אָן שום שאָדן און פּניות אין יעדער וועלטלעכער שפּראַך.

כדי די יידן זאָלן פארשטיין די „גוטע כוונות” פון דעם מלכות, איז נויטיק איבערצוזעצן די מודעות און תקנות אויף העברעאיש. ווי א ראיה ברענגען זיי דעם ביישפּיל פון דער קהילה אין ווארשע, וואָס דרוקט אירע מודעות אין צוויי שפּראַכן. דעריבער דאַרף די צייטשריפט ארויסגעגעבן ווערן נישט נאָר אין העברעאיש, נאָר אויך אין פּויליש, וואָס האָט נאָך די מעלה, אַז די מלוכה איז בכוח צו קאָנטראָלירן דעם גייסט פון דער צייטשריפט. די געפּלאַנטע צייטשריפט קען נישט ארויסגעגעבן ווערן אַלע חודש, ווייל עס וואָלט אויסגעקומען דעם לייענער צו לאַנג צו וואַרטן אויף א ניי העפט און ער וואָלט דערווייל פארגעסן דעם אָנהייב פון די ארטיקלען, וואָס וועלן דאָך זיין געדרוקט אין המשכים. אחוץ זענען פאראן

מודעות פון דער מלוכה, וואָס דארפן באלד פארעפנטלעכט ווערן, צו דער־גרייכן זייער ציל.

„דער שבת־רו, וואָס איז די יידן געבאָטן אזוי שטרענג דורך דער רעליגיע, גיט גראָד די בעסטע מעגלעכקייט אָפצוגעבן צייט אויף לייענען א פעריאָדישע שריפט, וואָס יעדער איינער לויט זיין שטייגער דענקען און זיין מדרגה פון בילדונג וועט דערין געפינען זאכן, וואָס קענען אים פאר־אינטערעסירן, באלערנען, בילדן און פאראייניקן מיטן לעבן פון דעם כלל".

וואָס איז שייך צייטונגס־ידיעות — ווערט אָנגעוויזן אין דער רע־פּליקע, אז עס האנדלט זיך נאָר וועגן יידישע ידיעות (וועגן געטריישאפט פון די יידן צום מלכות ואז"ו). אלע אנדערע צייטונגס־ידיעות בכלל און פּאָליטישע בפרט זענען אויסגעשלאָסן.

גאָר שטארק זענען די פּראָיעקטנמאכער פון דער צייטשריפט קעגן דער עצה, אז מען זאָל אייניקע ארטיקלען איבערזעצן אויף יידיש. זיי האלטן, אז דאָס שטערט דער כוונה „אָפּצוגעוווינען די גלויבנס־ברידער פון זייער היינטיקן יידיש־דייטשן זשאַרגאָן". לויט זייער מיינונג קען דער מענטש פון המון, ד"ה דער בעל־מלאכה אָדער סתם־ארבעטער, א סך בע־סער פּויליש (!) איידער די יידיש־דייטשע שפּראך, וואָס „גערייניקט פון זשארגאָן, שטעלט זי פאָר מיט זיך די פּאָפּולערע דייטשע שפּראך".

דער פּאָרשלאָג איינצולאָדן צילקאָוון קען נישט אָנגענומען ווערן, ווייל צילקאָוו איז נישט באקאנט אין דער ליטעראַרישער וועלט. דאקעגן סלאָנימסקי האָט זיך שוין קונה־שם געווען ווי א מאטעמאטיקער און שרייבער.

צום סוף ווערט אין דער פּעטיציע אָנגעוויזן, אז אויב דער „המגיד", וואָס איז געדרוקט נאָר אויף העברעאיש און איז צוטריטלעך נאָר יחי־דים, האָט א דעביט אין רוסלאנד און אין פּוילן און די רעגירונג העלפט אים קריגן אבאָנענטן דורך דער פארמיטלונג פון די פּאָסט־אָפּטיילונגען, דארף מען דערוואַרטן, אז א פּעריאָדישע אויסגאבע, באזירט אויף „היי־מישע דערפאַרונגען" און רעדאקטירט נישט נאָר אין העברעאיש, נאָר אויך אין דער שפּראך פון לאנד, וועט זיכער דערלויבט ווערן, בפרט, אז בראש פון דער אונטערנעמונג שטייען מענטשן, וואָס זענען באקאנט אין לאנד.

ווי אזוי די דאָזיקע רעפּליק האָט נושא חן געווען אין די אָפּיציעלע קרייזן, וועיזט צום בעסטן די באַמערקונג, וואָס איז אָנגעשריבן געוואָרן מיט א בלייער אויף די ראַנדן פון דעם אָריגינאַל:

„עס איז אן אומזיניקע פּלאַפּלעריי, פון וואָס עס איז צו זען, אז זיי פארשטייען נישט דעם זין פון די באַמערקונגען, אויף וועלכע זיי ענטפערן, אָדער זיי ווילן זיי נישט פארשטיין. אויב די יידן וואָלטן געהאט א צייטשריפט, וואָס זאָל אנטהאלטן די אלע ידיעות, וואָס זיי דארפן האָבן און אפילו פּאָליטישע און האנדלס־ידיעות, וואָלטן זיי דאַמאָלס באדארפט לייענען א וועלכע־עס־איז צייטשריפט אין דער לאנדסשפּראך און אויף אזא אופן, וואָס וואָלט זיי פאראייניקט מיט די תושבים״?

פון דער דאָזיקער באַמערקונג איז קלאָר געוואָרן די שטעלונג פון די רעגירונגס־קרייזן צו דעם גאנצן פּראָיעקט פון דעם וואָכנבלאט „איזראעליטא״ אָדער „הישראלי״, ווי ער האָט געזאָלט הייסן אויף העברע־איש. די פּאָר פּאָלעמישע באַמערקונגען מצד די פּראָיעקטירער פון דער צייטשריפט, געשריבן אין א זייער מעסיקן טאָן, האָבן משמעות נישט נושא חן געווען ביי די טשינאָווניקעס פון צענזור־אמט. דעם זעלבן טאָג האָט זיך דער בילדונגס־קוראטאָר געווענדט צום נאַמיעסטניק מיט א בקשה צו באַשטעטיקן די רעזאָלוציע, וואָס דערלויבט נישט ארויסצוגעבן דאָס געפּלאַנטע וואָכנבלאט, וואָרום אזא מין אויסגאַבע קען סעפּארירן די יידן פון די ניט־יידן:

„אויב אייניקע פון די היגע יידן —ווערט געזאָגט אין דעם פּאָר־שלאָג— ווילן ווירקן אויף זייערע גלויבנס־ברידער, כדי זיי צו דערנענ־טערן צו די אנדערע איינוווינער, קענען זיי פארעפנטלעכן ארטיקלען, אין דעם גייסט געשריבן אין די פּוילישע צייטונגען, וואָס גייען ארויס אין אזא גרויסער צאָל, ווי אויך אין דער דייטשער צייטונג, וואָס גייט דאָ ארויס זינט א קורצער צייט״.

דעם 9טן יוני 1859 האָט דער נאַמיעסטניק באַפוילן צו מעלדן די פּעטענטן, אז זייער פארלאַנג וועגן ארויסגעבן א פּויליש־העברעאיש וואָ־כנבלאט ווערט צוריקגעוויזן.

אין סאַמע מיטן פון די השתדלותן מכוח דער צייטשריפט האָט איינער פון די אונטערגעשריבענע אויף דער פּעטיציע, חיים זעליג סלאָ־

בימסקי, געמאכט אַ פּרווו צו קריגן אַ דערלויבעניש פאַר אַ וואָכנבלאַט אונטער דעם זעלבן נאָמען „הישראלי", נאָר אויסשליסלעך אויף העברע־איש. דעם פּרווו האָט ער געמאכט אין פּעטערבורג. פון דעם איז קלאָר, אַז סלאָנימסקי האָט פאַרשטאַנען, אַז אין וואַרשע וועט יעקב טוגענד־האָלד, זיין אַלטער קעגנער, וואָס האָט אים אייניקע מאָל געמסרט אָן דער־פּאָלג פארן נאַמיעסטניק פּאַסקעוויטש, אַז דער דאָזיקער קליינער, פאַר־ביסענער פאַרשווין וועט נישט דערלאָזן, סלאָנימסקי זאָל זיין רעדאַקטאָר. דאָס וואָס טוגענדהאָלד האָט פּאָרגעלייגט, אַז משה אהרן צילקאָוו, דער לערער אין ראַבינער־שול, זאָל זיין אַזוי גוט ווי רעדאַקטאָר פון פּראָיעקטירטן זשורנאַל, איז אויך אַ באַווייז פון דעם צענזאָרס פּערזענלעכער קעגנערשאַפט צו סלאָנימסקין. כל זמן פּאַסקעוויטש האָט געלעבט, האָט סלאָנימסקי געהאַט אַ שטאַרקן פּראָטעקטאָר, וואָס פלעגט שוין זאָרגן פאַר זיין פּראָטעזשע און קריגן פאַר אים שטיצע *). אָבער איצט האָט ער נישט געהאַט אויף וועמען זיך צו פאַרלאָזן, דערפאַר האָט ער זיך צוריקגעצויגן פון דעם קאָמיטעט פון די פיר און מיר האָבן געזען, אַז אויף דעם בריוו צום בילדונגס־קוראַטאָר פון 30סטן אָקטאָבער 1857 זענען אונטערגע־שריבן: עלזענבערג, ראַטוואַנד און נוסבוים. האָבנדיק אָבער הויכע באַ־קאַנטשאַפט אין דער רוסישער הויפּטשטאָט, האָט סלאָנימסקי זיך גע־ווענדט דירעקט צום בילדונגס־מיניסטער מיט אַ בקשה (דעם 21סטן אַפּריל 1859, אַלטן סטיל), אין וועלכער ער פאַררופט זיך אויף דעם „המגיד", וואָס דערשיינט אין פּרייסן און האָט אַ דעביט אין רוסלאַנד. אַדאַנק דעם דאָזיקן דעביט — שרייבט סלאָנימסקי — האָט די צייטונג נישט נאָר לייענער, נאָר אויך מיטאַרבעטער־קאָרעספּאָנדענטן הן אין רוס־לאַנד הן אין פּוילן. דעריבער בעט ער דאָס רעכט אַרויסצוגעבן אין זיין „פּאָטערלאַנד" ענלעכע „וועכנטלעכע ידיעות" א"ט „הישראלי", לויט אַזאַ פּראָגראַם:

1) דרוקן פּאָפּולערע אַרטיקלען איבער נאַטורוויסנשאַפט, קונסט און מלאכה; 2) פאַרעפנטלעכן נייס פון דער העברעאישער ליטעראַטור; 3) פּובליקירן ידיעות וואָס זענען נוגע די יידן אין פּוילן און מחוץ פּוילן.

*) פּאַסקעוויטש האָט געבעטן מאַטיאַס ראָזען, דעם באַנקיר, יענער זאָל שאַפן געלט פאַר סלאָנימסקיס רייזע קיין פּעטערבורג (אין 1845).

סלאָנימסקין האָט מען אָפּגעשיקט מיט דער בקשה קיין ווארשע, ווייל ער איז א דאָרטיקער תושב. האָט ער נישט געהאט קיין אנדער ברירה, ווי באַנייען זיין בקשה דאָס מאָל אין ווארשע, ווו קיין גרויסע שאנסן האָט ער נישט געקענט האָבן.

דעם 23סטן יולי 1859 האָט ער שוין באקומען א שריפטלעכן אָפּזאָג אויף זיין בקשה, וואָס איז געשיקט געוואָרן דעם 12טן יוני.

קיין מאָטיוון פארן אָפּזאָג ווערן דאָסמאָל נישט אָנגעגעבן, אָבער גלייכצייטיק האָט מען אים געלאָזט וויסן, אז דער אָפּזאָג איז אויך חל אויף דער בקשה פון 1טן דעצעמבער 1857, וואָס ער האָט ארייננעשיקט צוזאמען מיט נוסבוים, ראַטוואנד און עלזענבערג.

אויך דאָסמאָל האָט טוגענדהאָלד אויסגעפירט.

וואָס האָט באוויגן טוגענדהאָלדן, ער זאָל אזוי שטארק אינטריגירן קעגן א העברעאיש וואָכנבלאט? — זיכער פערזענלעכע מאָטיוון קעגן סלאָנימסקין.

אין דער זעלבער צייט, ווען סלאָנימסקי און זיינע דריי שותפים האָבן דערלאנגט די בקשה פארן העברעאיש־פוילישן וואָכנבלאט, האָט אין ווארשע געוווילט אלכסנדר צעדערבוים. טוגענדהאָלד האָט זיך מיט אים געזען און האָט אים פאָרגעלייגט זיך צו באזעצן אין ווארשע און ארויסצוגעבן א „צייטונג פאר יידישע אינטערעסן". לכתחילה איז צעדערבוים דערויף איינגעגאנגען און אפילו אָנגעהויבן צו ארבעטן אויף דער פּראָגראם, אָבער — ווי ער אינפאָרמירט אונדז — האָט ער זיך „פּלוצלינג" מיישב געווען, אז אין אָדעס וועט זיין פאר אים בעסער, ווייל דאָרטן האָט ער זיין משפּחה. מיר ווייסן אָבער, אז שוין אין 1856 האָט מען געשריבן צו אים פון א קליין שטעטל וועגן ארויסגעבן אויף העברעאיש א צייטשריפט *). ווען צעדערבוים איז צוריקגעקומען פון ווארשע — גיט איבער א. שולמאן — האָט ער דערציילט יוסף ראבינאָוויטשן, דעם שפּעטערדיקן רעדאקטאָר פון דעם ערשטן רוסיש־יידישן וואָכנבלאט „ראזסוויעט", וועגן דעם ווארשעווער פאָרשלאג. ער האָט אים געגעבן אן עצה בעטן א

*) משה ביילינסאָן האָט פאָרגעלייגט צעדערבוימען ארויסצוגעבן אויף העברעאיש א זשורנאל.

דערלויבעניש אויף א צייטשריפט אויף רוסיש. צעדערבוים האָט זיך „גע־שעמט ארויסצוגעבן א בלאט אויף זשארגאָן —שרייבט שולמאן— און האָט דעריבער דערלאנגט א נייע ביטשריפט, מען זאָל אים דערלויבן ארויס־צו געבן א ריין דייטשעס בלאט מיט העברעאישע אותיות אנשטאָט א זשארגאָנישן".

אָבער דאָס איז שוין אן ענין, וואָס גייט נישט אריין אין די ראמען פון אונדזער ארבעט.

די הויפּטזאך איז, וואָס פון דעם צעדערבוים־עפּיזאָד ווערט קלאָר, אז טוגענדהאָלד האָט געוואָלט ווערן א שותף צו א וואָכנבלאט, — האָט אָבער דערפירט צו דעם פארבאָט פון 1857, אדאנק זיין קעגנערשאפט צו סלאָנימסקין און מסתמא אויך צו ראָטוואנדן, דעם פארטרעטער פון דער קהילה, וועלכער האָט צו אים געהאט שטארקע, וואָגיקע טענות. די דאָ־זיקע טענות וועלן אָבער דארפן באהאנדלט ווערן באזונדער, אין שייכות מיטן גאנצן מהות מענטש, וואָס האָט געהייסן יעקב טוגענדהאָלד און ווערט אזוי נישט ריכטיק אָפּגעשאצט אין דער יידישער היסטאָרישער ליטעראטור.

דער נייער געזעלשאפטלעכער שטראָם אין פּוילן ערב דער „יידיש־פּוילישער פארברידערונג" און דעם קאמף פאר אויטאָנאָמיע פון פּוילן און בירגער־רעכט פאר יידן — האָט ווייטער אויפגעלעבט די פראגע פון אזא צייטשריפט. דאָסמאָל האָבן די פראגע אויפגעהויבן די יונגע, די פאר־פּוילישטע קינדער פון די דייטש־העברעאישע משכילים. ווארשע האָט שוין פארמאָגט צו יענער צייט עטלעכע יידיש־פּוילישע זעלבסטבילדונגס־קרייזן. די יידישע בורזשואזע אינטעליגענץ האָט מיט א ראָמאנטישן ברען געטראָגן „פּויליש ליכט אין פינסטערן יידישן געטאָ". עס ווייזן זיך שוין יידן, פּוילישע שרייבער, מען גיט ארויס אויף פּויליש מחזורים, באזונדערס האָט מען געזאָרגט פאר פרויען. די אסימילאציע לעבט איבער דעמאָלס אירע „האָניק־חדשים".

דאמאָלס האָט מארקוס יאסטראָוו (1829־1903), דער יונגער ער־שטער פּוילישער ראבינער אין ווארשע, באריכט אויף א זיצונג פון דעם זעלבסטבילדונגס־קרייז, וואָס פלעגט זיך צונויפזאמלען ביי הענריק טעפּליץ אין הויז, אז עס איז נויטיק צו האָבן א צייטשריפט.

„אין אייער קהילה, —האָט ער געזאָגט— דער גרעסטער אין לאַנד, האָט אפילו נישט קיין שפּראָץ געטון דער געדאַנק פון ארויסגעבן א ספּעציעלע צייטשריפט מיטן צוועק צו ווירקן אויף די יידן און אויף צו פאַרקלענערן די פּאַראורטיילן קעגן אונדז אין דער געזעלשאַפט, וואָס רינגלט אונדז ארום. איז דען א וואונדער, אז די היגע אינטעליגענץ, וואָס קען נישט זען צווישן אייך מענטשן מיט דעם מוט צו האָבן אייגענע איבערצייגונגען, אורטיילט וועגן אייך לויט די כלומרשטיקייטן וואָס איר אליין גיט זיי און אז פון צייט צו צייט לייענט איר אין די צייטונגען שרייבעכצן, וואָס באַליידיקן אייך״.

דאָס איז געווען אין 1860.

אין א יאָר ארום, דעם 5טן יולי 1861, איז אין ווארשע ארויס דער ערשטער נומער פון דער פּויליש־יידישער וואָכנשריפט „יוטשענקא״.

דער רעדאַקטאָר דניאל נייפעלד (1814—1874) האָט געשריבן אין זיין פּראָגראַם־ארטיקל, אז דער זשורנאַל וועט זיין „קאָנסערוואַטיוו אין רעליגיעזע ענינים און פּראָגרעסיוו אין געזעלשאַפטלעכע פראגן״.

די „יוטשענקא״ האָט ארויסגערופן אן אינטערעס ביי די יידן פון פּוילן, ווי אויך אין רוסלאַנד, וו מען האָט לכבוד איר דערשיינונג געשריבן לייטארטיקלען. לעוואַנדאַ האָט געליינט גרויסע האָפענונגען אויף דער דאָזיקער צייטשריפט און א בריוו האָט ער געשריבן, אז זי וועט האָבן נישט קיין קלענערע אויפגאַבע ווי „מאכן שלום״ צווישן יידן און פּאָליאַקן. אויך אין אויסלאַנד האָט די דערשיינונג פון דער „יוטשענקא״ ארויסגערופן גרויס צופרידנקייט. לכבוד דעם ערשטן נומער האָט דער ווארשעווער קאָרעספּאָנדענט פון דער „אַלגעמיינע צייטונג דעם יודענטומס״ געשריבן, ווי שווער עס איז אָנגעקומען צו קריגן א דערלויבעניש פאר אזא צייטשריפט. דערביי האָט ער דערמאָנט, אז מען האָט שוין נישט איין מאָל געזוכט צו באַקומען א קאָנצעסיע אויף א צייטשריפט. אייניקע האָבן געוואָלט נאָר אויף העברעאיש, אנדערע א פּוילישע און אייניקע נאָר א געמישטע. איצט איז דאָס צושטאַנד געקומען״.

אויסנוצנדיק די קאָנצעסיע פאר דער „יוטשענקא״, וואָס האָט סיגנאַליזירט בכלל א „ליבעראַלע תקופה״ אין לאַנד, האָבן זיך באַוויזן די

פּרוּוון צו קריגן א דערלויבעניש אויף א העברעאיש בלאַט, אונטערן טיטל „הצפירה״. סוף 1861 געפינען מיר וועגן דעם א ידיעה אין דער „יוט־שענקאַ״ *). פעברואר 1862 האָט אין וואַרשע דערשיינט דער ערשטער נומער פון דער „הצפירה״ אונטער דער רעדאַקציע פון חיים זעליג סלאָנימסקי, לויט דער זעלבער פּראָגראַם, וואָס ער האָט אויסגעאַרבעט אין 1859.

די „הצפירה״ איז געווען באַשטימט פאַרן עלטערן דור, בשעת ווען דער ייִנגערער האָט געהאַט זיין אָרגאַן אין דער „יוטשענקאַ״.

הלל נוסבוים, סלאָנימסקיס מיטפּאַרטנער צום געפּלאַנטן „הישראלי״, איז אַרויס מיט אַן אַרטיקל א״ט „הצפירה והשחר״, (אונטער „השחר״ האָט ער פאַרשטאַנען די „יוטשענקאַ״), אין וועלכן ער האָט אָנגעוויזן אויף דער נויטווענדיקייט צו לערנען די פּוילישע שפּראַך.

סלאָנימסקי, וואָס האָט קיין פּויליש נישט געקענט און האָט געהאַט א „דייטשע קולטור־אָריענטאַציע״, האָט געוווסט, אז ז י י ן ד ו ר נויטיקט זיך נאָך נישט אין קיין פּוילישער צייטשריפט. די „גאַנצע יידישע ליטעראַטור און געשיכטע — האָט ער געשריבן — איז געשאַפן אין דער דייטשער שפּראַך״.

אָבער אויך די ברייטע יידישע פאָלקס־מאַסן האָבן זיך נישט גענויטיקט אין דער „הצפירה״.

פאַר איר אָרגאַן, אין איר שפּראַך האָט די יידישע מאַסע געמוזט וואַרטן.

אין פּוילן לענגער ווי אין רוסלאַנד.

(„ייוואָ־בלעטער״, פעברואַר 1934).

---

*) אין די רוסישע אָפיציעלע קרייזן אין וואַרשע האָט מען זיך געוועגט מיט דער Jutrzenka.

צו דער געשיכטע פון דער יידישער קאָלאָניזאַציע אין קעניגרייך פוילן *)

ערב דעם אונטערגאַנג פון דער פוילישער מלוכה האָט מען זיך צווישן אַנדערע וויכטיקע פּראָבלעמען פון אינערלעכער פּאָליטיק אויך דערמאָנט אָן דער אַנגעוויטאָגטער, פיל דיסקוטירטער און ווינציק־פאַר־שטאַנענער יידן־פּראַגע.

אין דעם גרויסן מבול פון פאַרשידענע פּראָיעקטן און פּאָרשלאַגן, וואָס האָבן געדאַרפט ברענגען א ישועה „דער יידישער נאַציע אין פּוילן;" אין הסכם מיט די אינטערעסן פון דער רעפּובליק, האָט מען געקענט באַלד באַמערקן א באַדייטיקע צאָל שטימען — וואָס האָבן גערעדט וועגן ערד־אַרבעט ביי יידן ווי א נויטיקע סאָציאַלע רעפאָרם. עס איז אָן ספק, אַז דער געדאַנק צו באַזעצן די פּוילישע יידן אויף דער ערד איז אָנגעקומען צו די פּוילישע „סטאַטיסטן" און אין די רעגירונגס־קאַנצעלאַריעם דורך

---

*) אַחוץ געדרוקטע מקורים, ווי די פּאָליטישע ליטעראַטור פון יענער תקופה און די דעמאָלטיקע פּרעסע — זענען אין דער דאָזיקער אַרבעט אויסגע־נוצט געוואָרן אַרכיוו־מאַטעריאַלן, וביז איצט אין ערגעץ ניט פאַרעפנטלעכט. איך האָב באַאַרבעט דעם טשאַרטאָריסקי־אַרכיוו אין קראָקע, די אַרכיוון פון דעם „נאַ־מיעסטניק" אין וואַרשע, אַרכיוו פון פינאַנץ־מיניסטעריום (וואַרשע), אַרכיוו פון דער וואַרשעווער יידישער קהילה, די מאַנוסקריפּטן־זאַמלונג פון דער סינאַ־גאָגאַלער ביבליאָטעק אין וואַרשע (פּאַפּירן פון צענזאָר טוגענדהאָלד) און אויך דעם פּוילישן נאַציאָנאַלן אַרכיוו אין ראַפּערסוויל (שווייץ). איך באַטראַכט די דאָזיקע אַרבעט ווי אַן ענציקלאָפּעדישן סינטעז פון אַ קאָלאָסאַלן מאַטעריאַל וואָס קאָן קלעקן אויף אַ גרויסער, אַלזייטיקער מאָנאָגראַפיע וועגן דעם ענין.

די מערב־אייראָפּעאישע פענסטער. אין דער תקופה פון „אויפגעקלערטן אבסאָלוטיזם" האָט מען אין מערב־אייראָפּע בכלל און אין עסטרייך בפרט ביי יעדער געלעגנהייט און אין יעדן פּראָיעקט אָנגעוויזן, אז נאָר ערד־ארבעט קען „געזונט מאכן" די יידישע באפעלקערונג. אונטערן צייכן פון קאָלאָניזאטאָרישער פּאָליטיק שווימט אויך ארויס די פּוילישע שיף — ווען זי וויל צוקומען צו די גרויע ברעגעס פון דער יידישער עקאָנאָמישער ווירקלעכקייט אין פּוילן.

שוין דער סיים פון 1773—1775 האָט באריירט פון דער טריבונע די פראגע פון יידישער ערד־ארבעט. מען האָט דורכגעפירט א געזעץ, אז יידן־קאָלאָניסטן ווערן באפרייט אויף זעקס יאָר פון צאָלן דעם „פּאָגלאָוונע" (קאָפּ־שטייער), ווי אויך פון אנדערע שטייערן. זיי האָבן דאָס פולע רעכט זיך צו באזעצן אין גאנץ פּוילן, סיי אין וועלטלעכע גיטער, סיי אין קירכ־לעכע מאיאָנטקעס. דאָס האָט באדארפט זיין א מין אויפמונטערונג פאר יידן, זיי זאָלן ווערן ערד־ארבעטער.

די דאָזיקע הנחה איז געקומען אפשר אין אן אומגינסטיקער צייט, ווייל קיין גרויסן אָפּקלאנג האָט זי ביי יידן נישט געפונען. נאָר איין גראף פאנינסקי, א בראצלעוווער פריץ, האָט באזעצט ביי זיך אין מאיאָנטעק פערצן יידישע משפחות (אין יאָר 1788), וואָס האָבן זיך פארנומען מיט ערד־ארבעט.

אין דער פּאָליטישער ליטעראטור האָט מען אָבער נישט אויפגע־הערט צו שרייבן וועגן באזעצן יידן פאר קאָלאָניסטן. אין יאָר 1782 האָט אן אנאָנימער מחבר פון א בראָשור וועגן „דער נויטווענדיקייט פון רע־פאָרמירן די יידן אין די לענדער פון דער רעפּובליק" אָנגעוויזן, אז דער ייד וויל זיך נישט באזעצן אויף ערד —פשוט דערפאר ווייל ער וויל נישט זיין קיין קנעכט. דער ייד —האָט ער געשריבן— איז טאקע א גרויסער אביון, טוט גאָרנישט, אָבער ער איז קיינמאָל נישט געווען קיין לייב־אייגענער. „דאָס געזעץ האָט אים נישט פארזיכערט די ירושה פון די מאָ־יאָנטקעס, און בלייבן א פּויער און ארבעטן פאר א צווייטן און נישט פאר זיך, דאָס (האָט דער ייד) נישט געוואָלט". דאָס איז די סיבה — לויט דעם מחברס מיינונג — פארוואָס די יידן איילן זיך נישט צו ווערן ערד־ארבעטער.

דער באַרימטער מלוכה־מאַן טאַדעאוש טשאַצקי האָט אויפגעגעבן דעם פּלאַן, אַז יידן זאָלן זיך פאַרשרייבן אין דעם פּויערים־שטאַנד. ער ליינט פאָר, אַז מען זאָל די יידן באַפרייען אויף צען יאָר פון צאָלן שטייערן, מען זאָל זיי געבן סובסידיעס אויף איינצוקויפן בהמות. אויב אַ ייד וועט גוט פירן זיין באַלעבאַטישקייט — זאָל ער יעדע פינף יאָר באַפרייט ווערן אויף איין יאָר פון צאָלן שטייערן; חוץ דעם דאַרף ער באַקומען ספּעציעלע פּרעמיעס פאַר אַרבעטזאַמקייט.

אַ צווייטער פּאָליטיקער, דער פּינסקער דעפּוטאַט פון סיים, מאַטע־אוש בוטרימאָוויטש, האָט אין זיין בראָשור: „אַ מיטל ווי אַזוי צו רע־פאָרמירן די יידן אין פּוילן" (1789, איבערגעדרוקט 1917) אָפּגעגעבן אַ סך אָרט דער פראַגע פון יידישער קאָלאָניזאַציע. ער שטעלט פעסט, אַז די פּוילישע געזעצן האָבן געמאַכט די יידן פאַר שווינדלערס. פאַרוואָס ווינט אַ ייד נישט אין דאָרף? פאַרוואָס באַאַרבעט ער נישט קיין ערד?" — פרעגט זיך בוטרימאָוויטש, און ער פאַרענטפערט אַליין די פראַגע אָט ווי אַזוי: „ערד־אַרבעט איז טאַקע די איידעלסטע מלאכה; די הכנסה פון ערד איז נישט קיין קליינע און איז אויך אַ זיכערע. לאָמיר אָבער נישט פאַר־געסן, אַז מיר לעבן אין פּוילן; לאָמיר אַ קוק טון אויפן פּויער, דער וואָס קליידט אונדז און שפּייזט אונדז; איז ער דען נישט אַ בילד פון נויט און אָרימקייט? מיר רופן ערד־אַרבעט אָן „איידעלע" אַרבעט, אָבער דער וואָס באַשעפטיקט זיך מיט איר, האָט דען ביי אונדז עפּעס אַ ווערט? דער פּויער אין פּוילן איז אַ קנעכט ביים אדל־מאַן. ווען דער ייד וואָלט זיך באַזעצט אין דאָרף, וואָלט אים נאָך ערגער געוואָרן. פריער האָט ער נישט געאַר־בעט און איז געווען אַן אָרימאַן; אין דאָרף וואָלט ער געמוזט שווער אַר־בעטן, וואָלט געווען אַ קנעכט ביי זיין פּריץ און פאַרמאָגט דערצו דעם דלות".

ווייטער, טענהט בוטרימאָוויטש, אַז מען ווייזט נישט דעם יידן, וואָס פאַר אַ נוצן ער וועט האָבן פון ערד־אַרבעט. „אונדזער געזעץ —שרייבט ער— פאַרבאָט אַ יידן צו האָבן אייגענע פעלדער, איז ווי אַזוי קען ער באַ־אַרבעטן די ערד? און ווען ער וועט שוין ווערן אַ פּויער און וועט אַרבעטן ביי אַ צווייטן און נישט פאַר זיך — אַזאַ נאַרישקייט וועט אַ ייד זיכער קיינמאָל נישט טון". דערמיט, פּונקט ווי דער אַנאָנים פון 1782, אָבער אַ

סך לאָגישער און טיפער, דערקלערט בוטרימאָוויטש, פארוואָס יידן נעמען זיך נישט פאר ערד־ארבעט, דעריבער ווערן די יידן סוחרים, בעלי־מלאכות, שטארבן פון הונגער, אָבער ווילן נישט ווערן קיין ערד־ארבעטער.

בוטרימאָוויטשעס מיינונג איז כאראקטעריסטיש שוין מיט דעם אליין, וואָס ער האָט געהאט דעם „משכילישן" קוק אויף ערד־ארבעט און האָט געהאלטן, אז ערד־ארבעט קען באמת ראטעווען יידן. ער האָט אָבער פאר־שטאנען, אז אָן טיפערע סאָציאלע רעפאָרמען אין לאנד בכלל און אָן דער באפרייאונג פון די פויערים פון דער פריצישער קנעכטשאפט קען די יידישע קאָלאָניזאציע אין א מלוכה־מאסשטאב נישט פארווירקלעכט ווערן. מסכים געווען מיט בוטרימאָוויטשן האָט א צווייטער פראָיעקט־שרייבער, וואָס האָט זיך געחתמעט „פאָלאָנוס". אין א בראָשור, וואָס ער האָט ארויסגעגעבן אין 1792, האָט ער פאָרגעלייגט, אז מען זאָל זען ווי ווייט מעגלעך לייכטער מאכן די יידן די באדינגונגען פון ערד־ארבעט און זען קודם־כל די ערשטע זעקס יאָר זיי דערלויבן צו האָבן קריסטלעכע אויסהעלפערס, ביז זיי וועלן זיך נישט אויסלערנען די מלאכה פון אקערן און זייען.

אויך דער בעלעמער רב אברהם בן הירש האָט צוגערעדט יידן, אז זיי זאָלן זיך נעמען פאר ערד־ארבעט (אין זיין בראָשור ארויסגעגעבן אין 1789). סוף 1791 האָבן די יידן געבעטן דעם קעניג סטאניסלאוו אויגוסט פּאָניאטאָווסקי, אז מען זאָל זיי דערלויבן קויפן הייזער, מאיאָנטקעס און פעלדער. צווישן די כמעט ווי אָנגענומענע באשלוסן מכוח דער יידן־פראגע איז געווען א באשלוס אויך וועגן דעם. אָבער די אלע טעאָרעטישע פראָ־יעקטן, חקירות און דעבאטעס האָבן קיין פראקטישן ציל נישט דער־גרייכט. דער פארטיילונגס־חלף איז שוין געלעגן אויפן האלדז פון פוילן.

מיט דער פארטיילונג פון פוילן צווישן דריי מלוכות ירשנט יעדער מלוכה איר פעקל שווערע פּראָבלעמען און אויך די יידן־פראגע ווערט א פראגע שוין נישט פון דער פוילישער פּאָליטיק, נאָר פון יעדן לאנד באזונ־דער, וואָס האָט געהאט באקומען א חלק אין דער פארטיילונג.

אויף די חורבות פון פוילן בויט נאפּאָלעאָן אויף א מיניאטור־מלוכה אונטערן נאָמען: הערצאָגטום ווארשע 1807—1815. די נייע מושלים האָבן

אויפסניי אויפגעהויבן די פראגע פון רעפאָרמירן דאָס יידישע עקאָנאָמישע לעבן. קודם־כל האָט מען זיך גענומען צו פארבאָטן יידן צו האנדלען מיט שנאַפּס אין די דערפער. און כדי אזא גזירה זאָל קענען דורכגעפירט ווערן, האָט מען איינגעזען, אז דאָס גלייכסטע וועט זיין, אויב מען וועט די יידן בכלל נישט דערלויבן צו וווינען אין די דערפער. אין הסכם מיט די נאפּאָ־לעאָנישע פּרינציפּן וועגן בירגער־רעכט האָט מען דעם 17טן אָקטאָבער 1808 צוגענומען ביי יידן די רעכט פון בירגערשאפט, דערווייל נאָר אויף צען יאָר. עס איז געווען אפילו א פאָרשלאג צו מאכן אן אויסנאם און דערלויבן יידן צו קויפן מאיאָנטקעס, אויב, למשל, עס וועט זיך מאכן א מאיאָנטעק צו קויפן אויף א ליציטאציע. דער יוסטיץ־מיניסטער, וואָס האָט געשטיצט אזא פאָרשלאג, האָט געהאלטן, אז מען דארף אונטערשטיצן יידן וואָס ווילן זיך אָפּגעבן מיט ערד־ארבעט, וואָרום דורך דעם רעכט צו קויפן גיטער וואָלט מען זיי געקענט „מאכן נוצלעך״. אָבער די רעגירונג האָט נישט גע־טיילט די מיינונג און האָט מיטן דעקרעט פון 17טן נאָוועמבער 1808 פאר־באָטן יידן צו קויפן פּריצישע מאיאָנטקעס. דער דאָזיקער פארבאָט האָט געקענט העכסטנס אָנרירן נאָר א פּאָר רייכע יחידים, באנקירן און מיליטער־ליווערשנטן, וואָס האָבן שטארק געגארט נאָך א מאיאָנטעק, נישט אזוי מחמת ליבשאפט צו ערד־ארבעט, נאָר ווייל אזא באזיץ האָט געגעבן ביר־גערלעכע פּריווילעגיעס. אין א ספּעציעלער בקשה האָט א גרופּע וואַרשעווער יידן זיך געקלאָגט פארן מלוכה־סענאט אויף דער דאָזיקער גזירה (17טן מערץ 1809). „עס איז ביי אונדז אוועקגענומען געוואָרן —האָבן זיי צווישן אנדערע טענות געשריבן— די מעגלעכקייט צו געניסן פרייד פון קויפן א שטיקל ערד, אויסבויען זיך א הויז... און אין אלגעמיין אלץ, וואָס גאָט און די נאטור גיבן דעם מענטשן״.

פארמאכנדיק דערווייל פאר יידן פון דער דאָזיקער מיניאטור־מדינה אלע טירן און טויערן צו דעם בירגערלעכן גן־עדן, האָבן זיך די באאמטע אָנגעהויבן צו „זאָרגן״ פאר דעם יידישן גורל. אויף די זיצונגען פון מלוכה־ראט האָט מען זייער א סך גערעדט וועגן דער יידן־פראגע און עס זענען אָנגעשריבן געוואָרן פארשידענע פּראָיעקטן וועגן דעם, ווי אזוי „פארבע־סערט מען דעם יידישן גורל״. אויך די פראגע פון קאָלאָניזירן יידן איז באריט געוואָרן אין די דאָזיקע פּראָיעקטן.

וואידא, דער זייער געבילדעטער און ווייט־קוקנדיקער רעפּערענדאר פון דעם מלוכה־ראט, לייגט פאָר אין זיין פּראָיעקט, אז מען זאָל די יידן דערלויבן צו קויפן גיטער, צינש־דערפער און פאָלווארקעס, אָבער מיט א באדינג, אז זיי זאָלן קאָנען לייענען... פּויליש אָדער דייטש און נישט טראָגן קיין לאנגע קאפּאָטעס. אין א דאָרף מעג זיך —לויט זיין פּראָיעקט— באזעצן נאָר דער, וואָס וועט באארבעטן די ערד; ער מוז אָבער די ערד אליין באארבעטן אָדער מיט דער הילף פון יידישע פּאראָבקעס.

אין יאָר 1812 איז דער פּאָעט און פּאָליטישער טוער ניעמצעוויטש ארויס מיט א פּראָיעקט וועגן קאָלאָניזירן יידן. ער האָט געהאלטן, אז יעדער ייד, וואָס וועט זיך באזעצן אויפן לאנד, דארף ווערן באפרייט אויף צען יאָר פון צאָלן שטייערן. ער מוז באקומען א רוי שטיק ערד, ווייל „אנדערש וועט קיין שום גוטס נישט ארויסקומען פארן לאנד"... „די מלוכה זאָל באפולמעכטיקן דעם גענעראל־דירעקטאָר פון די נאציאָנאלע מאיאָנטקעס און וועלדער, אז ער זאָל באשטימען פאר זיי (פאר יידן) און אויסמעסטן די נישט־באארבעטע אָדער פארוואָרלאָזטע גרונטן און וועלדער". אזעלכע גרונטן דארף מען נאָך די ערשטע „פאָר יאָר פרייהייט" אָפּגעבן די יידן אין צינש פאר פארזייען. יעדער פריץ זאָל האָבן דאָס רעכט אָפּצוגעבן אין ארענדע צו א יידן די ניט־באארבעטע ערד. מען טאָר א יידן, וואָס באזעצט זיך אויפן לאנד, בשום אופן נישט דערלויבן צו פירן מסחר אָדער זיין א שענקער; דער ייד דארף זיך אליין אויסבויען א הויז, און אויך אנדערע נויטיקע בנינים. דערפאר צאָלט ער נישט קיין שטייערן די ערשטע פאָר יאָר. מען דארף די יידן קאָלאָניזירן באזונדער — קיינמאָל נישט צוזאמען, „ווייל אנדערש וועלן זיי זיך נישט אסימילירן" (אונטערגעשטראָכן פון מיר). אויב די יידן וועלן זיך באזעצן גרופּעסווייז, דארף מען זיי אין דעם נישט שטערן. זיי מוזן אָבער האָבן פּוילישע לערערס.

די פּלייסיקע יידישע ערד־ארבעטער וועלן באקומען פּאר א פּרעמיע צען קאָרעץ ווייץ. אינגאנצן וועלן זיין 20 פּרעמיעס. אלע פינף יאָר וועט די פּאָליציי באפרייען פון צאָלן שטייערן א ישוב, וואָס וועט זיך אויסצייכענען אויפן געביט פון ערד־ארבעט. אזעלכע פּרעמיעס האָט ניעמצעוויטש פאָרגעשלאָגן פיר.

אָבער ביז מען האָט געקענט אפילו דעבאטירן איבער אזעלכע ענינים, איז שוין קיין שפור נישט געוועז פון נאפּאָלעאָנס ממשלה — און ממילא אויך נישט פון זיין געציילג אין מזרח־אייראָפּע — פון הערצאָגטום ווארשע.

די יידן־פראגע גייט ווייטער איבער בירושה. דאָס מאָל איז דער יורש דאָס קעניגרייך פּוילן — א „בופער־מלוכה" וואָס אלכסנדר דער ער־שטער האָט געגרינדעט.

די קאָמיסיע פאר דער יידישער פראגע, וואָס איז דעמאָלס געגרינדעט געוואָרן און האָט געהאט דעם פירשט טשארטאָריסקי פארן פּאָרזיצער, האָט זיך זייער א סך אָפּגעגעבן מיט דער פּראָבלעם פון דער יידישער קאָ־לאָניזאציע. די קאָמיסיע האָט איינגעפונען, אז ערד־ארבעט וואָלט ראדי־קאל געביטן דעם כאראקטער פון יידן. אין קיין שום לאנד איז די יידישע פראגע נישט פארענטפערט געוואָרן ריכטיק, ווייל אין קיין שום לאנד האָט מען נישט קאָלאָניזירט די יידן. דעריבער האָט די קאָמיסיע פאָרגעלייגט, אז מען זאָל אויסטיילן א געוויסן שטח ערד און אָפּגעבן די יידן אין ארענ־דע אויף א באגרענעצטן טערמין. די דאָזיקע ערד קען מען נעמען פון די מלוכהשע און נאציאָנאלע מאיאָנטקעס. דאָס מיינט, אז קויפן א מאיאָנ־טעק האָט אפילו די דאָזיקע קאָמיסיע געהאלטן, אז מען טאָר דערווייל נישט דערלויבן. אָן אויסנאַם האָט מען געקענט מאכן —לויט דער מיינונג פון פירשט טשארטאָריסקי— פאר צוויי אָדער דריי יידן, וואָס ווען זיך פאר־דינען ביים רעפאָרמירן די יידן. אָבער אפילו די יידן וועט מען צווינגען צו האָבן יידישע ערד־ארבעטער, אָבער בשום אופן נישט קיין קריסטן.

אין דער אנקעטע פון דער פויערים־קאָמיסיע פון 25טן יאַנואר 1816 איז פאראן א פראגע, אז מען זאָל ענטפערן, וויפל יידן פארנעמען זיך אין יעדן דאָרף מיט שענקעריי, און צי איז נישט פאראן קיין מעגלעכקייט זיי צו באזעצן אויף ערד; צי איז נישט פאראן קיין גענוגע צאָל מאיאָנטקעס, פּריצישע אָדער נאציאָנאלע, כדי צו אָרגאניזירן דאָרטן יידישע קאָלאָניעס. אויך ווערט געשטעלט די פראגע, ווי אזוי אָנצושאפן אינווענטאר פאר די נישט־פארמעגלעכע יידן און וואָס פאר א שוועריקייטן קענען זיין ביים באזעצן אזעלכע יידן אויף ערד. עס איז פאָראויסצוזען, אז יידן וועלן זיך וועלן אויסדרייען פון ערד־ארבעט הן מחמת רעליגיעזע סיבות הן אויס נישט־געוווינטשאפט. דעריבער דארף מען א טראכט טון, אז די יידן וואָס

מען וועט ארויסטרייבן פון די שענקען זאָלן זיך נישט נעמען צו שווינד־לערישע פרנסות, נאָר צו א מלאכה, גיין ארבעטן אין די פאבריקן.

די דאָזיקע אנקעטע איז פונאנדערגעשיקט געוואָרן צו די פּרעפעקטן. תשובות זענען זייער ווינציק אָנגעקומען. דערפאר גיבן זיי נישט קיין מאַ־טעריאל פאר אן אָפּשאצונג.

אין א צווייטן פּראָיעקט, וואָס איז פארפאסט געוואָרן פון דעם סע־נאטאָר נאָוואָסילצאָוו (אין 1816), איז געווען פּראָיעקטירט, אז יעדער קהילה זאָל אויסקלייבן איין יידן, וואָס דארף זיך אָפּגעבן מיט ערד־ארבעט. די מלוכה וועט די דאָזיקע יידן געבן ערד. אויב אזא ייד וועט פארלאָזן דאָס לאנד אָדער סתם אוועקווארפן ערד־ארבעט, מוז די קהילה צושטעלן א צווייטן יידן אויף זיין אָרט. דאָס האָט געזאָלט זיין א מין „קאָלאָניסטן־קוואָטע", ארויפגעצוואונגען אויף די יידישע קהילות, ענלעך ווי דער שפּע־טערדיקער רעקרוטן־קאָנטינגענט אין רוסלאנד.

די דאָזיקע מלוכה־פּראָיעקטן האָבן אָפּטמאָל געשטימט מיט די פּראָ־יעקטן, וואָס די דעמאָלסטיקע פּוילישע פּובליציסטיק האָט אָנגעוואָרפן בנוגע דער פראגע פון דער יידישער קאָלאָניזאציע.

אן אנאָנים האָט געפאָדערט אין א בראָשור וועגן „איינבירגערלעכן די יידן" (קראָקע 1816), אז מען זאָל דערלויבן צו וווינען אין א דאָרף נאָר אזא יידן, וואָס וועט זיך אָנשאפן צוואנציק מאָרגעס (צען העקטאר) ערד און וועט עס באארבעטן מיט יידישע הענט. פאר דעם מחבר איז די פראגע פון יידישע רעפאָרמען געווען ענג פארבונדן מיטן גורל פון דעם פּוילישן פּויער, וואָס דער ייד האָט אים כלומרשט געטריבן צו שיכרות; נאָר ערד־ארבעט קען פארזיכערן, אז דער ייד וואָס וווינט אין דאָרף וועט נישט „דעמאָראליזירן" דעם פּויער.

בכלל געפינט די אידעע פון קאָלאָניזירן יידן אויף ערד, סיי איינ־ציקווייז סיי גרופּעסווייז, אין יענער צייט זייער א ווארעמען אָפּקלאנג אין דער פּוילישער פּובליציסטיק. אמת, פארשידן זענען די מאָטיוון און צילן פון די פּובליציסטן. טייל ווילן אפילו גרינדן א יידישע טעריטאָריע אין „טאָטער־לאנד", אבי פטור צו ווערן פון די יידן; שאניאוווסקי און אנדערע זענען באמת אויסן די טובה פון די יידן און מאָלן אויס די צוקונפטיקע

אידעאַל־פונקציאָנירנדיקע יידישע קאָלאָניעס אין פוילן (לענטאָווסקי). א ליבעראַלער סענאַטאָר ליגאָווסקי וויל צוגעבן יידן קוראַזש און פאָדערט, אַז יעדער ייד, וואָס וועט זיך באַזעצן אויף ערד, זאָל נאָך צען יאָר ערד־אַרבעט באַקומען בירגער־רעכט; ער מוז אָבער אויסהאַלטן ביי זיך צוועלף יידישע פּאַראָבקעס.

אַזוי האָט אויסגעזען אין יענער צייט די טעאָרעטישע זייט פון דער קאָלאָניזאַציע־פראַגע. וואָס איז אויפגעטון געוואָרן אין דער פּראַקטיק?

אין דאָרף פּשיקאַלעטי (אַמאָל יאַנגעסטאָווער גובערניע, היינט לאָמ־זשער קרייז) האָט עקזיסטירט אַ יידיש דאָרף נאָך פון סטאַניסלאַוו אויגוסט פּאָניאַטאָווסקיס צייטן. לעבן פּולטוסק איז געווען אַ יידישע קאָלאָניע, געגרינדעט אין יאָר 1811. לעבן ראַווע האָבן זיך אין יאָר 1819 קאָלאָניזירט אַכצן יידישע משפחות, און אין יאָר 1821 — ניין משפחות. אין באָלעסלאַוואָווע (קאַלישער קרייז) האָבן זיך אין 1814 באַזעצט אויף ערד זעקס משפחות. אין דעם זעלבן יאָר האָבן זיך ביי סטאָפּניצע באַזעצט 16 משפחות.

חוץ דעם האָבן זיך אָנגעהויבן צו באַווייזן יידישע תלמידים אין דער איינציקער פּוילישער אַגראָנאָמישער שול אין מאַרימאָנט. דאָס זענען געווען קינדער פון בורזשואַזע עלטערן, פון באַנקירן, ליוועראַנטן און סוחרים, וואָס האָבן זוכה געווען צו באַקומען בירגער־רעכט. דאָס האָט זיי געגעבן דאָס רעכט צו קויפן אַ מאַיאָנטעק און דעריבער האָט יעדערער פון זיי „מקריב״ געווען איין אָדער צוויי זין אויף דעם „מזבח״ פון אַגריקולטור. דער ערשטער יידישער תלמיד, וואָס איז אַריינגעטראָטן אין דער דאָזיקער אַגראָנאָמישער שול אין יאָר 1824, איז געווען יוליוש פּלאַטוי, אַ באַנקירס אַ זון. אין אַלגעמיין איז די צאָל יידן אין דער שול נישט געווען קיין גרויסע. אין די יאָרן 1824—1861 האָבן געשטודירט אין מאַרימאָנט 41 יידן, פון זיי האָבן 32 געענדיקט דעם אינסטיטוט, באַקומען דיפּלאָמען און זיך אָפּגעגעבן מיט אַגריקולטור.

בדרך־כלל איז אָבער דער רעזולטאַט געווען זייער אַ שוואַכער. און די סיבות דערפון זענען פאַרשטענדלעכע. די מלוכה האָט גאָרנישט געטון דערפאַר, אַז יידן זאָלן באַקומען ערד פריי אָדער אויף גרינגע באַדינגונגען. כל־זמן די גאַנצע באַוועגונג האָט געטראָגן אַ כאַראַקטער פון פּריי־

וואטע אָדער האלב־געזעלשאפטלעכע אונטערנעמונגען, האָט זי קיין טיפע וואָרצלען נישט געקענט שלאָגן. צו יענער צייט פלאַנט איינער פון די זאַמאָיסקים (סטאַניסלאַוו) צו גרינדן יידישע קאָלאָניעס. די מאָטיוון זענען גראָד אינטערעסאנטע. ער האָט געוואָלט „ראטעווען די געזעלשאפט פון די דעמאָראַליזירנדיקע השפעות פון דער יידישער וואָכערייי". דער זון זייַנער בארימט זיך אין זיינע מעמוארן, אז דאָס האָט זיך אים איינגעגעבן. אָבער דאָס איז נאָר טיילווייז ריכטיק.

א ייד, מיטן נאָמען לייב שפער, א טשיקאַווער, כמעט פארגעסענער יידישער כלל־טוער, וואָס האָט געשטאמט פון לובלינער קרייז, האָט אין יאָר 1820 אָנגעהויבן צו גרינדן יידישע קאָלאָניעס. ער האָט ביי דעם דאָזיקן זאמאָיסקי ארענדירט דריי פאָלווארקעס און ביזן יאָר 1831 געפירט דאָרט א קאָלאָניזאַטאָרישע טעטיקייט, באדינענדיק זיך נאָר מיט יידישע ערד־ארבעטער. אונטערן איינפלוס פון שפערס טעטיקייט ווי אויך פון זלמן פאָזנער, וואָס האָט אין יאָר 1823 געגרינדעט א זייד־פאבריק אין זיין נוט קורארי און שפעטער אויך באזעצט 31 יידישע משפחות ווי קאָלאָניסטן, האָט אויך ד"ר שלמה עטינגער געגרינדעט זיין קאָלאָניע זשדאנאָוו.

אין יענער צייט (1825) האָט די קאָמיסיע פאר דער יידן־פראגע („קאָמיטעט סטאַראָזאקאָניך") געגרינדעט א ספעציעלע געזעלשאפט, כדי צו העלפן אָרימע יידן זיך צו באזעצן אויף ערד. די באראָט־קאָמיסיע פון דעם דאָזיקן קאָמיטעט, וואָס איז באשטאנען פון רייכע ווארשעווער יידן, האָט אין 1826 באקומען אן אָנפרעג מכוח דעם, ווי אזוי מונטערט מען אויף די יידן צו ערד־ארבעט: „וואָס זענען די סיבות, וואָס האלטן אָפּ די פוילישע יידן פון ערד־ארבעט און וואָס פאר א מיטלען וואָלט מען באַדארפט אָננעמען, כדי צו געבן זיי חשק צו דער דאָזיקער זייער נוצלעכער ארבעט הן פאר זיי און הן פארן לאנד". דאָס איז געווען די אָפיציעלע פראגע.

טייל יידישע כלל־טוערס האָבן געענטפערט אויף דער אנקעטע, אז די הויפט־שוועריקייט איז די רעכטלאָזיקייט פון יידן. יידן זענען גרייט צו ערד־ארבעט, די יידישע רעליגיע איז אין דעם פרט נישט קיין שטער, נאָר די יורידישע נישט־זיכערקייט איז אין א גרויסער מאָס א שטער.

עס האָט זיך אָנגעהויבן א קאנצעלאַריע־שרייבעניש, וואָס האָט צו קיין שום ממשות נישט געבראכט. עס זענען פאָרגעקומען פארשידענע באראטונגען, און אפילו צוזאמענפאָרן פון פאָרשטייער פון יידישע קהילות, וואָס אין זיי האָבן זיך באטייליקט אברהם שטערן, לייב שפּער און אנדערע פאראינטערעסירטע אין דעם ענין, — אָבער עס האָט געפעלט גלויבן און האָפענונג, אז דערפון וועט עפּעס ווערן: די מלוכה־אָרגאנען האָבן נישט ארויסגעוויזן קיין ערנסטן אויפריכטיקן אינטערעס.

בלויז 27 יידישע גבירים האָט זיך איינגעגעבן אין די יאָרן 1817־1838 צו קויפן מאיאָנטקעס אין קעניגרייך פּוילן. אייניקע פון זיי האָט מען אפילו געגעבן דאָס רעכט צו טראָגן א „יידישע באָרד״. אזוי למשל האָט א רייכער ווארשעווער סוחר און כלל־טוער, מיכאל עטינגער־ראוואסקי, געבעטן א דערלויבעניש צו קויפן א מאיאָנטעק (אין יאָר 1829) און צו באנוצן קריסטלעכע דינערשאפט. חוץ דעם האָט ער געבעטן אים דערלויבן צו טראָגן זיין באָרד, „ווייל דאָס האָט צו טון מיט זיין אמונה און געווויסן״, לויט זיין אויסדרוק אין דער בקשה. די אדמיניסטראטיווע מאכט האָט אים דאָס באוויליקט ווי אן אויסנאם, אדאנק זיינע פארדינסטן פאר זיינע „גלויבנסברידער״.

אָט די דאָזיקע אויסנאמען האָבן שטארק געווירקט אויף דעם גאנצן גאנג פון דער יידישער קאָלאָניזאציע. אויב א יידישער „פרומער״ גוטבאזיצער וויל קודם־כל זיך באפרייען פון יידישע ארבעטער, וואָס האָבן געגארט נאָך ערד־ארבעט, טאָ ווו האָט געקאָנט זיין די געלעגנהייט פאר זיי זיך צו באקענען פּראקטיש מיט דער דאָזיקער ארבעט?

יאָרן שפּעטער, ווען די יידישע מאסע אין פּוילן האָט געהונגערט און געזוכט אן אויסגאנג פון דער שרעקלעכער עקאָנאָמישער לאגע, האָט מען פון א קליין שטעטל אזוי געשריבן אויף פּשוט מאמע־לשון צום נאמיעסטניק פון קעניגרייך פּוילן, פירשט פּאסקעוויטש: „מיר זענען דאָ אין דער פּראָווינץ שטארק פאראָרימט; מען ווייס נישט צו וואָס זאָל מען זיך נעמען; א סך וואָלטן געוואָלט זיך נעמען צו ערד־ארבעט, אָבער די גרויסע נגידים, נישט נאָר וואָס זיי ווילן אונדז נישט העלפן, נאָר זיי הייסן ארויסטרייבן (די יידן) פאר אלטע קהילה־הובות״.

אַז עס איז געווען אַ שטיק אמת אין די טענות, אַז די יידישע בור־זשואַזיע אין פּוילן שטערט דער קאָלאָניזאַציע פון יידן און ווילן נישט, אַז יידן זאָלן ווערן אַרבעטער — דערויף זאָגן עדות אַ סך מקורים. מיר וועלן די דאָזיקע מיינונג באַשטעטיקן מיט אַ באַווייז ווי אין אילוסטראַציע. לויטן געזעץ פון 1843 זענען יידן ערד־אַרבעטער באַפרייט געוואָרן פון מיליטער־דינסט. אויב אַ יידישע קאָלאָניע איז באַשטאַנען פון צען הייזער מיט פערציק נפשות, האָט מען זיי באַפרייט אויף 50 יאָר; פון פינף הייזער און צוואַנציק נפשות — אויף אַ העלפט צייט, ד"ה אויף 25 יאָר. דער יידישער בורזשואַזיע האָט אַזאַ פּריווילעגיע נישט געקענט שמעקן. ווייל אויב די קאָלאָניזאַציע פון יידן אין פּוילן וואָלט געוואָרן אַ מאַסן־באַוועגונג, דעמאָלט וואָלט אויסגעקומען, אַז דעם באַשטימטן קאָנטינגענט רעקרוטן, וואָס די יידישע באַפעלקערונג אין פּוילן האָט געמוזט צושטעלן יעדער יאָר, וואָלטן געמוזט געבן, אויב נישט אינגאַנצן, איז אין אַ גרויסער מאָס די פּאַרמעגלעכע קלאַסן: די סוחרים, רייכערע קרעמער, באַנקירן אאַז"וו, און דאָס האָבן זיי נישט געוואָלט. האָבן זיי מיט אַלע כוחות פּאַראַליזירט די באַוועגונג פון קאָלאָניזירן יידן.

דאָס באַשטעטיקט אַ יידישער כלל־טוער, אַ פאָלקס־מענטש, מיטן נאָמען משה ירושלימסקי (יעראָזאָלימסקי). אין אַ זייער אינטערעסאַנטן מעמאָראַנדום צום נאַמיעסטניק פירשט פּאַסקעוויטש (דאַטירט דעם 5טן יוני 1845) דעקט ער אויף די אינטריגע פון די גבירים, וואָס האָבן פאַר־באַפּט אַלע קהלשע אמטן און לאָזן נישט צו קיין אַנדער מענטשן. די אַלע רעדל־פירער זענען, לויט זיין מיינונג, קאַריעריסטן, עגאָאיסטן, און ווי אַזוי קענען זיי וועלן, אַז יידן זאָלן ווערן ערד־אַרבעטער? זיי זענען קעגן דעם פּשוט דערפאַר, ווייל אויב „אַלע יידן אין יידישע קליידער וואָלטן זיך געכאַפּט פאַר ערד־אַרבעט און וואָלטן געווען, לויטן געזעץ, באַפרייט פון מיליטער־דינסט, דעמאָלט וואָלטן די דייטשע יידן, וואָס זייער צאָל איז נישט גרויס, געמוזט פון צווישן זיך געבן רעקרוטן". דאָס ווילן זיי נישט, און דעריבער טוען זיי אַלץ וואָס זיי קענען, אַבי די יידן זאָלן זיך נישט נעמען צו ערד־אַרבעט.

דער סאַבאָטאַזש פון די ראָשי־הקהל און אַנדערע יידישע כלל־טוער קעגן דער קאָלאָניזאַציע פון יידן ווערט נאָך קלאָרער פון ווייטערדיקן

פאקט: אין פעברואר 1842 איז פאַרגעקומען אין קאַלישער גובערניע אַ צוזאַמענפאָר פון פאָרשטייער פון יידישע קהילות וועגן יידישער ערד־אַר־בעט. האָט מען אָנגענומען אַ באַשלוס צונויפזאַמלען פאַר דעם צוועק אין משך פון דריי יאָר אַ געוויסע סומע געלט. ענלעכע באַשלוסן האָט מען אָנגענומען אויך אויף ספּעציעל אָרגאַניזירטע באַראַטונגען פון אַנדערע גוּ־בערניעס. עס האָט זיך אָבער אויסגעלאָזט, אַז די גבירים האַלטן די הענט אויף דער קעשענע און ווילן נישט געבן קיין געלט. אויף דעם קלאָגט זיך אַ יידישער משכיל פון שטעטל יעדוואַבנע (לאָמזשער גובערניע) אין אַ בריוו צו ר׳ חיים ליפּסקי, דעם ראש־הקהל אין סוּוואַלק. „איך וויל אייך צוּאײַלן, שרייבט ער, אַז איר זאָלט צוגרייטן די דעקלאַראַציעס פון נדבות פון יאַגעסטאָווער גובערניע לטובת די אָרימע אמונה־ברידער אונדזערע, אַזוי אַז די דעלעגירטע אונדזערע, ווען מיר וועלן אין גיכן רופן, זאָלן תיכף ברענגען זיי מיט זיך... איך האָב געהערט, אַז איר האָט נאָך נישט קיין פאַנדן און איר פאַרשלעפּט די איניציאַטיווע אין דער דאָזיקער וויכ־טיקער זאַך. באמת, איך קען נישט פאַרשטיין, ווי אַזוי קאָן מען איגנאָרירן אַזאַ ערנסטן ענין? דאָס וואָס ווערט פּראָיעקטירט, איז דאָך אין הסכם מיט אונדזער הייליקער תורה. וואָס פאַר אַ טרויעריקער סוף וואַרט אויף אונדז, אויב מיר וועלן נישט מיטווירקן קלענער צו מאַכן די ליידיקגייעריי ביי יידן״. און צום סוף שרייט ער אויס מיט יאוש: „וואָס וועט זיין מיט אונדזערע מאַסן?״.

אָבער די דאָזיקע קלאָגענישן האָבן ווייניק וואָס געהאָלפן. חוץ דער וואַנט פון מלוכהשע שטערונגען און מניעות, וואָס וועגן זיי וועלן מיר שפּעטער רעדן, איז אויך געשטאַנען די וואַנט פון ענגן קלאַסן־עגאָאיזם פון דער יידישער בורזשואַזיע, וואָס האָט אינטריגירט און פּאַראַליזירט די באַוועגונג, וועלכע האָט געטראָגן אין זיך קערנדלעך פון אַ מאַסן־דראַנג צו ערד־אַרבעט, ווען אפילו געצוווּנגען פון דער גרויזאַמער נויט און פון רעכטלאָזן יאוש.

מיר זענען דאָ אַ ביסל באַרלאָפן פאָראויס, כדי צו שילדערן די געזעל־שאַפטלעכע אַטמאָספערע ביי יידן, וואָס אין איר האָבן געדאַרפט אויס־

געפירט ווערן די פּראָיעקטן פון יידישער קאָלאָניזאַציע. מיר גייען איצט איבער צו דער ווייטערדיקער כראָנאָלאָגישער באַשרייבונג פון די געשעענישן.

באַלד נאָכן איינשטילן דעם פּוילישן אויפשטאַנד פון 1831 האָט מען זיך גענומען „רעפאָרמירן" דאָס יידישע לעבן. דאָס מאָל האָט מען שוין דיקטירט פון פּעטערבורג, אין וואָס פאַר א ריכטונג די דאָזיקע אַרבעט דאַרף גיין. קודם כל אויסגלייכן די גזעצגעבונג פון קעניגרייך פּוילן מיט די גילטיקע געזעצן אין רוסלאַנד; בכן: אַריינפירן מיליטער־צוואַנג פאַר יידן, וואָס איז אין רוסלאַנד איינגעפירט געוואָרן אין 1827, זען צוציען די יידן צו ערד־אַרבעט, מלאכה אאז"וו. אין א ספּעציעלן געהיימען ראַפּאָרט צום פירשט פּאַסקעוויטש, דעם זיגרייכן פעלדמאַרשאַל, וואָס איז באַשטימט געוואָרן פאַרן נאַמיעסטניק פון דעם איינגעשטילטן קעניגרייך, האָבן די אַמטלעכע סטאַטיסטיקער צווישן אַנדערע זאַכן מיטגעטיילט, אַז 34 יידן האָבן דאָס רעכט צו זיין גוט־באַזיצער, 5 — האָבן נאָר דאָס רעכט צו אַרענדירן מאַיאָנטקעס און מילן, אויסהאַלטן פּאָסט־פערד און „זיך באַשעפטיקן מיט אַזעלכע מינים פּרנסות, וואָס זענען בכלל די יידן פאַרבאָטן", און פיר יידן האָבן דאָס רעכט צו זיין שענקערס און האַלטן פּאָסט־פערד.

אַלזאָ א קליינע צאָל האָט זוכה געווען צו שטיין נאָענט צו דער ערד, און אויך די דאָזיקע „אויסדערוויילטע און פּריווילעגירטע" האָבן זיך באַמיט מיט אַלע כוחות צו באַגיין זיך אָן דער הילף פון דעם יידישן ערד־אַרבעטער. אָבער אַזוי ווי די יידן־פראַגע איז געשטאַנען פאַר די אויגן פון די מלוכה־אָרגאַנען אין איר גאַנצער שאַרפער עקאָנאָמישער נאָענטקייט, האָט מען געמוזט סוף־כל־סוף א טראַכט טון וועגן פאַרברייטערן די ראַמען פון דער ביז־איצטיקער טעטיקייט און אָנשטאָט פּריווילעגיעס פאַר יחידים אַריבערטראָגן דאָס רעכט אויף ערד־אַרבעט אויפן גאַנצן כלל. אמת, א סך האָבן געשטערט די פאַרשפּרייטע קלאַנגען אין לאַנד און נאָך מער אין אויסלאַנד צווישן די עמיגראַנטישע פּוילישע רעוואָלוציאָנערע קרייזן, אַז פּאַסקעוויטש וויל ווערן א יידישער בעל־טובה אויפן חשבון פון די קאָנפיסקירטע פּריציש‌ע מאַיאָנטקעס פון פאַרמשפּטע פּאַטריאָטן־רעוואָלוציאָנערן. די דאָזיקע קלאַנגען האָבן פאַרשאַרפט די באַציאונגען

צווישן יידן און פּאָליאקן. „די מלוכה פּראָטעזשירט שטארק די יידן — האָט געשריבן דער „קוריער ווארשאַווסקי״, א גאָר קאָנסערוואַטיווע פּויּלישע צייטונג (נומ. 280, 1832)—, און אין גיכן וועלן די יידן ווערן די באַלעבאַטים פון א העלפט מאַיאָנטקעס אין פּוילן״. כדי צו כשרן די דאָזיקע ידיעה פאר דער צענזור, מוז דער „קוריער ווארשאַווסקי״ מאכן אַן אָנשטעל, אז דאָס איז א „פּליאָטקע״ וואָס קומט פון אויסלאַנד. ער מאכט אָבער דערביי א באַמערקונג, אז אזא „פּריוויּלעגיע פאר יידן״ וואָלט געבראכט „זייער שלעכטע רעזולטאַטן״ און טרייסט דעם עולם מיט דער באַמערקונג, אז יידן טאָרן דאָך נישט זיין קיין גוט־באַזיצער לויטן געזעץ, און דעריבער דארף מען די דאָזיקע „פּליאָטקע״ נישט נעמען ערנסט.

אָבער מיט דעם מאָמענט, ווען פאר דער פּוילישער געזעלשאַפט איז די פראַגע פון ערד־באַזיץ געוואָרן נישט נאָר אַן עקאָנאָמישע פראַגע, נאָר, אין א גרעסערער מאָס, א פראַגע פון נאַציאָנאַלן באַזיץ, האָט זי פּסיכאָלאָגיש געמוזט זיך שרעקן פאר א יידישער קאָלאָניזאַציע און איר שטערן מיט די מיטלען וואָס זי, א געפּענטעטע און א פארקנעכטע נאָך דער בלוטיקער מפּלה פון 1831, — האָט דאָך געהאַט אין איר רשות. מען האָט אָנגעהויבן שרעקן די יידישע כלל־טוער, אז זיי זאָלן נישט אָננעמען די „דאַנאַער־מתנה״ פון די רוסישע הענט. עס איז אפשר אמת, אז די קאָלאָניזאַציע פון יידן אין פּוילן וועט לינדערן דעם דלות פון די יידישע פאָלקס־מאַסן, אָבער ווייל די איניציאַטיוו געפינט זיך איצט אין די הענט פון פּאַסקעוויטשן, מוז זי זיין טריף; ווייל פּאַסקעוויטש טראַכט נישט וועגן די יידנס טובה — האָבן די פּאָליאַקן געטענהט, נאָר ער וויל פארקלענערן דעם נאַציאָנאַלן ערד־באַזיץ פון די פּאָליאַקן. איז שוין ממילא געשאַפן געוואָרן א געזעלשאַפטלעך אומגינסטיקע שטימונג פאר דער קאָלאָניזאַציע, און די פארפּוילישטע יידישע אינטעליגענטן און האַלב־אינטעליגענטן, וואָס האָבן געפירט די קהילות און אַנדערע יידישע אַנשטאַלטן, האָבן געהאַט נאָך א תירוץ פאר זייער סאַבאָטאַזש פון דער יידישער ערד־ארבעט פאר די מאַסן.

די מלוכה האָט אָבער שטארק געאַרבעט אין דער ריכטונג פון קאָלאָניזירן די יידן. שוין די דירעקטיוון אַליין, וואָס זענען געקומען פון דער צענטראַלער מאַכט, אז וואָס מען טוט פאר יידן אין רוסלאַנד, דארף מען

אויך טון אין פּוילן — שוין דאָס אַליין איז געווען מאַסגעביק פאַר די גרונד־ליניעס פון פּאַסקעוויטשעס יידישער פּאָליטיק אין פּוילן. מען האָט פונאַנדערגעשיקט אַן אַנקעטע פון דער לאָקאַלער מאַכט און געבעטן זיך אַרויסזאָגן מכוח דער פראַגע פון יידישער ערד־אַרבעט. און די תשובות זענען געווען גינסטיק פאַר דער אידעע צו באַוועגן יידן, אַז זיי זאָלן זיך נעמען צו ערד־אַרבעט. „עס איז אָן ספק געווונטשן —האָט געשריבן דער לובלינער פינאַנץ־קאָמיסאַר (דעם 15טן מאַי 1834)— אַז די יידישע באַפעלקערונג (אין פּוילן), וואָס מאַכט אויס שוין איין צענטל פון דער אַלגעמיינער באַפעלקערונג דאָ אין לאַנד, זאָל זיך אָפּגעבן מיט דער אַגריקולטור־אינדוסטריע". אָבער דאָס מיינט נישט, שרייבט דער קאָמיסאַר ווייטער, אַז ערד־אַרבעט מוז זיין אַ מוז, און אויב די יידן וועלן זיך דערפון אָפּזאָגן — זאָל מען זיי באַשטראָפן מיט נישט צולאָזן צו אַנדערע פּרנסות. אַזאַ פּאָליטיק איז אַ נאַרישע, ווייל זי רופט אַרויס אַ ווידערשטאַנד און איז קעגן דעם יושר, וואָס הייסט „באַשיצן אַלע איינוווינער, אָן אונטערשיד פון גלויבן און קלאַס".

אַ סך באַאַמטע האָבן פאָרגעשלאָגן, אַז מען זאָל יידן געבן פאַרשידענע פּרעמיעס און פּריווילעגיעס, כדי זיי צוצוציען צו ערד־אַרבעט: באַפרייען פון מיליטער־דינסט, מעדאַלן פאַר גוטער אַרבעט. ערד־אַרבעט וועט האָבן אַ גרויסע ווירקונג אויף דער אַסימילאַציע פון די יידן —האָבן אַנדערע געטענהט— ווייל זיי וועלן זיך מוזן אָפּזאָגן פון געוויסע מנהגים און דינים, וואָס וועלן זיי אָן ספק שטערן אין דער אַרבעט.

אַזוי איז די קאַנצעלאַריע פון נאַמיעסטניק פּאַסקעוויטש פול געוואָרן מיט „קאָזיאָנע" פּאַפּירן פון הויכע און קליינע באַאַמטע, וואָס האָבן זיך אַרויסגעזאָגט מכוח דער פראַגע פון יידישער ערד־אַרבעט. פון די דאָזיקע טויזנטער פּאַפּירן קען מען פעסטשטעלן, אַז די צאָל קעגנער פון יידישער קאָלאָניזאַציע איז געווען זייער אַ קליינע. נאָר וואָס דען? די באַדינגונגען, הנחות, מיטלען און וועגן פון קאָלאָניזירן די יידן זענען געווען אָנגעגעבן פאַרשידן. אַ גרויסער טייל האָט געלייגט גרויסע האָפענונגען אויף דער פּריווילעגיע פון באַפרייען יידן פון מיליטער־דינסט. די דאָזיקע פּריווילעגיע —האָבן זיי געשריבן— וועט געוויס צוגעבן די יידן חשק צו ווערן ערד־אַרבעטער.

יידן האָבן זיך טאַקע פאַר דעם אָנגעכאַפּט. ווען די יידישע שתדלנים האָבן דערזען, אַז מען וועט נישט אויסמיידן דעם מוז צו דינען אין נאַטור און מען וועט נישט קאָנען אָפּפּטרן דעם חוב מיט רעקרוטן־שטייער ווי דאָס איז געווען ביז איצט, און מען וועט מוזן די קינדער אָפּגעבן אין גרויע קאַזאַרמעס ווי דאָס מוזן טון זייערע ברידער אין רוסלאַנד, — האָבן זיי גענומען קלערן, אַז פון דער ערד־אַרבעט קאָן קומען די ישועה פאַר יידן. די קאָנצעלאַריעס האָבן געאַרבעט; אָבער אויך יידן זענען נישט געשלאָפן. ביי דער פייערלעכער געלעגנהייט פון זיין נאָמענטאָג (דעם 18טן דעצעמבער 1841) האָט פּאַסקעוויטש געהאַלטן אַ רעדע צו אַ יידישער דעלעגאַציע, וואָס איז אים געקומען באַגריסן, און האָט אויסגעדריקט דעם ווונטש, אַז יידן זאָלן זיך נעמען צו ערד־אַרבעט. די דאָזיקע רעדע האָט זייער גיך געפונען אַן אָפּקלאַנג נישט נאָר אין לאַנד, נייערט אויך אין אויסלאַנד, ספּעציעל אין דייטשלאַנד, ווו מען האָט מיט גרויס אינטערעס נאָכגעקוקט דעם קאַמף פון דעם פּויליש־יידישן קיבוץ פאַר זיין רעכטלעכער און עקאָנאָמישער עקזיסטענץ.

אין גיכן איז פאָרגעקומען אַן אסיפה פון רבנים, רביים און ראשי־הקהל. מען האָט באַשלאָסן אַרויסצוגעבן אַן אויפרוף צו יידן, זיי זאָלן זיך נעמען צו ערד־אַרבעט (דעם 28טן דעצעמבער 1841). מיט פּסוקים פון תנ״ך און פון תלמוד האָבן די מחברים פון אויפרוף באַוויזן, אַז דער יידישער דת איז נישט קעגן ערד־אַרבעט און אַז אַ סך אמוראים האָבן געהאַט ערד, גערטנער און סעדער (מצינו בתלמוד רבותינו אמוראים הקדושים אשר היו בחוץ לארץ היו להם קרקעות שדות וכרמים, ועבדו בעצמם אף בשכירות פועלי ישראל, ואאז״וו). דער דאָזיקער אויפרוף האָט דערוועקט אַ לעבעדיקן אינטערעס צווישן דער יידישער באַפעלקערונג. מען איז צוגעטראָטן צו זאַמלען נדבות, כדי צו שאַפן אַ פאָנד פאַר קאָלאָניזירן יידן. מיט אָט דער ענערגישער טעטיקייט איז מען אויסן געווען צו נישט צו מאַכן די גזירה פון מיליטער־דינסט. מען האָט גערעכנט, אַז ביז מען וועט אָנהייבן נעמען יידן פאַר סאָלדאַטן, זאָל כאָטש אַ היפּשע צאָל זיין ערד־אַרבעטער און אויף אַזאַ אופן זיין באַרעכטיקט צו דער פּריווילעגיע נישט צו גיין דינען.

אין פעברואַר 1843 האָט פּאַסקעוויטש געגרינדעט אַ קאָמיטעט,

וואָס זאָל באַטראַכטן די מיטלען, ווי אַזוי צו באַזעצן יידן אויף ערד. דער דאָזיקער קאָמיטעט האָט אויסגעאַרבעט די פּרינציפּן פון דער יידישער קאָלאָניזאַציע. קודם כל האָט נאָר אַזאַ ייד געקענט ווערן אַ קאָלאָניסט, וואָס האָט מזומן 150 רובל אָדער אַנדערע וועלן זיך מתחייב זיין איינ־צוצאָלן פאַר אים דאָס געלט. באַזעצן יידן דאַרף מען נישט צוזאַמען מיט קריסטן, און נישט ווינציקער ווי צו פינף משפחות. אויב דער שטח וואָס די רעגירונג גיט וועט נישט זיין גענוג, קען מען די יידן דערלויבן זיך באַ־זעצן אויף פּריוואַטער ערד. מען האָט דערלויבט רייכע יידן צו קויפן נישט קיין באַאַרבעטע ערד מיטן תנאי, אַז זיי זאָלן דאָרטן קאָלאָניזירן אָרימע יידן. אַ געוויסע צייט וועט די יידן זיין דערלויבט צו באַנוצן קריסטלעכע אַרבעטער, ביז זיי וועלן זיך אויסלערנען די מלאכה פון ערד־אַרבעט. מען דאַרף אַכטונג געבן, אַז יידן זאָלן נישט „אונטערהאַנדלען", זייענדיק ערד־אַרבעטער. וואָס איז שייך די רייכע יידן, וואָס האָבן דאָס רעכט צו קויפן פּריוואַטע מאַיאָנטקעס, האָט מען פאַר זיי אויסגעאַרבעט אַזעלכע תנאים:

1) אין זייערע מאַיאָנטקעס מוזן זיי באַזעצן צו 25 יידישע משפחות און געבן זיי אַ פולן ווירטשאַפטלעכן אינווענטאַר; 2) פאַר יעדער משפחה דאַרף דער יידישער גוט־באַזיצער איינצאָלן 150 רובל ערבות: דאָס מיינט, אַז ער מוז אַריינטראָגן מזומן 3.750 רובל אין דער מלוכה־קאַסע פאַר די 25 משפחות; 3) די אָרגאַניזאַציע פון די יידישע ישובים אין די מאַ־יאָנטקעס דאַרף דורכגעפירט ווערן אין משך פון דריי יאָר צייט; 4) די אַלע התחייבותן דאַרפן אַריינגעטראָגן ווערן אין דער היפּאָטעקע, און אויב די יידישע גוט־באַזיצער וועלן אין משך פון דריי יאָר נישט שאַפן די יידישע ישובים, האָט די מלוכה דאָס רעכט צו באַנוצן דאָס געלט כדי אַליין דורכצופירן די דאָזיקע אַרבעטן; 5) דאָס רעכט צו קויפן פּריוואַטע מאַיאָנטקעס איז נישט חל אויפן דריי־מייליקן שטח פון די גרענעצן; דאָס רעכט פון פּראָפּינאַציע (שענקערייַ) אין די דאָזיקע מאַיאָנטקעס טאָר נישט אָפּגעגעבן ווערן אַ יידן, נאָר אויסשליסלעך קריסטן; 6) דאָס רעכט צו האָבן אַן אייגענעם מאַיאָנטעק שליסט נישט איין אין זיך פּאָליטישע רעכט — דאָס מיינט, אַז אַ ייד טאָר נישט זיין קיין באַאַמטער, וואָיט, שרייבער אאַז"וו. אַזעלכע אַמטן מוזן זיין אָנגעטרויט נאָר קריסטן; 7) דאָס רעכט צו האָרן אַ פּריוואַטן מאַיאָנטעק איז נישט קיין ירושה־רעכט און גייט

נישט איבער צו די קינדער פון אייגנטימער; 8) דאָס רעכט צו האָבן א מאיאָנטעק גיט אָבער דאָס רעכט צו האָבן אויך אין שטאָט אייגענע הייזער, פירן האנדל און האָבן פאבריקן, מיטן תנאי אז מען וועט אויספירן דעם תנאי צו קאָלאָניזירן 25 יידישע משפחות.

אויב די ערשטע פּרינציפּן פון דער יידישער קאָלאָניזאציע האָבן דערוויל געהאט נאָר א טעאָרעטישן ווערט — ווייל זיי זענען נאָך נישט ארויס פון גבול פון פּראָיעקטן — איז אָבער דער פּרינציפּ, אז יידן מעגן זיך איינקויפן מאיאָנטקעס, צום טייל פארווירקלעכט געוואָרן. פאר דער קאָלאָניזאציע איז אָבער דערפון אויך גאָר ווינציק ארויסגעקומען. ווי מיר האָבן שוין באמערקט, האָבן די רייכע יידן זיך באמיט מיט אלע כוחות זיך צו באפרייען פון דעם מוז צו באזעצן 25 יידישע משפחות ביי זיך אין מאיאָנטעק. א דאנק פארשידענע השתדלותן, פּערזענלעכער פּראָטעקציע און כלומרשט לעגאלע תירוצים (עס פעלט ערד וכדומה) האָט זיך א סך יידישע גוט־באזיצער איינגעגעבן צו באפרייען זיך פון דער דאָזיקער „גזירה״.

די בעראטונגען, וואָס זענען דערוויל צונויפגערופן געוואָרן אין יעדער גובערניע באזונדער, האָבן אָנגענומען באשלוסן, ווי אזוי צו שאפן א געהעריקן פאָנד, כדי צו פארווירקלעכן דעם געדאנק פון קאָלאָניזאציע.

ווען אָט אזא מין בעראטונג אינפאָרמירט אונדז דער היסטאָריקער יאָסט (אין זיין „געשיכטע דער איזראעליטן״, באנד 2, ז. 293). זי איז פאָרגעקומען אין קאַליש, און פאָרשטייער פון 21 קהילות האָבן זיך מתחייב געווען צו שאפן פּופּציק טויזנט פּלאָרינען. עס איז אויך באשלאָסן געוואָרן צונויפצוזאמלען דאָס געלט אין משך פון דריי יאָר צייט. ענלעכע בעראטונגען זענען פאָרגעקומען אויך אין אנדערע ערטער. דערנאָך האָט מען זיך אָנגעהויבן צו ווענדן צו דער רעגירונג, זי זאָל דערלויבן צו קויפן ערד אָדער ארענדירן פאר קאָלאָניזאטאָרישע צוועקן.

די דאָזיקע בקשות זענען מערסטנטיילס באטראכט געוואָרן פון דער געהעריקער מאכט אינדיווידועל. דער סדר פון דער קאזיאָנער פּראָצעדורע איז געווען אזא קאָמפּליצירטער און נישט קיין אויסגעהאלטענער, אז עס האָט געקענט נישט ביי איין פּעטענט אוועקנעמען דעם חשק צו ערד־אר־

בעט, ווייל אָפּטמאָל איז אויסגעקומען ווארטן יאָרן־לאַנג און לסוף האָט מען באקומען אַן אָפּזאָג.

עס איז געווען קלאָר, אז אין די רעגירונגס־קרייזן האָט מען קיין קלאָרן דין־וחשבון איבער דער דאָזיקער פראגע זיך נישט אָפּגעגעבן. מען האָט זיך כסדר געטובלט אין די וואסערדיקע שטראָמען פון קאנצעליאַר־שטשינע און געפירט שריפטלעכע חקירות מכוח דער אינטערפּרעטאציע פון פארשידענע פאראגראפן אין „סוואָד זאקאָנאָוו" בנוגע רעכט און אומ־רעכט.

אויך די יידישע בורזשואזיע האָט נישט געגעבן קיין מוט און קיין בויענדיקן ביישפיל די אָרימע, אז זיי זאָלן נישט אראָפּפאלן ביי זיך און האָבן גלויבן אין דער פארווירקלעכונג פון זייערע שטרעבונגען. אויף 860 רייכע יידן וואָס פוילן האָט פארמאָגט אין 1843 האָבן אינגאנצן 27 אונ־טערגעשריבן דעקלאראציעס וועגן שטיצן די נאָך נישט עקזיסטירנדיקע יידישע קאָלאָניעס. נאָר צוויי אָדער דריי יידישע גוט־באזיצערס האָבן באַ־וויליקט צו קאָלאָניזירן יידישע ארבעטער אין זייערע מאיאָנטקעס.

די פוילישע פּריצים האָבן שוין אַרויסגעוויזן א סך א גרעסערע נייַ־גונג צו קאָלאָניזירן יידן ביי זיך אין די מאיאָנטקעס. אזוי האָט אין יאָר 1844 א געוויסער לוציאן רעמבאָווסקי קאָלאָניזירט אין זיין מאיאָנטעק 38 יידן. ער האָט זיי געגעבן פון 7 ביז 15 מאָרגעס ערד פאר יעדן. נאָך אין 1864 זענען דאָרטן געווען 13 יידישע קאָלאָניסטן.

דריי יאָר שפּעטער האָט גראף ניקאָלאַי נוראָווסקי באקומען דאָס רעכט צו קאָלאָניזירן יידן אין זיין מאיאָנטעק, הגם דער דאָזיקער מאיאָנ־טעק האָט זיך געפונען דריי מייל פון א גרענעץ, ווו עס איז געווען פאר־באָטן יידן צו וווינען. מען האָט זיך אָבער באוואָרנט אין דער שריפטלע־כער באוויליקונג, אז ער וועט נישט באזעצן יידן, וואָס זענען אמאָל גע־משפּט געוואָרן פאר קאָנטראבאנדע.

אָבער די פוילישע פּריצים איז נישט לייכט אָנגעקומען אזא פּריי־ווילעגיע, ווייל די רעגירונג האָט געקוקט מיט חשד אויפן קאָלאָניזאטאָ־רישן דראַנג פון די פּאָליאַקן לגבי די יידן, זעענדיק אין דעם א נאציאָ־נאלע טעטיקייט. אויב די מלוכה־אָרגאנען אין לאנד גופא, וואָס זענען באַ־

שטאנען על־פּי־רוב נאָך פון פּאָליאקן, האָבן אפילו אמאָל געוואָלט א שטוים טון פאראוים די ארבעט לטובת דער קאָלאָניזאציע, האָט די צענ־טראַלע מאכט אין דער פּערזאָן פון דעם נאַמיעסטניק אָדער די דירעק־טאָרן פון די דעפּארטאמענטן, על־פּי־רוב רוסישע גענעראַלן, זיך פּרינ־ציפּיעל אנטקעגנגעשטעלט.

אין 1844 האָט די מלוכה־קאָמיסיע פאַרגעלייגט, אז אין די פּריווי־לעגיעס פאר יידישע גוטבאזיצער זאָל זיין אריינגעשטעלט א באדינג פון טשינעווען די פּויערים; דער אדמיניסטראטיווער ראט האָט אָפּגעזאָגט. זיין מאָטיוו איז געווען, אז די אויפגאבע פון דער רעגירונג איז אויפצו־מונטערן די יידן צו קויפן מאיאָנטקעס און שוין דער חוב צו באזעצן 25 יידישע משפּחות איז גענוג טייער. אויב מען וועט זיי צווינגען טשינעווען די פּויערים, וועט דער מאיאָנטעק שטיין א סך העכער אין פּרייז ווי גע־וועגלעך. דאָס וואָלט געהייסן, אז די יידן מוזן צאָלן נאָך טייערער פאר א מאיאָנטעק. יידן וואָלטן פארלוירן דעם חשק צו קויפן מאיאָנטקעס און אויף אזא אופן וואָלט דער גאנצער „פּראָיעקט צו באזעצן יידן אויף די דאָרפס־גרונטן זיך אינגאנצן נישט איינגעגעבן”. (תשובה פון 13טן פעברואר 1844).

אין דער אמתן אָבער איז די דאָזיקע אויסטייטשונג געווען א די־פּלאָמאטישער פּשט. די גאנצע פראגע האָט זיך געפונען ווי אין א פאר־כישופטער ראָד. דאָס וואָס רוסלאנד, אין דער פּערזאָן פון פּאסקעוויטשן, האָט געוואָלט דורכפירן, האָט מען געהאלטן פאר אנטי־פּויליש, און די קלענערע באאמטע, על פּי רוב פּאָליאקן, האָבן דאָס מיט יורידישער פּיל־פּוליסטיק צונישט געמאכט. דאָס וואָס די פּאָליאקן ווידער האָבן געוואָלט, האָט אָבער געשמעקט אין בעסטן פאל מיט פּאָלאָניזאציע, אָדער מיט דער סאָציאַלער פראגע, וואָס איז דער העכערער מאכט נישט געפעלן. אין אָט דעם דועל צווישן די צוויי אינסטאנצן איז דערוויילֿ געפאלן א קרבן דאָס ניט־געבוירענע קינד — די יידישע קאָלאָניזאציע.

דעם 21טן דעצעמבער 1843 איז ארויס א צווייטער אויפרוף צו „די קינדער פון אונדזער אמונה” (לבני אמונתנו) אונטערגעחתמעט פון די רביים אין וואַרשע, סייני, זדונסקע־וואָליע און אנדערע כלל־טוער. אין דעם דאָזיקן אויפרוף דערציילט די אונטערגעחתמעטע, אז זיי האבן גע־

האט אַן אוידיענץ ביים נאַמיעסטניק פּאַסקעוויטש. דער נאַמיעסטניק האָט זיי געמוסרט פאַר דער גלייכגילטיקייט פון די רייכע יידן צו די אָרימע וואָס שטאַרבן פון הונגער. זיי קענען נאָר געראַטעוועט ווערן, אויב זיי וועלן זיך נעמען צו ערד־אַרבעט. דעריבער בעטן די רביים, אַז די רייכע יידן זאָלן שטיצן דעם געדאַנק פון באַזעצן יידן אויף ערד. א חוץ פּרנסה, איז ערד־אַרבעט אויך א גרויסע סגולה פאַר באַפרייען פון מיליטער־דינסט, וואָס איז אָן ספק געווען א שווערע גזירה פאַר די דעמאָלטיקע יידן.

אָבער די גבירים האָבן געשוויגן. גערעכט איז געווען משה יעראָזאָלימסקי, וואָס וועגן אים האָבן מיר פריער דערמאָנט. די יידישע בורזשואַזיע האָט נישט געהאַט קיין חשק צו אונטערשטיצן א באַוועגונג, וואָס זאָל אַריבערטראָגן דעם חוב פון צושטעלן דעם רעקרוטן־קאָנטינגענט אויף איר און אויף אירע קינדער. פון דער אַנדער זייט אָבער זענען אויך קיין פּערספּעקטיוון פאַר א גאָר גרויסער קאָלאָניזאַציע אין קעניגרייך פּוילן נישט געווען.

דער דראַנג נאָך ערד איז אָבער ביי יידן געווען זייער א שטאַרקער. די לאָקאַלע מאַכט האָט אָפּטמאָל אַליין, אויף איר אייגענער אחריות דערלויבט יידן צו באַזעצן זיך אויף ערד אפילו דעמאָלס, ווען די יידן האָבן נישט געקענט אויספירן די תנאים פון די לכתחילהדיקע באַשטימונגען. אַזוי למשל האָט זיך געפאָדערט א מינימום ערד פאַר א קאָלאָניסט. דאָס איז זעלטן ווען דורכגעפירט געוואָרן. אמת, די צענטראַלע מאַכט האָט געשראָקן מיט א גירוש אַלע יידישע קאָלאָניסטן וואָס האָבן נישט קיין דרייסיק מאָרגעס ערד. מען האָט אָבער די גזירה קיינמאָל נישט דורכגעפירט. פון פאַרשידענע זייטן האָט מען די יידן צוגעגעבן מוט צו דער שווערער קאָלאָניזאַטאָרישער אַרבעט. דער מליצהדיקער זאַמאָשטשער משורר פייוול שיפער, גאָר א נאָענטער מקורב פון פּאַסקעוויטשן, וואָס האָט אָנגעשריבן זיין ביאָגראַפיע אין העברעאיש, האָט אין אַן „אידיליע אין פּאָעטישער פּראָזע", אונטערן נאָמען „מטע לשם", באַזונגען די הערלעכקייט פון ערד־אַרבעט (וואַרשע 1843).

די וואַרשעווער רעגירונג האָט אפילו באַשטעלט אין יאָר 1844 ביי א קינסטלער א ספּעציעלן מעדאַל פאַר יידן־קאָלאָניסטן, וואָס אויף אים זענען אָנגעשריבן א פּאָר פּסוקים פון תהילים וועגן דעם גליק פון ערד־

ארבעט. נאָך לאנגע אָפיציעלע בריוו האָט די צענטראלע רעגירונג די דאָזיקע מעדאלן באשטעטיקט מיט געוויסע שינויים, ווי למשל, אז דער באנד זאָל זיין... א בלויער, ווייל אויך אין רוסלאנד גיט מען אזעלכע בענדער.

אָבער עס האָט זיך אויסגעלאָזט, אז מען דאַרף דערווייל די מעדאלן נישט באשטעלן, ווייל עס איז ניטאָ וועמען צו געבן. און די פּראָיעקטן מיט די פּאטעטישע אויפשריפטן ווי: „די יידן פאר ערד־ארבעט און בעל־הבתישקייט״, אָדער: „פארן אויפבלי פון ערד־ארבעט״ זענען אָפּגעגעבן געוואָרן אין ארכיוו לזכר עולם.

גאָר א גרויסע האָפענונג האָט געלייגט אויף די דאָזיקע פּראָיעקטן פון קאָלאָניזירן די יידן אין פּוילן — די יידישע געזעלשאפטלעכע מיינונג אין מערב־אייראָפּע בכלל און אין דייטשלאנד בפרט.

„א ווערדיקן שטעלפארטרעטער האָט רוסלאנד אין פּוילן״ — שרייבט א קאָרעספּאָנדענט פון דער „אלגעמיינער צייטונג דעס יודענטומס״ (נומ׳ 51, 1842), דאָס איז פירשט פּאסקעוויטש. ער וויל פון יידן מאכן ערד־ארבעטער און — די יידן האָבן צו אים גרויס צוטרוי און פרייען זיך מיט דעם דאָזיקן הערשער און זיינע גוטע כוונות בנוגע די יידן״.

„די צייט איז זייער נאָענט פאר ישראל״ —שרייבט ער— „ווען א מילדער און הומאנער היינט וועט מכפּר זיין די אזוי פיל צרות פון דער טרויעריקער פארגאנגענהייט״.

„ערד־ארבעט איז דער בעסטער מיטל צו מאכן די פּוילישע יידן פאר פּראָדוקטיווע מענטשן — און דאָס וויל דאָך דער פירשט נאמיעסטניק. דערמיט וויל דער פירשט די יידן צובינדן צום לאנד, וואָס דערמיט זענען צונויפגעוואקסן די הייליקסטע זכרונות פון כמה דורות. דורך פליים און טעטיקייט און מוסטערהאפטן אויפפיר וועלן זיך די יידן מאכן נוצלעך און „באווייזן, אז נישט דאָס לאנד אין מזרח איז אונדזער פאָטערלאנד, נאָר דאָס לאנד וואָס נערט אונדז און פילנעוועט אונדז״.

אין שייכות מיט דער דאָזיקער האָפערדיקער קאָרעספּאָנדענץ פון ווארשע איז לודוויג פיליפּסאָן, דער רעדאקטאָר פון דער „אלגעמיינער צייטונג דעס יודענטומס״, ארויס מיט אן אויספירלעכן ארטיקל וועגן דעם זעלבן ענין. די פראגע פון דער יידישער קאָלאָניזאציע אין פּוילן איז, לויט זיין מיינונג, נישט קיין לאָקאלע פראגע, נאָר אן אלגעמיין יידישע.

„אין רשות פון א פירשט געפינט זיך אן אידעע, וואָס קען ברענגען אומגעריכטע געבענטשטע רעזולטאטן", רופט אוים פיליפּסאָן. ער ווייזט אָן, אז די קאָלאָניזאטאָרישע פּרווון אין רוסלאנד האָבן געגעבן זייער גוטע רעזולטאטן, און עס איז דעריבער צו דערווארטן, אז דאָס זעלבע וועט גע־שען אין פּוילן.

אָבער ביז די טויזנטער יידן וועלן זיך קענען איינאָרדענען אויף ערד — דארף מען זיי העלפן מאטעריעל.

פיליפּסאָן ווענדט זיך דעריבער צו די פארמעגלעכע יידן, אז זיי זאָלן העלפן די, וואָס ווילן זיך באזעצן אויף ערד און פירן אן ערלעך גע־זונט לעבן. „איר יידן, גבירים אין פּוילן! איר באלאנגט צו דער זעלבער ראסע וואָס מיר; איר קענט זיך פארשאפן אומשטארביקייט אין דער גע־שיכטע פון ישראל, אין דער געשיכטע פון דער מענטשהייט, ווען איר וועט פארשטיין די דאָזיקע אידעע צו מאכן אייערע גלויבנס־ברידער פאר ערד־ארבעטער, און איר וועט עס דורכפירן מיט א נדבה, מיט מי און גוטן ווילן".

ער לייגט פאָר צו גרינדן צוליב דעם צוועק א „געזעלשאפט צו פאר־שפּרייטן אגריקולטור צווישן די יידן אין פּוילן", בראש פון דער געזעל־שאפט זאָלן שטיין פארדינסטפולע מענער און דעם פּראָטעקטאָראט זאָל מען איבערגעבן „דעם טיף־הארציקן פירשט נאמעסטניק". די דאָזיקע גע־זעלשאפט דארף באקומען געלט פון רייכע פּוילישע יידן, און אויך פון רוסישע און אויסלענדישע. דאָס געלט דארף פארווענדט ווערן: 1) אויף קויפן ערד פאר יידן; 2) פאר שטיצע אין די פּיאָנערישע יאָרן פון ערד־ארבעט און 3) פאר פּרעמיעס פאר די וואָס וועלן זיך אויסצייכענען אויפן געביט פון אגריקולטור. חוץ דעם דארף מען פירן א לעבעדיקע אגיטאציע צווישן די ברייטע פאָלקס־מאסן.

צום סוף דריקט ער אוים זיין פרייד דעריבער, וואָס די מיינונג וועגן די פּוילישע יידן, אז זיי זענען דעגענערירט, האָט זיך ארויסגעוויזן פאר פאלש.

„די דייטשע יידן — איז זיך פיליפּסאָן מודה — האָבן געמוזט הערן די דאָזיקע באשולדיקונגען אויף זייערע פּוילישע ברידער און — שווייגן,

הנם דאָס האַרץ האָט ביי זיי געבלוטיקט, ווייל דאָס איז געווען אמת. איצט ווייזט זיך ארויס, אז זיי האָבן אָפּגעלעבט״.

פיליפּסאָן איז נאָך מוסיף, אז ער איז חלילה נישט אויסן צו לער־נען די רוסישע רעגירונג וואָס צו טון מיט די פּוילישע ידן. ער גלויבט אין דעם יושר פון צאַר און פון נאַמעסטניק. זיין אויפגאַבע איז: ארויס־צורופן א לעבעדיקן אינטערעס פאַר די יידן אין פּוילן צווישן די דייטשע יידן. די רעגירונג אין רוסלאַנד וועט די האָפענונג נישט אָפּנאַרן.

פיליפּסאָנס ארטיקל האָט געמאַכט זייער א שטאַרקן איינדרוק. דאָס איז צו זען פון די פיל בריוו אין דער רעדאַקציע און פון די ציטאַטן אין דער מערב־אייראָפּעאישער פּרעסע. אויך אין פּוילן האָט דער ארטיקל ארויסגערופן א גרויסן אינטערעס און ענטוזיאַזם. די אידעע פון א יידי־שער אגריקולטור־געזעלשאַפט האָט ווי א „בליץ געטראָפן אין די געמי־טער פון אַלע קלאַסן פון אונדזער שטאַם״, און האָט אויך „געווירקט אויף די אולטראַ־אָרטאָדאָקסן״ — אזוי פאַרזיכערט אין זיין מליצה־שפּראַך דער וואַרשעווער קאָרעספּאָנדענט. ער חשבונט אויס, אז די נדבות וועלן אריינטראָגן אן ערך א האַלבן מיליאָן פלאָרין, וואָס וועט קלעקן אויף 250 באַלעבאַטישקייטן צוזאַמען מיטן אינווענטאַר.

אויך דאָס וואָכנבלאַט „אָריענט״ האָט אָפּגעגעבן א גרויסן ארטיקל דער פראַגע פון דער יידישער קאָלאָניזאַציע אין פּוילן („אָריענט״, 1843, נומ. 2). פאַר יידן איז געווים וויכטיק צו האָבן א קלאַס ערד־ארבעטער. יידן דאַרפן סוף־כל־סוף ווערן אויך פּראָדוצענטן, און נישט נאָר בלייבן קאָנסומענטן. דער „אָריענט״, להיפּוך צו דער „אַלג. צייט. דעס יודענ־טומס״, באַרירט אויך די פּאָליטישע זייט פון דער קאָלאָניזאַציע. דער נאַמעסטניק וועט מסתמא שטיצן די יידישע קאָלאָניזאַציע נישט נאָר „מחמת הומאַניטאַרע טעמים״, נאָר אויך דערפאַר, וואָס די יידישע קאָ־לאָניסטן וועלן זיין „א קעגנוואָג צו די רוסן־פיינטלעכע פּויערים״, וואָס זענען נאָך אַלץ נוטה בלינד צו פאָלגן די „פּוילישע פּריצים״ און מאַכן בונטן.

אין עטלעכע יאָר ארום האָט אָבער די מערב־אייראָפּעאישע פּרעסע פאַרלוירן איר האָפענונג, און דער זעלבער „אָריענט״ האָט געמוזט מודה

זיין, „אַז וואָס איז שייך די יידן, וואָס גיבן זיך אָפּ מיט ערד־אַרבעט, איז זייער רעכט אַ האַלב רעכט, כל־זמן זיי קענען נישט געניסען פון אַנדערע רעכט” (1848, נומ. 48).

ווי די זאַך זאָל נישט זיין שפּעטער, אין יענעם מאָמענט האָט די פּראָפּאַגאַנדע פון די דייטשע יידן באמת צוגעגעבן מוט די יידן אין פּוילן. שוין דער פאַקט אַליין, אַז די קאָלאָניזאַטאָרישע טעטיקייט אין פּוילן האָט אַרויסגערופן אַן ענלעכע באַוועגונג אין פּויזנער ראַיאָן, ווו דעם 1טן מאַי 1846 זענען שוין געווען פאַרשריבן 1064 משפּחות גרייט צו לעבן פון ערד־אַרבעט, — שוין דער דאָזיקער בולטער פאַקט האָט געקענט ווירקן אויפמונטערנדיק. דעם 6טן דעצעמבער 1844 האָט די אַדמיניסטראַטיווע מאַכט געפּסקנט, אַז אויך אַזעלכע יידישע קאָלאָניסטן ווערן באַפרייט פון מיליטער־דינסט, וואָס האַלטן ביי זיך קריסטלעכע פּאַראָבקעס, אָדער זייערע קאָלאָניעס געפינען זיך צוזאַמען מיט קריסטלעכע, וואָס דאָס איז ביז איצט געווען פאַרבאָטן.

אַזוי האָט דער נאַמעסטניק באַפרייט פון דינסט די יידן־קאָלאָניסטן פון זלמן פויזנערס מאַיאָנטקעס קוראַרי, אַדזיקאָוויצי און קאַדלוביאַוועק (פּלאָצקער גובערניע) „נישט געקוקט דערויף וואָס אין די דאָזיקע ישובים וווינען אויך ערד־אַרבעטער, סאָלטעסן, שענקערס, וואַלד־וועכטער און פּאַראָבקעס־קריסטן”. אָבער נישט אַלע האָבן געהאַט דאָס גליק באַפרייט צו ווערן פון מיליטער־דינסט. די באַאַמטע האָבן אויסגעטייטשט דעם גע־זעץ פאַרשידן, און דער גורל פון די קאָלאָניסטן איז געווען אָפּגעהאַנגען פון דעם גוטן אָדער שלעכטן ווילן פון דער אָרטיקער מאַכט. אַ סך קאָ־לאָניעס אָדער ישובים, וואָס וואָלטן געקענט זיך אַנטוויקלען צו קאָלאָ־ניעס, זענען מחמת דעם אונטערגעגאַנגען. ניט געקוקט אָבער אויף אַלע שטערונגען, זענען אין יאָר 1843 פּאָרט געווען באַשעפטיקט ביי ערד־אַרבעט אַן ערך 6.000 יידן — אַ צאָל גאָר אַ באַדייטיקע. פון זיי זענען געווען אַן ערך 850 קאָלאָניסטן, און אַן ערך 4.000 כאַלופּניקעס, ד"ה זיי האָבן אַרענדירט אַ שטיקל ערד ביי אַ פּויער, און דערביי אויך גע־אַרבעט אַ ביסל פאַרן פּריץ.

אין די יאָרן 1840־47 זענען אין קעניגרייך פּוילן געגרינדעט גע־וואָרן אַן ערך 42 יידישע קאָלאָניעס. זינט 1847 וואַקסט שוין נישט אַזוי

די צאָל פון די יידישע קאָלאָניעס. אין יאָר 1846 ווערט געגרינדעט די באַקאַנטע זאמאָשטשער קאָלאָניע, וואָס מיט איר איז פאַרבונדן דער נאָמען פון ד"ר שלמה עטינגער. אין יאָר 1847 האָט אין פּוילן געהערשט אַ שרעקלעכער הונגער. די רעגירונג איז דעמאָלס געווען געצוווּנגען צו לאָזן יידן אַרבעטן אויף די שאָסייען ווי שטיינהאַקערס. אַ סך יידן האָבן דעמאָלס עמיגרירט פון פּוילן, צווישן דעם אויך קיין אַמעריקע.

די לעצטע יידישע קאָלאָניעס ווערן געגרינדעט אין יאָר 1860. אינגאַנצן זענען אין משך פון די יאָרן 1817 ביז 1860 געווען אין קעניגרייך פּוילן ביי 70 קאָלאָניעס, מיט אַ באַפעלקערונג קרוב צו 500 משפחות. די ריכטיקע דאַטעס בנוגע אַ סך קאָלאָניעס פעלן אָבער אינגאַנצן. לויט דער סטאַטיסטיק פון 1861 האָבן 57 קאָלאָניעס געהאַט 374 משפחות. אַ סך פון די קאָלאָניעס זענען פּריוואַטיק אונטערגעגאַנגען. טייל פון זיי האָבן עקזיסטירט גאָר לאַנג און עקזיסטירן נאָך עד היום אָבער אין אַ סך אַ פאַרקלענערטער פאָרמע. אזוי למשל, האָט נחום סאָקאָלאָוו באַזוכט אין יאָר 1898 און באַשריבן די קאָלאָניע אָסטראָוועק, אין סאָקאָלאָווער ראַיאָן, וואָס איז געגרינדעט געוואָרן אין יאָר 1844.

לויט אַ ידיעה פון 1858 זענען אין פּוילן געווען צו יענער צייט 28.391 יידישע ערד־אַרבעטער. די ציפער נעמען מיר פון פיליפּסאָנס אַן אַרטיקל אין דער „אַלגעמיינער צייטונג דעס יודענטומס" (1858, נומ. 23). פון וואַנען ער האָט זי גענומען, איז אונדז שווער אין דעם מאָמענט פעסטצושטעלן. אין דעם דאָזיקן חשבון זענען נישט אַריינגערעכנט געוואָרן די אַרענדאַרן פון בהמות (מילכיקערס), וואָס זייער צאָל האָט געצאָלט באַטרעפן 9.241. די ציפערן זענען נאָענט צום אמת, ווייל לויט דער אויסרעכענונג פון אַ פּוילישן עקאָנאָמיסט (גראַבסקי) זענען אין יאָר 1848 געווען אין די דערפער 2.921 יידישע „מילכיקערס". די סיבה פון דעם וווּקס פון די דאָזיקע אַרענדעס דאַרף מען זוכן אין דער אַנטוויקלונג פון שטאָט — דער אַריינפיר פון די פּויערים אין די שטעט האָט נישט געקלעקט פאַרן שטאָטישן מאַרק.

מיט דעם אָבער איז דער ענין פון דער יידישער קאָלאָניזאַציע נאָך נישט געווען פאַרענדיקט. עס קומען אויף כסדר נייע פּלענער צו קאָלאָניזירן יידן אין אַ גרעסערער צאָל. אָבער אויב די יידן האָבן געהאָפט, אַז

די רעגירונג וועט סוף־כל־סוף זיך לאָזן אויף ברייטערע וועגן פון א גע־זונטער עקאָנאָמישער פּאָליטיק און וועט געבן פרייע ערד פאַר די קאָלאָ־ניסטן, — האָבן זיי זיך דערין אין גאַנצן אָפּגענאַרט. די רעגירונג איז אפילו געווען גרייט אין יאָר 1846 צו „פּאַרקויפן" פראַנקרייך א שפּאָר „ביסל" יידן, כדי צו קאָלאָניזירן דורך זיי אַלזשיר. פראַנקרייך האָט צו־ליב דעם צוועק געשיקט קיין רוסלאַנד א יידישן סוחר פון מאַרסעל, מיטן נאָמען יעקב יצחק אַלטאַראַס. אין וואַרשע האָט אַלטאַראַס געהאַט אַן אוידיענץ ביי פּאַסקעוויטש, און נאָך א קורצער אָפיציעלער קאָרעספּאָנ־דענץ האָט דער צאַר דערלויבט די פּוילישע יידן צו עמיגרירן קיין אַל־זשיר גרופּעסווייז צו 30־50 משפּחות, חוץ „נישט חתונה־געהאַטע מאַנסביל צווישן 18 און 25 יאָר".

פראַנקרייך איז געווען גרייט צו קאָלאָניזירן 40.000 פּוילישע יידן, און טייל האָבן אויפריכטיק געגלויבט, אַז די קאָלאָניזאַציע פון די נאָר וואָס איינגענומענע טעריטאָריעס מיט די הענט און שוויים פון די פּוילישע יידן וועט פאַרענטפערן די אָנגעוויטאָגטע פּראָבלעם, וואָס האָט אין פּוילן גופא, מחמת דער צוויי־פּנימדיקייט פון די מאַכטהאָבנדיקע קרייזן נישט געקענט פּאָזיטיוו פאַרענטפערט ווערן. אָבער אויך דערפון איז גאָרנישט געוואָרן, ווייל פּאַסקעוויטש האָט מיט א כיוון געשטעלט אַזעלכע תנאים, אַז דער מאַרסעלער הענדלער מיט פּוילישע יידן האָט פאַרלוירן דעם חשק און געדולד.

עס האָבן זיך ווייטער א שאָט געטון קאַנצעלאַרישע פּאַפּירן וועגן דעם גורל פון די אינסטיטוציעס, וואָס זענען באַשאַפן געוואָרן פאַר דער יידישער קאָלאָניזאַציע. וואָס איז געשען מיט די נדבות און פּלענער פון דעם קאָמיטעט צו קאָלאָניזירן אָרימע יידן? — פרעגט זיך מיט קאַזיאָנער תמימות (אין אויגוסט 1850) דער דירעקטאָר פון דער „אַלגעמיינער אַד־מיניסטראַציע פון קעניגרייך פּוילן". ער בעט צושיקן די מאַטעריאַלן וועגן דער אַרבעט, דערקלערן די סיבות פון דער פּאַסיוויקייט און אויך אינפאָרמירן וועגן די רעזולטאַטן, — אויב עפּעס איז יאָ אויפגעטון גע־וואָרן.

די דאָזיקע מיינונג־זאַמלעריי האָט נאָר אָנגעפילט די אַלמערס פון די קאַנצעלאַריעס און געשאַפן דעם אָנשטעל פון „פּאָזיטיווער" אַרבעט.

אפילו די פראגע פון דער יידישער קאָלאָניזאציע אין די מאיאָנט־קעס פון יידן פּריצים איז נישט פארענטפערט געוואָרן. מסתמא האָט די יידישע בורזשואזיע געהאט נענוג פּראָטעקציע און מיט גאָר „קלינגענדי־קע״ ארגומענטן האָבן די עפשטיינס און די האנדקיעס „איבערצייגט״ דער מלוכה, אז מען דארף עס נישט. און דאָס ביסל „קוויציע״ וואָס זיי האָבן געמוזט פאָרט ארײנלייגן ביים קויפן א מאיאָנטעק — האָבן זיי זייער גיך אָפּגענומען מיט פארשידענע פּאָדריאדן און ארענדעס פון פּאָסט, לאָטעריי־צעטלען, זאלץ, טאבאַק און אנדערע געשעפטן. אויף אזא אופן פועלט הערמאן עפּשטיין נאָך לאנגער פּראָטעקציע־זוכעריי, וואָס ציט זיך אזש פון יאָר 1848, דאָס רעכט נישט צו קאָלאָניזירן יידן. דער באנקיר מאטיאַס ראָזען באקומט די זעלבע פּריווילעגיע (ביידע אין יאָר 1857). דער אָפּיציעלער מאָטיוו איז: „זיי האָבן גרויסע פארדינסטן פאר דער אנטוויקלונג פון דער אינדוסטריע אין פּוילן״.

דער ווארשעווער קאָמיטעט פאר דער יידן־פּראגע איז געגאנגען אזוי ווייט, אז ער האָט פאָרגעלייגט, מען זאָל דערלויבן קויפן מאיאָנטקעס נאָר אזעלכע יידן, וואָס וועלן „ענדיקן מיט אָן אויסצייכענונג א קורס אין א גימנאזיע און שפּעטער אין אינסטיטוט פון דאָרף־ווירטשאַפט״. די דאָ־זיקע „יידישע פּריצים״ זאָל מען באפרייען פון דעם מוז צו געבן ערבות־געלט און קאָלאָניזירן 25 יידישע משפחות.

דער דאָזיקער קאָמיטעט, וואָס איז געשאפן געוואָרן פון דער רע־גירונג אין 1858 און איז באשטאנען נאָר פון מלוכה־באאמטע, האָט גע־האט א ציל פאָרצולייגן געזעצן, וואָס זאָלן „אויסגלייכן די געזעצגעבונג וועגן יידן אין קעניגרייך פּוילן מיט די געזעצן וואָס הערשן אין רוסלאנד״. צווישן אנדערע פּראָיעקטן איז אויך אויסגעארבעט געוואָרן א ריי „מיט־לען אין דער ריכטונג פון קאָלאָניזירן די יידן״.

„כדי אויפצוועקן אין די יידן דעם חשק צו ערד־ארבעט״, האָט דער קאָמיטעט נאָך אמאָל דורכגעקוקט אלע געזעצן און „פּריווילעגיעס״, וואָס מען האָט געגעבן די יידן און האָט ארויסגעבראכט דעם ווייטער־דיקן אינטערעסאנטן אורטייל (ציטירט לויט די אקטן פון דעם „ווארשע־ווער קאָמיטעט פון 1858״ — ארכיוו פאר אלטע אקטן אין ווארשע, באנד 6).

„די לגאָטעס און אויפמונטערונגען צו ערד־ארבעט, וואָס מען האָט ביז איצט געגעבן די יידן, האָבן דערווייל קיין ערנסטע רעזולטאַטן נישט געבראַכט. ביי היינטיקן טאָג געפינען זיך נאָר 1369 יידישע משפחות, וואָס האָבן זיך באַזעצט אויף דאָרפישע שטחים — דאָס באַטרעפט 1/250 חלק פון דער אַלגעמיינער צאָל דאָרפישע באַלעבאַטישקייטן אין לאַנד, — הגם די יידישע באַפעלקערונג מאַכט אויס 1/8 חלק פון דער גאַנצער באַפעלקערונג. פון דער דאָזיקער צאָל פאַרנעמען זיך פאַקטיש מיט ערד־ארבעט נאָר 167 משפחות, וואָס זיצן אין באַזונדערע יידישע ישובים צו פינף באַלעבאַטישקייטן יעדערע. אזא צאָל יידישע משפחות איז קוואַליפיצירט געוואָרן באַפרייט צו ווערן פון מיליטער־דינסט אויף דעם סמך וואָס זיי פאַרנעמען זיך באמת מיט ערד־ארבעט".

„אַלע איבעריקע יידן, וואָס האָבן זיך באַזעצט אויף ערד בכלל און אין די דערפער בפרט, באַשעפטיקן זיך מיט דער ערד אָדער אין איינצלנע באַלעבאַטישקייטן, אָדער —און דאָס איז דער רוב— זיי פאַרנעמען זיך מיט האַנדל־ענינים, פאַכט פון קי, אַרענדע און סעדער, פישערייאַאַז"וו.

„די מלוכה־שטחים גיבן נישט קיין מעגלעכקייטן צו שאַפן אויף זיי באַזונדערע יידישע ישובים, ווייל דער צושטאַנד פון די פינאַנצן פון קעניגרייך דערלויבן נישט צו געבן קיין געלט־שטיצעס אַזעלכע ישובניקעס; עס איז נאָר געבליבן איין זאַך: גרינגער צו מאַכן די יידן דאָס באַזעצן זיך אויף פּריוואַטע שטחים".

צוליב דעם צוועק האָט דער קאָמיטעט אויסגעאַרבעט דעם ווייטערדיקן פּראָיעקט פון אַגראַר־רעפאָרמעס פאַר יידן:

1) דערלויבן זיי צו קויפן אײַנגאַנצן ליידיקע שטחים, נישט באַזעצט פון פויערים.

2) דערלויבן אַרענדירן באַזונדערע קלענערע פאָלוואַרקעס אָן פויערים, ווי אויך גרעסערע קאָלאָניאַלע ישובים און פויערישע, נאָר מיטן תנאי, אז זיי וועלן זיך אליין פאַרנעמען מיט ערד־ארבעט.

ביי אַזעלכע מיטלען אַריבערצופירן כאָטש א טייל פון דער יידישער באַפעלקערונג, ספּעציעל פון די קליינע שטעטלעך, אין קאָלאָניסטן־

קלאס, גיט דער קאָמיטעט איבער דער העכערער אינסטאַנץ צו באַשטי־מען די פראַגע: צי זענען נישט מעגלעך, לכל הפחות אין די איצטיקע תקנות, אַזעלכע ענדערונגען, אַז פאַר די יידן, וואָס באַזעצן זיך אויף ערד, — דער עיקר פאַר די וואָס קויפן אָדער אַרענדירן גרעסערע מאַיאָנטקעס, — אַז עס זאָל זיי זיין דערלויבט צו באַנוצן צו הילף קריסטן, כאָטש אויף פינף יאָר. דערמיט וועט מען זיי לייכטער מאַכן דאָס באַקענען זיך מיט דער דאָרפישער ווירטשאַפט.

אָט די דאָזיקע טשיקאַווע, ביז איצט לחלוטין נישט באַקאַנטע באַ־מיאונגען, זענען אָבער געקומען צו שפּעט. די טענדענצן אין די מלוכה־ספערן זענען נישט געגאַנגען אין דער ריכטונג — שוין מחמת דעם איין טעם, וואָס סיי די פּוילישע געזעלשאַפט און סיי די יידן האָבן אָנגעהויבן צו שטאַרק אויפּסנייַ צו אַרבעטן אין דער ריכטונג פון קאָלאָניזאַציע „ווי א ראַציאָנאַלן מיטל פאַר פּאָלאָניזאַציע״ — לויט אַן אויסדרוק פון אַן אָנגעזעענעם שרייבער און פּאָליטיקער פון יענער תקופה (קראַשעווסקי).

אין דעם פּרט איז זייער כאַראַקטעריסטיש דער מעמאָראַנדום פון די פאָרשטייער פון דער וואַרשעווער קהילה, וואָס האָבן אָנגעוויזן (דעם 8טן יאַנואַר 1857), אַז דער פאַרבאָט צו וווינען אין די דערפער האָט אייגנטלעך פּאַראַליזירט אין די יידן דעם חוש פאַר ערד־אַרבעט. „נישט די נאַטירלעכע נייגונגען און נישט די רעליגיעזע מינהגים —האָבן זיי געשריבן— האַלטן אָפּ די יידן פון ערד־אַרבעט, וואָס מיט איר האָבן אונדזערע אָבות זיך אַמאָל אויסשליסלעך באַשעפטיקט״. דורך ערד־אַר־בעט וועלן די יידן קומען אין אַ נאָענטן באַריר מיט די קריסטן. „דאָס דערנענטערן זיך פון די יידן צו די פּויערים וואָלט געקענט ברענגען אַ סך גינסטיקע גייסטיקע פּרוכטן —האָבן פאַרזיכערט די וואַרשעווער קהילה־לייט אין זייער מליצהדיקער שפּראַך— ווייל די ערשטע (ד״ה די יידן) וואָלטן זיך פאַרקוקט אויף דער אַרבעט און אויף דעם לעבן פון די ערד־אַרבעטער, וואָס באַגייען זיך אָן די פאָדערונגען, וואָס זענען נויטיק לרוב אין דער שטאָט; די צווייטע (ד״ה די פּויערים) ווידער, וואָלטן געהאַט פאַר זיך אַ מוסטער פון שפּאָרזאַמקייט, פאָרזיכטיקייט בנוגע דער צוקונפט און פון מקריב זיין די פרייע צייט פאַר דער אַרבעט אין דעם משפּחה־קרייז ווי אויך פאַר רעליגיעזע באַטראַכטונגען, און קודם־כל אַ מוסטער פון

באשיידענער ניכטערקייט, דאָס וואָס פעלט דעם פויער און איז גורם, אַז ער פארשווענדט זיין גאַנץ גוטס, וואָס איז מיט אזויפיל שוויים אָנגעשאפט געוואָרן".

דער דאָזיקער אפּאָלאָגעטישער און אסימילאַטאָרישער מאָמענט, וואָס איז אזוי שטארק אונטערגעשטראָכן געוואָרן אין דעם מעמאָראַנדום פון דער ווארשעווער קהילה, האָט נישט געקענט נושא־חן זיין אין יענע קרייזן, וואָס האָבן דעמאָלס נעהאט די דעה אין פוילן. אויב מען האָט געקענט נישט פארגרעסערן די צאָל פּאָלאָניזירטע, איז דאָס געווען זייער צו דער האנט די צענטראַליסטישע פּאָליטיק־מאכערס. נישט אומזיסט האָט די אויפגעלעבטע נאציאָנאַלע באוועגונג אין פוילן, וואָס האָט דערפירט צום „גיין אין די וועלדער" דעם 22סטן יאנואר 1863, זיך זייער א סך אָפּגע־געבן (טעאָרעטיש) מיט דער פּראָבלעם פון דער יידישער קאָלאָניזאציע ווי א מיטל צו פּאָלאָניזאציע.

דער אָרגאַן פון די „פּאָליאַקן פון משה רבינוס גלויבן", די „יוּ־טשענקא", וואָס איז געגרינדעט געוואָרן אין 1861, האָט זייער א סך גע־ארבעט אין דער דאָזיקער ריכטונג. א סך פּאָליאַקן האָבן סימפּאַטיזירט מיט דעם געדאנק. אין 1861 האָט שוין די „אדמיניסטראַטיווע מאכט" צוגעגרייט א רייע רעפאָרמעס אין דעם רעכט פון יידן צו באזיצן מאיאָנט־קעס. דער „פּריליננ" פון פוילן האָט געגרייט נייע הנחות. די פוילישע באַאמטע האָבן זיך אָנגעהויבן פילן פרייער און האָבן טאקע פאָרגעלייגט, אַז נאָר יענע יידן קענען זיין ערד־באזיצערס, וואָס קענען לייענען און שרייבן פויליש (פּראָיעקט פון 16טן סעפּטעמבער 1861).

מען האָט פּאָרגעלייגט אפילו צו דערלויבן יידן צו קויפן מאיאָנ־טקעס מיט פויערישע ישובים, נאָר דאָס דאָזיקע רעכט זאָלן האָבן נאָר אזעלכע יידן וואָס פארמאָגן אן אגראָנאָמישע בילדונג, אָדער אזעלכע וואָס „צייכענען זיך אויס אויפן פעלד פון וויסנשאפט, אינדוסטריע אָדער אנדערע נוצלעכע געזעלשאפטלעכע געביטן". מען האָט פּאָרגעלייגט אײנ־גאַנצן אָפּצושאפן דעם מוז צו קאָלאָניזירן 25 יידישע משפחות, און אויך אָפּשאפן דעם פארבאָט צו האָבן מאיאָנטקעס 21 וויאָרסט פון גרענעץ.

דער אַקט פון יידישער גלייכבארעכטיקונג, וואָס מארגראף אַלעק־

סאנדר וויעלעפּאָלסקי האָט אין יאָר 1862 ארויסגעגעבן, האָט אויטאָמאַ־
טיש אָפּגעשאפט אלע באגרענעצונגען אויף בנוגע ערד־באזיץ. מיט דעם
אקט איז פארענטפערט געוואָרן די פּראָבלעם פון יידישן ערד־באזיץ —
און עס איז אויך דערשטיקט געוואָרן די האָפענונג פאר א יידישער קאָ־
לאָניזאציע. די קאָלאָניעס, וואָס זענען געגרינדעט געוואָרן אין קאָנגרעס־
פּוילן אין דער תקופה פון פּאסקעוויטשן, זענען טיילווייז שפּעטער אונ־
טערגעגאנגען, טייל עקזיסטירן נאָך עד היום; זייער צושטאנד איז ליידער
ווינציק וואָס באקאנט.

(ייוואָ־בלעטער, מערץ־אפּריל 1934).

די עלטסטע געשיכטע פון יידישן טעאטער אין ווארשע

I

וועגן יידישן טעאטער אין ווארשע אין דער פארגאַלדפאדענישער תקופה איז צום באדויערן קיין סך מאטעריאַל נישט פאראן. די עלטסטע נאָטיץ וועגן יידישן טעאטער איז דאטירט פון יאָר 1838. א נייער מקור וועט די דאָזיקע דאטע איבערדרוקן.

דער דאָזיקער מקור איז א דייטש בוך, וואָס איז ארויס אין לייפציק אין יאָר 1844, געשריבן פון א געוויסן גערינגג, וועלכער האָט באזוכט ווארשע באלד נאָכן אויפשטאנד פון 1831. דאָס בוך הייסט: „ווארשע, א רוסישע (!) הויפטשטאָט". אין צווייטן באנד דערציילט אונדז דער מחבר, אז בעת ער איז געווען אין ווארשע, איז ער בייגעווען א טעאטער־פאָרשטעלונג אויף יידיש. פעסטשטעלן גענוי די דאטע פון דער פאָרשטעלונג איז אוממעגלעך, מחמת דער מחבר האלט נישט פון קיין כראָנאָלאָגיע. דער פאקט גופא, וואָס אין 1844 האָט ער געמוזט באמערקן, אז ער געדענקט שוין נישט מער די פרטים, נאָר ברעקלעך זענען געבליבן אין זיין זכרון, לאָזט משער זיין, אז דאָס איז מסתמא געווען אן ערך 1832 אָדער א ביסל שפעטער.

גערינגג דערציילט, אז יעדער יאָר ווערן אין ווארשע געגעבן דריי (?) פאָרשטעלונגען אין א טאנצזאַל פון א שענק, וואָס טראָגט דעם אויסטער־לישן נאָמען: „אונטער די דריי נעגערס". אין יענעם לאָקאַל קומען זיך צונויף דייטשע געזעלן, טרינקען און פארווײַלן זיך מיט טענץ.

אַט איז זיין באַשרייבונג:

„דער טעאַטער איז תמיד אָנגעפּילט מיט יידן און קריסטן און מיט א געשטאַנק. די קריסטן נישט געקוקט אויף דעם רעליגיעזן און ערנסטן כאַראַקטער פון די פּיעסעס, קענען זיך נישט איינהאַלטן און מאַכן די סאַמע סקאַנדאַליעזע געשפּעטן און טומלעניש, וואָס דאָס שטעלט אָפּט מאָל די יידן־שפּילערס אויף דער בינע אין א פאַרדראָסיקער פאַרלעגנ־הייט. איך וואָלט געהאַט א גרויסע באַפרידיקונג, ווען איך וואָלט געקענט מיינע לייענערס אַריינפירן אין אַט דעם טעאַטער. זיי וואָלטן דעמאָלט באַ־קומען א באַגריף פון יידישער בילדונג אָדער לכל הפּחות פון דעם יידישן שיינגייסט, און זיי וואָלטן דערפון געשעפּט נחת. צום באַדויערן שפּילט דער טעאַטער נאָר פרילינגצייט, און איצט איז ווינטער. איך קען נאָר דערציילן א פּאָר מטושטשע פּרטים, וואָס זענען געבליבן אין מיין זכרון. די פּיעסעס, הויך פּאָעטישע פאַבריקאַטן פון אן אונטער־רב [?] [מסתמא א מלמד], האַלטן אין זיך טיילן פון די געשיכטעס מיט יוספן אָדער משהן — פאַרפאַסט אין דייטש־יידישע גראַמען. בלויז איין ציטאַטע איז מיר געבליבן אין זכרון, און זי לייענט זיך אן ערך אַזוי:

און עס איז געקימען משה מיט דעם שטעקן
און האָט געשלוגן צו אַל דער שרעקן
אין דאָס גרויסע פעלזן־געשטיין
און אַרויסגעקימען איז גאַנץ בלאַנק און ריין
א קוועלן וואַסער גאָר וונדערשיין.

„דער וואָס האָט אָפּגעגעבן דעם באַריכט וועגן דעם דאָזיקן וונדער־נייס איז געשטאַנען פאַרן קעניג פּרעה, וואָס איז געזעסן אויף א טרוין. בעת מעשה האָט ער געפּוצט דאָס ליכטל מיט די פינגער [ווייל עס האָט שלעכט געברענט — י. ש.]. דערווייל איז אן אַנדער בחור, וואָס איז געווען פאַר־שטעלט פאַר א פרוי (די רבנים דערלויבן נישט, אַז מיידלעך זאָלן שפּילן טעאַטער), אַוועקגעלאָפן הינטער די קוליסן ברענגען א שער צו פאַרריכטן

דעם קנויט פון ליכטל. דאָס איז געווען אַ מין עקסטרע שפּיל אָדער פריי־וואטע שפּיל״.

דאָס איז דער נוסח פון דעם אינטערעסאַנטן באַריכט, וואָס פון אים איז קלאָר, אַז דער טעאַטער האָט געשפּילט פּורים־צייט (פרילינג) און אַז עס איז געווען אַ „רעפּערטואַר״־טעאַטער (געשפּילט נישט נאָר איין פּיע־סע וועגן משה רבינו, נאָר אויך אַ „מכירת־יוסף״ און זיכער אַן „אחשוורוש־שפּיל״). אונדזער באַריכטער איז בייגעווען נאָר איין פאָרשטעלונג, ווען מען האָט אויסגעפירט אַ „משה רבינו־שפּיל״.

לאָמיר קודם כל לאָקאַליזירן דעם פּלאַץ, וועגן וועלכן גערינג דער־ציילט. דעם דאָזיקן פּלאַץ, אַ שענק פאַר „עמך״, רופט ער אָן „אונטער די דריי נעגערס״. אין וואַרשע איז צו יענער צייט געווען אַ שענק מיט אַ טאַנץ־זאַל אַ״נ „זילבערנער זאַל אונטער די דריי נעגערס״, וואָס האָט נאָך עקזיסטירט אַרום 1860.

אין אַ באַשרייבונג פון יענער צייט לייענען מיר, אַז דער „זילבער־נער זאַל אונטער די דריי נעגערס״ איז געווען דער מקום־מקלט פאַר די אָרימע בעלי־מלאכות. דאָס איז געווען אַ גרויסער זאַל מיט אַ גאַלעריע, וואָס האָט אַרומגערינגלט דעם גאַנצן שטח פון זאַל. דאָרט אַהין פלעגט קומען נישט נאָר דער שטאָטישער פּראָלעטאַריאַט, נאָר אויך פּריצישע בחורים פלעגן זיך אַריינכאַפּן אַ קוק טון, ווי דאָס „פאָלק״ לעבט אַ גוטן טאָג. דער זאַל גופא האָט געמוזט זיין גאָר אַ גרויסער, ווייל עס ווערט דערציילט, אַז הונדערטער פּאַרלעך האָבן געקענט טאַנצן אַ ווילדע פּאָלקע אָדער אַן „אָבערעק״. טאַנצן פלעגט מען דאָרטן אין די קריסטלעכע חגאות און יעדער זונטאָג. אַלע פּאָלקס־מאַסקאַראַדן פלעגן אויך דאָרטן פאַר־קומען.

צום באַדויערן דערציילט אונדז נישט דער מחבר פון דער באַשריי־בונג, ווו עס האָט זיך געפונען דער דאָזיקער זאַל; עס וואָלט געווען זייער וויכטיק, כדי פעסטצושטעלן, צי דער יידישער טעאַטער האָט געשפּילט אין די געטאָ־גאַסן אָדער מחוץ זיי. אַז דאָס איז דער זאַל, וואָס גערינג דערמאָנט אין זיין באַריכט, איז אָן ספק. מיר ווייסן, אַז אין די זיבעציקער און אכציקער יאָרן פלעגן די וואַרשעווער זאַלן און זומער־טעאַטערס

פארדונגען ווערן פאר פארשידענע יידישע פאָרשטעלונגען און מאסקנ־בעלער *).

עס לייגט זיך שטארק אויפן שכל, אז אין דעם „זילבערנעם זאל אונטער די דריי נעגערם״ האָט געשפילט א יידישער אָרקעסטער, ווי דאָס איז געווען צו יענער צייט כמעט אין אלע ווארשעווער פארוויילונגס־פלעצער.

נערינגס א מיטצייטלער דערציילט, אז ער האָט געהערט אין ווארשע א „כאָר פון יידישע מוזיקאנטן, וואָס פירט אוים גלענצנד טאנצמוזיק. באזונדערס גוט שפילן זיי א פּאָלאָנעז אין אזא אמתן פּוילישן גייסט, אז די בעסטע אויסלענדישע קינסטלער וואָלטן נישט געקענט אזוי שפּילן **).

איצט לאָמיר זיך באמיען פעסטצושטעלן דעם מקור פון דער פּיעסע וועגן משה רבינו.

פון 1838 האָבן מיר צוויי באריכטן וועגן א יידישן טעאטער אין ווארשע, אין וועלכע עס ווערט דערמאָנט די אויפפירונג פון א פּיעסע א״נ „מאָזעס״.

אין איינעם פון זיי ווערט געמאָלדן, אז ווארשע פארמאָגט א יידישן טעאטער, ווו „אקטיאָרן פירן אויף פּיעסעם פון דער נאציאָנאלער געשיכ־טע אין דעם יידיש־דייטשן דיאלעקט״.

דערביי ווערט אינפאָרמירט, אז דער אָנפירער פון טעאטער, יצחק שווישפּילער (אין אן אנדער באריכט: שערצשפּילער, ד״ה בדחן), איז דער מחבר פון א ריי נישט געדרוקטע טעאטער־שטיק אין „דייטש־יידישן דיא־לעקט״ און אז ער איז טאקע דער מחבר פון דער פּיעסע „מאָזעס״, וואָס פארמאָגט א סך „דערהויבענע געדאנקען, געשריבן אין שילערס נוסח״.

---

*) אין „גאזעטא פּאָלסקא״ האָט שענקעוויטש געדרוקט (אין 1875-76) אינטערעסאנטע פעליעטאָנען וועגן די גערטנער־טעאטערס און וועגן דעם יידישן עולם. ער דריקט זיך אוים, אז „מען הערט דאָרט די שפראך פון פראנציסקאנער גאס (ציטירט לויט „איזראעליטא״, 1886).

**) אין א קאָרעספּאָנדענץ פון ווארשע אין דער „אלגעמיינער צייטונג דעס יודענטומס״ ווערט געזאָגט, אז „צום גרעסטן טייל באשטייען די עפנטלעכע אָרקעסטערס פון פּוילן פון יידן. עס זענען פאראן צווישן זיי א סך ווירטואָזן״ (יאָר 1838).

אין א צווייטן באריכט געפינען מיר מער פּרטים וועגן דער פּיעסע „מאָזעס", געשריבן אין שילערס נוסח. עס ווערט דערציילט, אז דאָס איז א דראמע אין פינף אקטן, טיילווייז אין גראמען און טיילווייז אין פּראָזע, און אז זי פאַרמאָגט גוט געצייכנטע כאראקטערן, אייניקע העכסט דראַמאטישע סיטואציעס און א שפּראך „וואָס דערמאָנט די געהויבענע פּשטות פון תנ"ך".

אזא אטעסטאציע איז צו גוט פאַר א פּיעסע, וואָס, לויט ווי מען קען משפּטן פון די פּאָר ציטירטע שורות ביי גערינגן, איז זי ניכער א פאָלקס־פּיעסע איידער א דראמע מיט דראמאטישע סיטואציעס און כאַראקטערן.

די פּיעסע „מאָזעס", וואָס וועגן איר שרייבט דער באריכט, האָט גאָרנישט וואָס צו טון מיט א יידיש־דייטשן טעאטער, נאָר מיטן פּ ו י ל י ש ן. דער גאנצער באריכט איז א מיסטיפיקאציע, וואָס איר קרבן איז געפאלן די „אלגעמיינע צייטונג דעס יודענטומס", און די הכחשה, געדרוקט אין דעם זעלבן וואָכנבלאט (1839, 12), איז נענטער צום אמת, ווי די פאנטאסטישע מעשה וועגן א ווינער אקטיאָר און פּיעסן־שרייבער וואָס קומט קיין ווארשע, און דער גענעראל ב ע ר ג ווערט דער באשיצער פון א „יידישן־דייטשן" טעאטער, אאז"וו.

די פּיעסע „מאָזעס", א דראמע אין פינף אקטן אין פערזן אין „סטיל פון שילער", האָט אָנגעשריבן נישט דער פּיקטיווער י צ ח ק ש ו י ש פּ י ל ער, נאָר דער דייטשער טעאטער־דירעקטאָר, דראמאטורג און טעאטער־טעאָרעטיקער א ו י ג ו ס ט ק ל י נ ג ע מ א ן (1777—1831). ער האָט געשטאמט פון ברוינשוויג, שטודירט אין יענא און איז געוועזן נאָענט מיט די דייטשע ראָמאנטיקער, 1813 איז ער שוין געווען דירעקטאָר פון טעאטער אין ברוינשוויג. ער האָט אָנגעשריבן זייער א סך דראמעס אין נוסח פון שילערן.

„ווי א דיכטער —שרייבט א דייטשער פאָרשער—, איז ער געווען אויפן האלבן וועג צווישן שילערן און דער ראָמאנטיק. ער האָט אין דער זעלבער צייט אָנגעשריבן עפּעס פון דעם מין פון שילערס „טעל". ער האָט ליב געהאט געשטאלטן פון א גרויסן פאָרמאט, ווי ל ו ט ע ר, ק ר אָ מ־ וו ע ל, ק אָ ל ו מ ב ו ס, מ ש ה, א ה א ס פ ע ר". ווייטער ווערט

זועגן אים אינפארמירט, אז אין דער ליטעראַרישער קאמפּאניע קעגן שי־לערן, וואָס טיק האָט געפירט, איז ער געוועזן אין דער „פראָנט־ליניע פון פאַרטיידיקן דעם מחבר פון „ווילהעלם טעל״.

קלינגעמאן, וואָס מאַרטערשטייג באמערקט וועגן אים, אז ער האָט געהאט א „קליינעם טאלאנט, וואָס האָט צום באדויערן פּרובירט גרויסע טראגישע פּראָבלעמען״, איז אָבער געוועזן א גוטער קענער פון טעאטער און דערפאר זענען די פּיעסעם זיינע געוועזן בשעתו זייער א גייאיקע סחורה.

די פּיעסע: „משה״, א דראמאטישע פּאָעמע אין פינף אקטן מיט א פּראָלאָג, האָט קלינגעמאן געהייליקט ישראל יאקאָבסאָן, דעם פּרעזידענט פון דער איזראעליטישער קאָנסיסטאָריע אין קאסעל, און דאָס איז זייער כאראקטעריסטיש פאר יענער תקופה פון „פּראקטישער״ עמאנציפּאציע אין דייטשלאנד.

די פּיעסע „מאָזעס״ איז אין 1821 איבערגעדרוקט געוואָרן אין ווין און איז אָפט מאָל געשפּילט געוואָרן אין עסטרייך, דייטשלאנד און נאָך אָפטער אין פּוילן.

דעם 7טן דעצעמבער 1821 איז קלינגעמאנס „משה״ אויפגעפירט געוואָרן אויף פּויליש אין לעמבערג. אין יענער צייט האָט דער פּוילישער טעאטער אין לעמבערג געמוזט זיך רעכענען מיט די יידישע באזוכערס, וואָס האָבן אָפט באזוכט דייטשע פאָרשטעלונגען. יידן האָבן אויסגעמאכט א דריטל פון דער אלגעמיינער צאָל איינוווינער פון דער שטאָט.

דעם 13טן נאָוועמבער 1827 האָט מען די דאָזיקע דראמע געשפּילט אין ווילנע א״נ „משה, אָדער דאָס אריבערגיין פון די יידן דורכן ים־סוף״. דער פּלאקאט פון דער ווילנער אויפפירונג איז זייער אינטערעסאנט און דערמאָנט אונדז דעם רעקלאמע־נוסח פון אמעריקאנער און ווארשעווער טעאטערס פאר 1914. עס איז כדאי דעם דאָזיקן דאָקומענט צו ברענגען אין א יידישער איבערזעצונג: „געערט פּובליקום! אונדזער געזעלשאפט האָט באשלאָסן פאָרצושטעלן מיט א פיינער פּאָמפּע זיבן מכות, וואָס א דאנק זיי האָט משה געצוואונגען פּרעהן ארויסצולאָזן דאָס פאָלק ישראל פון מצרים, ווי פייערדיקע רעגנס, שרעקלעכער האָגל, פארבייטן וואסער אין בלוט, שרעקלעכע פינצטערנישן, מוראדיקע אויפציטערן פון לופט א״א.

דאָס וועט אַלץ זיין אויסגעפירט מיט דער גרעסטער פּינקטלעכקייט, אַזוי ווי דער מחבר גופא, הער קלינגעמאַן, וואָס איז באַקאַנט מיט זיינע ווערק, פאָדערט דאָס". עס איז זיכער, אַז קלינגעמאַנס „משה" איז געשפּילט געוואָרן אין וואַרשע אין פּוילישן טעאַטער. מיר ווייסן, אַז אַן ערך אין 1840 האָט דער פּוילישער אַקטיאָר קראָליקאָווסקי געשפּילט די הויפּטראָלע אין קלינגעמאַנס פּיעסע „אַהאַספער", וואָס האָט געהייסן אויף פּויליש: „דער ייד־וואַנדערער".

יידישע פּיעסעס אין פּוילישן טעאַטער זענען צו יענער צייט געווען אַ גייאיקע סחורה. אין לעמבערג האָט מען געלעקט די פינגער פון אַ מעלאָדראַמע וועגן די מאַקאַבעיער, אין וואַרשע — פון פּיעסעס מיט אַ פּילאָסעמיטישן אינהאַלט. עס איז אויך כאַראַקטעריסטיש, אַז אין דער זעלביקער צייט האָט מען אין ווין נישט געלאָזט שפּילן קיין פּיעסעס, וואָס באַליידיקן די יידן, זייער רעליגיע, מאָראַל אאַז"וו *).

פון דעם איז קלאָר, אַז די פּיעסע „משה", וואָס וועגן איר דערציילט אונדז געררינג אין זיין באַריכט, האָט גאָרנישט וואָס צו טון מיט דער פּיעסע „מאָזעס", וואָס וועגן איר ווערט דערציילט אין דער „אַלגעמיינער צייטונג דעס יודענטומס". די לעצטע איז קלינגעמאַנס חיבור און איז זיכער געשפּילט געוואָרן אויף פּויליש און נישט אויף יידיש.

בלייבט נאָך צו געפינען אַ טעקסט פון אַ פאָלקסשפּיל אין נוסח פון די פּורים־שפּילן, וואָס זאָל קענען זיך אַריינפּאַסן אין די סצעניש ראַמען פון דער אויפפירונג, וואָס וועגן איר דערציילט אונדז געררינג.

אין יאָר 1867 איז אין וואַרשע אַרויס אַ יידיש ביכל א"נ „מאָזעס אָדער דאָס בעפרייאונג דער יזראַעליטען אויס עגופּטען, געמאַכט דורך שלמה בדחן ז"ל. אין דער דרוק געבערענגט דורך זיין ברודער הירש גדלי בעגלייא מיט נייע צוגאַבען", בדפוס יצחק ראָטהער (71 זייטן. צווישן זייטן 20 און 25 איבערגעהיפּט די פּאַגינאַציע).

*) דער דייטשער רייזנדער קאָל, וואָס האָט באַזוכט גאַליציע אין 1840, שרייבט, אַז די לעמבערגער יידן זענען גרויסע ליבהאָבער פון טעאַטער, „דער פּאַרטער איז אַלע מאָל שוואַרץ פון מענער־כאַלאַטן, און אין די לאָזשעס בלישטשען די שטערנטיכלעך פון די יידישע פרויען באַזעצט מיט פּערל".

פון דעם שער־בלאט ווערט קלאָר, אז דער בדחן שלמה בעלוי, וואָס האָט פארפאסט די דאָזיקע פּיעסע א״נ „מאָזעס״ (נישט משה), איז אין 1867 שוין נישט געווען צווישן די לעבעדיקע, דער ברודער זיינער, גדליה, איז באקאנט ווי א מחבר פון א ריי אינטערעסאנטע פאָלקסביכלעך, וואָס זענען ארויס אין די יאָרן 1858—1867. עס איז נישט אויסגעשלאָסן, אז דער כתב־יד פון ברודערס פּיעסע „מאָזעס״ שטאמט נאָך פון די פערציקער יאָרן, ד״ה פון דער תקופה, ווען מען האָט אין ווארשע געשפּילט אזא פּיעסע.

די פּיעסע „מאָזעס״ איז געשריבן אין א גוטן, פאָלקסטימלעכן יידיש. איינציקע שפּראכיקע רודימענטן אין דער דאָזיקער געגראמטער שפּיל זאָגן עדות אויף אן עלטערן אפּיר. די פּיעסע פארמאָגט פינף אקטן מיט אן עפּילאָג א״נ „זיבטע פאהרשטעלונג״, אין וועלכער משה מיט א כאָר יידן וואָס גייען ארויס פון מצרים „זינגען שירה צו גאָט״.

די פּיעסע פארמאָגט א רשימה פון פּערזאָנען. יעדער אקט איז פארטיילט אין סצענעס. די רעמארקעס זענען זאכלעך, די האנדלונג האָט א טעמפּאָ, די טעכניק פון די דיאלאָגן איז א סך א בעסערע, ווי אין די אונדז באקאנטע פּורים־שפּילן. בכלל שטייט די גאנצע פּיעסע שוין אויפן שוועל פון ליטעראטור און האָט בולטע סימנים פון א טעאטראלישער געניטשקייט. אין דער פּיעסע זענען פאראן א פּאָר געזאנג־נומערן. דער עפּילאָג איז אין גאנצן אין נוסח פון א זינגשפּיל.

אמת, מיר האָבן די פּאָר שורות, וואָס גערינג ציטירט, אין דער פּיעסע נישט געפונען. אָבער דאָס איז נאָך קיין ראיה נישט, ווייל גדלי בעלוי זאָגט בפירוש, אז ער האָט עפּעס „צוגעגעבן״ צו זיין ברודערס פּיע־סע, און דאָס דארף פארשטאנען ווערן, אז ער האָט געענדערט דאָ און דאָרטן. עס איז קלאָר, אז אזא פּיעסע ווי „מאָזעס״ פון שלמה בדחן איז געוואָרן אויפגעפירט אין דעם „זאָל אונטער די דריי נענערס״ און נישט די שוועררע דראמע פון קלינגעמאנען, דעם עפּיגאָן פון שילערן, וואָס זיין פּיעסע איז געוואָרן אויפגעפירט כמעט אין דער זעלבער צייט אין ווארשע אויף פּויליש און א סך פריער אין ווילנע און אין לעמבערג.

אין דער זעלבער צייט (אין 1839) האָט א ווארשעווער ייד, איי־נער דוד טורקוס, באקומען א דערלויבעניש צו געבן א כ ט פאָרשטע־

לונגען אויף יידיש. דאָס איז אים אָנגעקומען מיט גרויסע שוועריקייטן, ווייל די רוסישע מאכט אין ווארשע האָט געפסקנט, אַז אַזעלכע „פּריוואַטע פאָרשטעלונגען גראָבן אונטער דעם געזעלשאפטלעכן טעאַטער, ווייל די צאָל טעאַטער־באַזוכערס איז בכלל נישט קיין גרויסע — און אַזוי ווי דער טעאַטער האָט אַלגעמיינע, גרויסע הוצאות, דעריבער דאַרף מען זען אים צו שטיצן מיט אַלע מעגלעכע מיטלען".

עס איז כאַראַקטעריסטיש און ביז גאָר וויכטיק פאַר דער ווייטערדיקער פאָרשונג פון דער געשיכטע פון יידישן טעאַטער אין דער ערשטער העלפט 19טן יאָרהונדערט, אַז נישט אַזוי רעליגיעזע אָדער אויפקלערערישע מאָטיוון האָבן געשפּילט אַ ראָלע ביים באַשטימען די רעכט צו שפּילן יידיש טעאַטער, נאָר די מורא, אַז יידן וועלן אויפהערן צו באַזוכן די נישט־יידישע טעאַטערס, אַזוי באַלד ווי זיי וועלן האָבן אַ געלעגנהייט צו גיין זען אַ פאָרשטעלונג אויף יידיש.

די קהילה האָט אויך געשטעלט גרויסע מניעות, וואָס זענען געווען געדרונגען פון אַ רעאַלער פּאָליטיק פון אירע פּרנסים. די אָרטאָדאָקסן האָט מען געקענט צופרידן שטעלן מיט רעליגיעזע ראיות אויפן פאַרבאָט, די „פּראָגרעסיווע" מיטן ביטול צום „זשאַרגאָן" און אויך מיט דעם, וואָס דער פּוילישער טעאַטער איז אַ שולע פון אַסימילאַציע.

פונדעסטוועגן איז טורקוסן געראָטן צו באַקומען די דערלויבעניש, מיט אַ תּנאי נישט צו שפּילן אין אַן עפנטלעכן פּלאַץ, נאָר אין אַ פּריוואַטן.

אין 1840 האָט איינער דוד העלין זיך געווענדט צו דער וואַרשעווער מאַכט און געבעטן אַ דערלויבעניש אויף פּופּצן פאָרשטעלונגען. ער האָט זיך שוין געקענט פאַררופן אויף דער דערלויבעניש, וואָס טורקוס האָט באַקומען מיט אַ יאָר צוריק.

העלין האָט געבעטן, אַז מען זאָל אים דערלויבן צו געבן די פאָרשטעלונגען אין מיליטערישן מאַנעזש אויף קרולעווסקע־גאַס. די פּרייזן פון בילעטן האָבן געזאָלט זיין: ערשטע פּלעצער — דריי גילדן און פינף גראַשן לטובת אָרימע לייט; צווייטע פּלעצער — צוויי גילדן; דריטע — איין גילדן.

העלינען איז נישט אָנגעקומען גרינג צו באַקומען אַ דערלויבעניש,

ווייל די קהילה האָט פּראָטעסטירט. די מאכט גופא האָט נישט געהאַט קיין גרויס חשק צו לאָזן שפּילן יידיש טעאַטער אין א „קאַזיאָנעם מאַנעזש״.

דעם 4טן מאַרץ 1840 האָט גענעראל שיפּאָוו, דער פּאַרוואַלטער פון דער קאַנצעלאַריע פון וואַרשעווער גענעראַל־גובערנאַטאָר, דערלאַנגט א „זאַפּיסקע״ צום נאַמעסטניק פּאַסקעוויטש, אַז אויב מען וועט דערלויבן העלינגען צו שפּילן טעאַטער אויף יידיש, איז נישט אין מאַנעזש, נאָר ווי מען האָט עס געטון מיט א יאָר פריער, ד״ה נאָר אין א פּריוואַטן פּלאַץ.

אָבער דאָס מאָל האָט די פּשרה נישט געהאָלפן. די מאַכט האָט געהאַלטן, אַז אפילו א פּריוואַטע פאָרשטעלונג גראָבט קודם כל אונטער די עקזיסטענץ פון די אַלגעמיינע טעאַטערס, און שנית: די „גבאים פון דער סינאַגאָגע״ זענען אויף דעם נישט מסכים. דערפאַר דאַרף מען העלינגען אָפּזאָגן.

פּאַסקעוויטש האָט באַשלאָסן, אַז כל זמן די גבאים זענען נישט מסכים אויף שפּילן טעאַטער, איז בעסער אָפּזאָגן די בקשה פון העלינגען.

דעם 12טן אַפּריל 1840 האָט דער פּאָליציי־מייסטער געמאָלדן דער קהילה, אַז „אויב אַזעלכע פאָרשטעלונגען קענען באמת אַרויסרופן עפּעס אַן אומצופרידנקייט ביים „דאָזאָר״, אָדער זענען קעגן דער יידישער אמונה, איז שוין בעסער אָפּצוזאָגן העלינגס בקשה, ביז ער וועט אויספועלן א דערלויבעניש ביים „דאָזאָר״.

פאַרשטייט זיך, אַז די קהילה האָט קיין דערלויבעניש נישט געגעבן. מיט דעם איז אָבער נישט אָפּגעשטעלט געוואָרן די טעאַטראַלישע טעטי־קייט אויף דער יידישער שפּראַך. פּונקט ווי אין 1837, האָט די זעלבע קהילה זיך משתדל געווען, אַז מען זאָל נישט דערלויבן א גרופּע יידן אויפצופירן א פּורים־שפּיל, ווייל עס איז „אוממאָראַליש״, און האָט נישט אויסגעפּועלט. אַזוי איז אויך געווען שפּעטער, און מסתמא אויך פריער.

אין 1849 האָט דער וואַרשעווער „דאָזאָר״ אַפּעלירט צום עולם אין א ספּעציעלן כרוז, אַז מען זאָל זיך נישט מאַסקירן פּורים; דאָס באַווייזט, אַז מען האָט נישט געקענט אָפּשטעלן די היסטאָריאָנישע מנהגים פון פאָלק. „דער אַלטער געברויך, זיך אם פּורים צו מאַסקירן —לייענען מיר אין דעם דאָזיקן כרוז— אונד זאָ אין דען גאַססען בייא בעלי בתים הערום

צוגעהען, מעהר אום געלד אב צונעהמען, אלס צור פארוויילונג איזט ניכט מעהר איבר איינשטיממענד מיט דעם יעצטיגען לעבענסארט [?] אונד איזט אָפט זאָגאר אונאנשטענדיג. דעסהאלב פאָרדערט אויף דער דאָזאָר בוד־ניצי דיא גבאים דבתי כנסיות, דאָס זיא זאָללען מזהיר זיין להצבור בשעת קריאת המגילה, דאס מען זאלל פערמיידען דען גדאכטען, יעצט אונאנ־שטענדיגען געברויך (מנהג) אונד צוגלייך אויפמערקזאם מאכן, דאס דורך דיא קליינסטע אונרוהע, וויא אויך דורך דאס הערומגעהען אין מאסקען אונד פערקליידעט אין דען גאססען, אָדער אין פרעמדע הייזער, ווירד מאן צור געהעריגען פעראנטווארטליכקייט בעצאגען ווערדען".

די דאָזיקע הזהרה איז זייער כאראקטעריסטיש, ווייל גראָד ווארשע־ווער פורים־מאסקאראדן האָבן געהאט א שם. איינע פון זיי איז אפילו פאראייביקט געוואָרן אין א גראוויר פון 1840.

מיט דעם שעפּט זיך דערווייל אוים דער מאטעריאל וועגן יידישן טעאטער אין ווארשע אין דער ערשטער העלפט 19טן יאָרהונדערט.

II

די צווייטע ידיעה וועגן א יידיש טעאטער אין ווארשע שטאמט פון יאָר 1866.

אין יענעם יאָר איז געקומען קיין ווארשע א קאָמפּאניע יידישע זינגערס, וואָס „מען רופט זיי: בדחנים אָדער מארשאליקס". די דאָזיקע טרופּע האָט אָנגעהויבן שפּילן יידיש טעאטער אין א גערונגענעם זאל אויף ג ז ש י ב אָ וו.

גזשיבאָוו איז צו יענער צייט געווען דער „חסידישער קווארטאל" און א טעאטער בכלל און א יידיש טעאטער בפרט האָט נישט געקענט נושא־חן זיין אין די אויגן פון די דאָרטיקע יידישע איינוווינער. בפרט, אז דער רעפּערטואר איז באשטאנען פון פּיעסעס פון סאטירישן כאראק־טער. ספּעציעל האָט מען דאָרטן אויסגעלאכט די חסידים.

די חסידים האָבן געמאכט א ויצעקו. געזידלט די שפּילער, געווּרפן זיי עזי פנים און סוף כל סוף האָבן די שפּילער געמוזט זיך פון דאָרטן אָפּטראָגן. זיי האָבן איבערגעטראָגן זייערע פאָרשטעלונגען אויף נאלעווקעס.

דערווייל איז זיך אַ טייל פון דער טרופּע צעלאָפן און עס זענען נאָר געבליבן צוויי הויפּט־אַקטיאָרן און די איבעריקע זיבן אָדער אַכט מענטשן, וואָס האָבן אַנטייל גענומען אין די פאָרשטעלונגען, זענען געווען סטאַטיסטן און כאָריסטן.

געשפּילט האָבן זיי אין אַ טעאַטער, וואָס דער שרייבער אין „המליץ״, פון וואַנען מיר נעמען די דאָזיקע ידיעות, רופט אָן „אוהל מועד״ (באַלאַגאַן). דאָס טעאַטער האָט פאַרמאָגט אַ דריי הונדערט פּלעצער *). אַריינגאַנג האָט געקאָסט 10 און 15 קאָפּיקעס. בשעת די אַנטראַקטן האָט געשפּילט אַ מיליטער־אָרקעסטער. אַלע פּיעסעס, וואָס מען האָט דאָרט געשפּילט, האָבן געטראָגן אַ סאַטירישן כאַראַקטער. מען האָט אויסגעלאַכט די שטרעבונג צווישן די יידישע אָרימע קלאַסן צו לעבן איבער די כוחות, די אָפּטע באַנקראָטן, וואָס זענען אַ פּועל־יוצא פון אַזאַ לעבן און אַלע מיאוסע זייטן פון דעם יידישן לעבן בכלל און פון די חסידים בפרט.

דאָס דאָזיקע „אַנטיחסידישע״ טעאַטער געפעלט זייער דעם שרייבער פון „המליץ״. ער בענטשט די אַקטיאָרן פאַר זייער מוט צו אויסלאַכן די חסידים און פאַרענדיקט זיין בריוו אַזוי:

„יברך ה׳ חיל מעריכי המחזות למען יחליפו כח ויוסיפו ללכת בדרכיהם לענג ולתועלת, והיו מעשיהם אלה לרצון לכל מפלגות בני עמנו ולברכה בקרב הארץ **).

פון די פּאָר איינצלהייטן, וואָס דער שרייבער פון „המליץ״ גיט

---

*) המליץ 1867, דער שרייבער חתמעט זיך אונטער וואַליו, ער גיט איבער די דאָזיקע איינצלהייטן אין נאָמען פון אַ באַקאַנטן רוסישן שרייבער, וואָס האָט אָפּגעדרוקט אין אַ רוסישן זשורנאַל די דאָזיקע אינפאָרמאַציע. לויידער רופט ער נישט אָן נישט דעם זשורנאַל און נישט דעם שרייבער — און אַלע מיינע באַמיאונגען פעסטצושטעלן די קוועלע זענען דערווייל נישט געקרוינט געוואָרן מיט אַ דערפאָלג. ביי דער דאָזיקער געלעגנהייט בעט ער אַנדערע צו דערציילן מער־פּרטים וועגן דעם דאָזיקן טעאַטער.

**) „זאָל גאָט דערמוטיקן די איינאָרדנער פון די פאָרשטעלונגען, זיי זאָלן האָבן כוח און זאָלן ווייטער גיין אין די וועגן פון שאַפן גענוס און נוץ, און זייערע מעשים זאָלן צופרידנשטעלן אַלע שיכטן פון אונזער פאָלק און זיין אַ ברכה פאַרן לאַנד״.

איבער, איז צו זען, אז מיר האָבן דאָ צו טון מיט די בראָדער זינגערס אָדער מיט אן ענלעכער קאָמפּאַניע, וואָס האָט אויפגעפירט קורצע דיאַ־לאָגן, איינאַקטערס אאז״וו. אויף דעם איז אונדז מרמז דער באַשטאַנד פון דער טרופּע.

די געזעלשאַפטלעכע טענדענצן פון די אויפגעפירטע פּיעסעס האָבן נישט אומזיסט געפונען א וואָרימען אָפּקלאַנג ביי דעם מחבר פון דעם בריוו אין „המליץ״. זיי האָבן געשטימט מיט די משכּילישע טענדענצן פון יענער צייט און גאָלדפאַדנס ערשטע קאָמעדיעס זענען אינגאַנצן אין דעם זעלבן גייסט ווי די, וואָס די בדחנים אין וואַרשע האָבן אויפגעפירט.

שטעלט מען זיך אָפּ נאָך אויף די איבעריקע איינצלהייטן פון דעם אינטערעסאַנטן באַריכט, ווי דער מיליטער־אָרקעסטער בשעת די אַנטראַקטן, דאָס טעאַטער פאַר 300 מענטשן אאז״וו, דאַן ווערט אונדז קלאָר, אז אין 1866 יאָר האָט אין וואַרשע געשפּילט א פּראָפעסיאָנעל טעאַטער אָדער א קאָמפּאַניע מיט א לפי ערך ברייטן טעאַטראַלן פאַרנעם. לויט דער צייט און לויט די דעמאָלטיקע אומשטענדן.

ליידער שעפּט זיך אויס מיט דעם דערמאָנטן באַריכט די ידיעה וועגן דעם דאָזיקן טעאַטער.

עס וואָלט געווען זייער כדאי דורך אן אנקעטע אַרויסצובאַקומען פון די אַלטע וואַרשעווער תּושבים עפּעס מער וועגן דעם דאָזיקן טעאַטער.

עס איז דאָך אינגאַנצן מיט זעכציק יאָר צוריק, און עס לעבן מסתּמא נאָך מאַנכע פון די, וואָס האָבן אין זייערע יינגלישע יאָרן בייגעוווינט דאָס שפּילן פון דעם „אַנטיחסידישן״ טעאַטער אויף די נאַלעווקעס.

III

דאַנעגן וועגן דעם יידישן טעאַטער, וואָס האָט אָנגעהויבן צו שפּילן אין וואַרשע אין יאָר 1868, פאַרמאָגן מיר אביסל מער ידיעות.

דעם 24סטן אָקטאָבער 1868 האָט אויף מוראַנאָווער פּלאַץ, אין א ספּעציעל אויסגעבויטן בנין (מסתּמא א הילצערנעם), אָנגעהויבן צו שפּילן א „טרופּע פון יידישע אַרטיסטן אונטער דער דירעקציע פון בעלאַו״.

ווער איז דער דאָזיקער בעלאו, ווייסן מיר נישט *).

די ערשטע פאָרשטעלונג, וואָס זיי האָבן געגעבן, איז „יעקב מיט זיינע זין", א ביבלישע דראמע, וואָס איז פארטיילט געוואָרן אין צוויי טיילן און געשפּילט געוואָרן צוויי אָוונטן: איין אָוונט האָט מען געשפּילט: „יעקב מיט זיינע זין" און א צווייטן אָוונט — „יוסף אין מצרים".

לויט דער מיינונג פון רעצענזענט אין „איזראעליטא", האָט דער דירעקטאָר בעלאו, אורטיילנדיק אויפן סמך פון אויסוואל פון די סצענעס און זייער צוזאמענשטעל, ארויסגעוויזן א „געוויסע פאך־קענטניש און אפילו נישט ווינציק דראמאטיש געפיל".

וואָס איז שייך אָבער דאָס שפּילן און זינגען, דאַרף דער אורטייל זיין זייער א רעלאטיווער. דער רעצענזענט האלט, אז פון א „קונסט־שטאנדפונקט" וועט די אָפּשאצונג פון דעם שפּילן מוזן אויספאלן אומ־גינסטיק.

---

*) זאָל דער דאָזיקער בעלאו זיין אידענטיש מיט גדלי בעללאה, וואָס האָט אין יאָר 1857 ארויסגעגעבן אין ווארשע א ביכל מיט זייער א טשיקאווער הקדמה א״נ „פון שטערן אָדער קאָמעט". (32 ז)? נישט האָבנדיק קיין שום מא־טעריאלן אין דעם ענין, קען איך נישט אורטיילן איבער דעם. אויב עס וועט זיך מיט דער צייט לאָזן פעסטשטעלן די אידענטישקייט פון דעם דירעקטאָר פון יידישן טעאטער מיטן מחבר פון דעם ביכעלע — דאן איז פאר אונז קלאָר, אז דאָס טעאטער איז געווען יידיש און נישט דייטש — ווייל זיין ביכל איז יידי־שיסטיש אין גייסט און נוסח. אין דער הקדמה ווענדט ער זיך צום לעזער בזה הלשון:

גיטער לעזער! אז דיא וועסט ביים לעזין דאָ דרינען
די פערמישטע און פערדרייטע ווערטער געפינען
לאָז דיר דאָס ניט זיין קיין וואונדער
יעדערער וויס, אז בייא אינס יודישע קינדער
בעונותינו הרבים! ווייניג פערהאנדין זענגין,
ער זאָלל איין אנדרע לשון פערשטיין קעננין.
לאך זע ניט פריינד! פאָן מיין שרייבין,
ליבער וויל איך, איין נאהר בלייבען,
אז דער נאר וואָס דאָס ביכעל האָט געליענט,
האָט גיט פארשטאנגען, וואָס מען מיינט.

(דער שיר איז אן אקראָסטיק, וואָס ברענגט ארויס פון די ערשטע אותיות אין דער לענג דעם נאָמען: גדלי בעללאה).

אָבער נעמענדיק אין אכט, אז די אונטערנעמער גופא פּרעטענדירן נישט אויף קיין קונסט און אז די דאָזיקע ביבלישע פאָרשטעלונגען זענען באַשטימט פאר געוויסע שיכטן פון דעם יידישן פאָלק — דארף מען צו־געבן, אז „דאָס שפּילן און דאָס זינגען פון די אקטיאָרן ווי אויך דער גאנצער אנסאמבל״ שטייגט איבער אלץ, וואָס מען וואָלט בכלל געקענט דערוואַרטן פון מענטשן „וואָס האָבן זיך קיינמאָל נישט געבילדעט אין קונסט און וועמענס פוס האָט קיינמאָל נישט באטראָטן די בינע־ברעטער״. א פּאָר פאָרווורפן מאכט דער רעצענזענט פאר די נישט פּאסיקע קאָס־טיומען און דעקאָראציעס.

פון דעם גאנצן אנסאמבל ווערט דערמאָנט נאָר איין אקטיאָר, א גע־וויסער ווארמאן, וואָס האָט געזונגען די ראָל פון יעקב.

צום סוף פון דער רעצענזיע גיט דער אָרגאן פון אסימילאטאָרן אזא אָפּשאצונג:

„אין אלגעמיין —הגם מען זעט נישט קיין אוממיטלבארן נוצן פון די דאָזיקע פאָרשטעלונגען פארן פאָלק— דארף מען דאָך צוגעבן, אז דאָס איז דער ערשטער סימן פון אן עסטעטישן באדערפעניש, וואָס וועקט זיך אין די נידעריקע קלאסן זיינע און אז די פאָרשטעלונגען קענען אין א גרויסער מאָס מיטהעלפן אין דעם דערהויבן און אנטוויקלען דאָס דאָ־זיקע געפיל״.

מער ידיעות וועגן דער דאָזיקער פּיעסע און דער אויפפירונג גיט אונדז א ווארשעווער קאָרעספּאָנדענט פון אן ענגלישער צייטונג *).

אין איינעם פון זיינע בריוו, באטיטלט „א יידיש טעאטער אין ווארשע״, דערציילט ער, אז די ווארשעווער יידן האָבן פאר זיך אליין א דראַ־מאטישע אינסטיטוציע. מען רופט זי „דאָס איזראעליטישע טעאטער״. די פּראָגראמען זענען געדרוקט אין דייטש, רוסיש און אין דער „פאר־באָטענער שפּראך״, פּויליש. אין פּראָגראם ווערט געזאָגט, אז „טאלענ־

---

*) איבערגעדרוקט אין "Pall Mall Gazette" (26 December 1868) "Jewish Messenger" (22 יאנואר 1869) נומ. 4. איך באנוץ זיך מיט דער צווייטער קוועלע, אויף וועלכער עס האָט מיך אויפמערקזאם געמאכט קאָלעגע ש. ניגער.

טירטע שפילער פון משה רבינוס גלויבן״ וועלן שפילן אין דער דייטשער שפראך א ביבלישע דראמע אין פיר אקטן, וואָס איז אנטנומען פון דער געשיכטע מיט יוספן. דער מחבר פון דער דאָזיקער געגראַמטער דראמע און פון די לידער — איז בעלאו.

די צאָל פון די פּערזאָנען אין דער פּיעסע איז גענוג גרויס, די האנד־לונג קומט פאָר אין יעדן אקט — אויף אן אנדער אָרט.

לויט די אינפאָרמאציעס, וואָס דער קאָרעספּאָנדענט האָט באקו־מען, זענען די מעלאָדיעס צו די לידער אנטנומען פון פארשידענע קאָמ־פּאָזיטאָרן, ווי מייערבער, מאָצארט און אנדערע.

די טרופּע האָט איינגאנצן נישט קיין פרויען און דער „ליידנשאפט־לעכער דועט צווישן יוסף און פּוטיפרס פרוי (ליידנשאפטלעך, סוף כל סוף נאָר פון איין צד!) איז אָנפארטרויט צוויי יונגע יידן״.

„דאָס קען אפשר אין עמעצנס אויגן פארקלענערן די ריכטיקייט פון דער דאָזיקער סצענע — באמערקט דער ענגלישער רעצענזענט — אָבער אין דער אמתן פארמאָגט די דאָזיקע סצענע א מערקווירדיקן גראָטעסק־גייסט און פאר א מערב־אייראָפּעאישן קריסט, וואָס באזוכט דאָס דאָזיקע טעאטער, וועט די גאנצע מעשה אויסקומען גאָר אויסטערליש, א בורלעסק״.

דעם זעלבן איינדרוק פון גראָטעסק מאכט אויך דאָס צונויפמישן די ביבלישע עפּיזאָדן מיט מאָדערנע אָפּערע־אריעס.

וועגן דעם פּובליקום — ווייסט ער אונדז צו דערציילן — אז די „ווארשעווער יידן הערן זיך צו צו דער פאָרשטעלונג רואיק און מיט דרך ארץ און ווייזן אוים צו זיין גערירט אזוי ווי מיר, קריסטן, זענען געווען גערירט אין מיטל־אלטער, בעת מען האָט אויפגעפירט די מיסטעריעס און די מיראקל־שפּילן״.

וועגן די פּרייזן פאר בילעטן ווערן מיר געוואָר פון דעם זייער רע־דעוודיקן ענגלישן קאָרעספּאָנדענט, אז פון יעדן בילעט, וואָס קאָסט א האלבן רובל, א רובל און העכער, ווערט צוגערעכנט פינף פּראָצענט פאר די אָרימע.

„וואָס פאר א מאָטיוו זאָלן נישט זיין דערביי — באמערקט ער — די אָרימעלייט געניסן דערפון: און די יידישע אָרימעלייט אין ווארשע זענען באמת זייער אָרים״ — פארענדיקט דער קאָרעספּאָנדענט.

און נאָך א דריטער רעצענזענט שילדערט אונדז דאָס דאָזיקע טעאַ־טער פון „אַקטיאָרן פון משה רבינוס גלויבן" אין ווארשע.

דאָס איז דער קאָרעספּאָנדענט פון דעם רוסיש־יידישן וואָכנבלאַט „דיען" (דער טאָג), וואָס איז צו יענער צייט דערשינען אין אָדעס *).

ער האָט באזוכט א פאָרשטעלונג אין „איזראעליטישן טעאטער" שבת דעם 5טן נאָוועמבער 1870, ד"ה צוויי יאָר נאָך דעם, ווי די ערשטע פאָרשטעלונג איז געגעבן געוואָרן.

דאָס מאָל האָט מען געשפּילט א היסטאָרישע דראמע: „יהודית", פאַרפאסט פון דעם זעלבן דירעקטאָר בעלאו. לויט דעם אויספירלעכן איינ־האַלט, וואָס ער גיט איבער אין א ביסל אָן איראָנישן טאָן, ווי עס פאסט פאר א משכיל רוסיפיקאטאָר, איז דאָס די געשיכטע פון יהודית און הולו־פרנס, דראַמאַטיזירט אין פיר אקטן מיט געזאנג.

דאָס טעאטער איז געווען פול געפּאַקט מיט יידן און מיט קריסטן.

„איך האָב זיך אנידערגעזעצט אויף מיין פּלאַץ און געווארט מיט אומגעדולד, אז דער פירהאנג זאָל זיך אויפהויבן" — שרייבט ער.

דאן דערציילט ער דעם ספּור־המעשה פון די אלע סצענעס, פון וואָס עס איז צו זען, אז די טרופּע האָט געהאט גאָר א גרויסן פּערסאָנאַל, אויב זי האָט געקענט אויפפירן אזא פּיעסע מיט אזוי פיל אנטיילנעמער.

דער צופעליקער רעצענזענט קריטיקירט זייער שטארק דאָס ווערק גופא ווי אויך דאָס שפּילן. ער האַלט, אז מען האָט געשפּילט זייער שלעכט.

איצט וועלן מיר זיך אָפּשטעלן אויף דער פראגע: אין וואָס פאר א שפּראַך האָט די טרופּע געשפּילט?

דער „איזראעליטא" שרייבט, אז זיי האָבן געשפּילט דייטש; דער ענגלישער קאָרעספּאָנדענט באמערקט אויך, אז די פאָרשטעלונגען זענען געשפּילט געוואָרן אין דייטש, אין „דער אוניווערסאלער שפּראַך פון די יידן אין צענטראל־אייראָפּע".

---

*) „דיען" נומ. 47, 1870. דער מחבר פאררופט זיך אויך אויף א נאָטיץ אין „ווארשאווסקי דניעוניק" פון 1870. ליידער באזיצט כ'נישט קיין שום אמע־ריקאנער ביבליאָטעק די ווארשעווער צייטונגען פון יענער תקופה און דעריבער קען איך נישט ברענגען יענעם ציטאט.

ער גיט אָבער צו, אז זייער אויסשפּראך איז נישט קיין ריכטיקע און איז כאראקטעריסטיש פאר יידן און נישט פאר דייטשן.

דער רוסיש־יידישער קאָרעספּאָנדענט איראָניזירט גאָר שטארק אי־בער דער „דראמע אין דער דייטשער שפּראך״ און זאָגט, אז אין זייער אויסשפּראך „האָט מען געהערט טאקע גאָר פיין דעם זשארגאָן״.

עס איז קלאָר, אז די דאָזיקע טרופּע פון „יידישע ארטיסטן״, וואָס האָבן געשפּילט אויף דעם מוראנאָווער פּלאץ „ביבלישע״ פּיעסעם פאר די „נידעריקע שיכטן פון דעם יידישן פאָלק״ אין א טעאטער, וואָס האָט געהייסן „דאָס איזראעליטישע טעאטער״ — אז די דאָזיקע טרופּע האָט געשפּילט יידיש, נאָר זי האָט זיך פארשטעלט אונטער א דייטשער מאסקע מסתמא צוליב צענזור־טעמים און צוליב דער אוממעגלעכקייט צו באקו־מען א דערלויבעניש צו שפּילן יידיש. ווייל ווי אזוי קען מען זיך פאָר־שטעלן, אז אין דעם נעסט פון די יידישע פאָלקס־מאסן זאָל מען שפּילן דייטש און דאָס טעאטער זאָל זיין אלעמאָל געפּאקט און אז די פאָרשטע־לונגען זאָלן האָבן אזא דערפאָלג.

סוף כל סוף זענען דאָס נישט געווען קיין גאסטראָלן פון א וואנ־דערנדיקער טרופּע, נאָר א שטענדיק שפּילן אין משך פון איבער צוויי יאָר יעדן שבת. אזא לאנגן דערפאָלג האָט געקענט ביי די יידישע פאָלקס־מאסן האָבן נאָר א יידיש טעאטער. מוזן מיר אָננעמען דעם דייטשן שילד פאר א מאסקע, וואָס איז ארויפגעצווונגען געוואָרן אויף דער דאָזיקער טרופּע פון דילעטאנטן, וואָס זענען געגאנגען אין דער ריכטונג פון דעם אלטן יידישן פּורים־שפּילער און מהנה געווען דעם עולם מיט די באליבטע, גוט באקאנטע פּיעסעס ווי „מכירת יוסף״, „יהודית־שפּיל״ און אנדערע.

עס איז אויך קלאָר, אז אין דער פּערזאָן פון דעם דירעקטאָר בעלאו האָבן מיר נישט קיין פארפאסער נאָר ריכטיקער א פּלאגיאטאָר פון פאָלקס־שפּילן, וואָס ער האָט מסתמא „באארבעט״ און צוגעשטעלט צו זיי קור־פּלעטן און איינגעלאָדן א דייטשן קלעזמער, א געוויסן שולצע, ער זאָל אינסטרומענטירן מעלאָדיעס פאר די דאָזיקע לידער.

סך־הכל האָט זיך מיר איינגעגעבן ביז איצט צו געפינען שפּורן

פון פינף פאָרשטעלונגען. מען דאַרף צוגעבן, אַז די וואַרשעווער פּרעסע האָט דאָס טעאַטער אינגאַנצן פאַרשוויגן. דער „איזראעליטא" האָט געגעבן נאָר איין רעצענזיע פון דער ערשטער פאָרשטעלונג. שפּעטער האָט מען אנאָנסירט נאָר אַזעלכע פאָרשטעלונגען, וואָס זייער הכנסה איז געווען באַשטימט פאַר אַ צדקה־צוועק. אפילו קיין אנאָנסן האָט דאָס טעאַטער אין ערגעץ נישט געדרוקט *).

1) די ערשטע פאָרשטעלונג איז געווען דעם 24סטן אָקטאָבער 1868 אויף דעם מוראַנאָווער פּלאַץ. געשפּילט האָט מען „יעקב אונד זיינע זעהנע".

2) דעם 12טן נאָוועמבער 1868 — די זעלבע פאָרשטעלונג.

3) דעם 15טן מערץ 1870 האָט מען געשפּילט אַ פּיעסע א"נ „די יידן אין מדבר". די פאָרשטעלונג איז געגאַנגען צום „בענעפיס" פון דעם אַקטיאָר ד. שוואַרצבאַרט. דאָס מאָל האָט מען געשפּילט אין צירק ראַפּפּאַ. דער בענעפיסאַנט האָט מיט אַ ספּעציעלער מודעה איינגעלאַדן דאָס „איזראעליטישע פּובליקום".

4) דעם 22סטן מערץ 1870 האָט מען געשפּילט לטובת דער „אָבראָנע" פאַר די „איזראעליטישע" יינגלעך אין וואַרשע. לויט אַ פינאַנס־באַריכט פון דער פאָרשטעלונג איז צו זען, אַז אין טעאַטער זענען געווען 240 מענטשן און די ריינע הכנסה האָט באַטראָפן 150 רובל. געשפּילט האָט דאָס „איזראעליטישע" טעאַטער אין „אַלקאַזאַר".

5) דעם 17טן אַפּריל 1870 האָט די טרופּע געשפּילט אין אַלקאַזאַר לטובת דעם אַקטיאָר וואַרמאַן. דאָס איז געווען מסתמא דער הויפּטשפּילער, ווייל אין אַן אנאָנס ווערט דער דאַזיקער וואַרמאַן שטאַרק גע־

---

*) איך אורטייל נאָר לויט די צוגענגלעכע קוועלן. עס וואָלט געווען אַ יושר, אַז עמעצער אין וואַרשע זאָל אויפזוכן די כּוּיטיקע מאַטעריאַלן אין דער פּרעסע פון יענער צייט, ווי: „קוריער וואַרשאַווסקי", „וואַרשאַווסקי דניעווניק", „גאַזעטאַ וואַרשאַווסקאַ" אאַ"וו. און זיי פאַרעפנטלעכן.

ליובט פאר שפילן „די ערשטע ראָל ״אין דער פאַרשטעלונג לטובת דער „אַכראַנע״, פון וואָס דאָס פובליקום איז געווען זייער צופרידן.

ווען דאָס דאָזיקע טעאַטער איז אונטערגעגאַנגען, איז מיר נישט באַקאַנט.

אין 1875 האָט דער „איזראַעליטא״ אָפּגעדרוקט אַן איבערזעצונג פון לעווס דייטשן אַרטיקל איבער „טעאַטער און מוזיק ביי יידן״.

אין שייכות מיט די יידישע פורים־שפּילן, וואָס ווערן דערמאָנט אין דעם דאָזיקן אַרטיקל, מאַכט די רעדאַקציע אַ באַמערקונג, אַז „מיט עטלעכע יאָר צוריק האָט אַ דילעטאַנטישע יידישע טרופּע אויף דעם מוראַנאָווער פּלאַץ געשפּילט אַזעלכע פּיעסעס. פון דער באַמערקונג איז צו זען, אַז אַן ערך 1870 אָדער 1871 האָט די טרופּע אויפגעהערט צו שפּילן און אַז דאָס שפּילן אין „צירק ראַפּאַ״ אָדער אין „אַלקאַזאַר״ איז געווען צופעליק און אַז שטענדיק האָט מען געשפּילט אויף דעם מוראַנאָווער פּלאַץ.

דער טערמין: „דילעטאַנטישע יידישע טרופּע״ באַווייזט, אַז מען האָט געשפּילט יידיש און נישט קיין דייטש, ווייל מען וואָלט נישט פאַרביטן די דאָזיקע צוויי באַגריפן. דער טערמין „זשאַרגאָן״ איז נאָך צו יענער צייט נישט געווען אין געברויך ביי דעם „איזראַעליטא״, נאָר דווקא דאָס וואָרט „יענזיק זשידאָווסקי״ — דעמאָלס, ווען אין דער רוסישער פּרעסע און ספּעציעל אין דער רוסיש־יידישער האָט מען זיך באַנוצט מיט דעם טערמין „יידיש־דייטשער דיאַלעקט״ *).

---

*) אַזוי למשל שרייבט זאַרגענשטיין וועגן דער יידישער פּרעסע (דרך אגב סימפּאַטיש) ווי וועגן „טשאַסאָפּישמיענניצטוואָ זשידאָווסקיע״. צום ערשטן מאָל ווערט באַנוצט דער נאָמען „זשאַרגאָן זשידאָווסקי״ איצט אין 1879 אין אַן אַרטיקל פון אַדאָלף קאָן, וועלכער האָט געפאָדערט, אַז מען זאָל זיך משתדל זיין ביי דער געהעריקער מאַכט, זי זאָל פאַרווערן צו דרוקן ביכער אין „זשאַרגאָן״ און דערמיט אָפּשטעלן דאָס פאַראייביקן אים. ביז יענער צייט איז אָבער די באַציאונג געווען אַ טאָלעראַנטע און ספּעציעל, ווען עס האָט זיך געהאַנדלט וועגן דעם יידישן טעאַטער, איז די דאָזיקע באַציאונג געווען פאַרבליבן נאָך אין גאָלדפאַדנס תקופה.

די מאָגערע מאַטעריאַלן, וואָס איך גיב דאָ איבער, באַווייזן, אַז וואַרשע האָט געהאַט אַ יידיש טעאַטער פאַר גאָלדפאַדענען און אַז דאָס דאָזיקע טעאַטער איז געווען אַ פּראָפעסיאָנעל טעאַטער מיט הויפּט־אַק־טיאָרן, בענעפיסן אאַז״וו..

עס וואָלט געווען כדאי אַ זוך צו טון אין אַרכיוו פון דער צענזור! אפשר וועט זיך דאָרטן געפינען מער מאַטעריאַל, וואָס זאָל אויספּירלע־כער באַלויכטן דעם אינטערעסאַנטן, לחלוטין אומבאַקאַנטן, פאַקט פון אַן עקזיסטענץ פון אַ יידיש טעאַטער אין וואַרשע אין די יאָרן 1868—1870.

(„יידיש טעאַטער" 1928)

אין דראנג צו טאָטאלער אסימילאציע

(דער פאל אלעקסאנדער קרויזהאר)

> Die Kehrseite der Assimilation war der verloren gegangene Respect vor der eigenen Vergangenheit.
>
> Max Wiener

1. א שטודיע אין טאָטאלער אסימילאציע

אין דער דאָזיקער ארבעט האָט זיך דער מחבר געשטעלט פאר א ציל אָפּצומאָלן א פאל פון אסימילאציע, וואָס איז כאראקטעריסטיש פאר דער געשיכטע פון דער יידישער אינטעליגענץ אין פוילן, און גיט א בילד פון דעם ווי עס איז געגאנגען די פּאָלאָניזאציע אין דער צווייטער העלפט פון 19טן יאָרהונדערט.

פאר דעם צוועק איז אויסגעקליבן די געשטאלט אלעקסאנדער קרויזהאר, וואָס ער איז געבוירן געוואָרן מיט 100 יאָר צוריק ביי יידישע עלטערן און איז געשטאָרבן מיט צוועלף יאָר צוריק ווי א פרומער קאטויל.

דער דאָזיקער אויסקלייב איז באַרעכטיקט צוליב א סך טעמים. קודם כל דער לאנגער שפאן פון זיין לעבן (געבוירן אין דער גרויזאמער תקופה פון פאסקעוויטשעם ממשלה, געשטאָרבן אין זעלבשטענדיק, פוילן), וואָס דאָס מאכט מעגלעך אָן אידעאלן קווערשניט דורך די אידעאישע פּראָצעסן וואָס זענען פאָרגעקומען אין קאָנגרעס־פוילן; והשניה

די וואָגיקע געזעלשאַפטלעכע און אקאדעמישע פּאָזיציע פון דעם דאָזיקן מענטשן אין דער פּוילישער וועלט.

אונטער טאָטאַלער אסימילאַציע ווערט פאַרשטאַנען דאָס אָרגאַני־שע אַריינוואַקסן פון אַ יחיד אין דעם גייסטיקן קערפּער פון דער אַרומי־קער קולטור־ספערע, וואָס קען נישט אויסגעטייטשט ווערן נאָר מיט קאַר־יעריסטישע כוונות און אוטיליטאַרע מאָטיוון. עס איז נישט קיין פּראָ־צעס פון אַ גוט געפּלאַנטן צופּאַסן זיך און אַריינוועבן זיך אין דער סביבה פון דעם שטאַרקן אַרום. דער דאָזיקער פּראָצעס איז אַ פּאַמעלעכער, דער־פאַר אַ גרינטלעכער, אַ פולשטענדיקער, דערפאַר אַזוי רייך אין אילוסטראַ־טיוון מאַטעריאַל.

אָפּערירנדיק מיט מאַקס וועבערס טעאָריע *) פון וויסנשאַפטלעכער דערקענטעניש, דאַרף געזאָגט ווערן, אַז מיט אַ ווערט־משפּט קען מען נישט אויפקלערן דעם דאָזיקן פענאָמען. דער פאַקט גופא, וואָס פאַלן פון טאָטאַלער אסימילאַציע זענען דווקא אָפּט פאַראַן אין לענדער, ווו דער ייִדישער יחיד פאַרשטאַרקט זיין אסימילירן זיך אין אַ פאַרקערטער פּראָ־פּאָרציע צו דער אומאַסימילירלעכקייט פון דער גרויסער אַרומיקער ייִדי־שער מאַסע — איז אויך זייער וויכטיק פאַר אונדזער פּראָבלעם. מוסטערן פון טאָטאַלער אַסימילאַציע איז גרינגער צו געפינען אין אונגאַרן, רו־מעניע, ביימען און פּוילן, ווי אין מערב־אייראָפּע, ווו זיי זענען געווען בנימצא אין 18טן יאָרהונדערט.

דער טאָטאַל אסימילירטער טיפּ אידענטיפיצירט זיך קודם־כל מיט דער פאַרגליווערטער פאָרם פון דער הערשנדיקער קולטור, וואָס ער אַנער־קענט ווי די איינציקע, אויטענטישע עמאַנאַציע פון איר נאַציאָנאַלן מהות. דערפאַר זענען די דאָזיקע טיפּן ש ר יי ב ע ר ס בכלל און ה י ס־ט אָ ר י ק ע ר ס בפרט. דער פאַקט פון דענקען און שרייבן אין דעם לשון פון דער מדינה אַסימילירט נאָך נישט טאָטאַל. אַ ייִד אַ מאַטעמאַ־טיקער אין דער פּוילישער שפּראַך איז נישט אין אַזאַ מאָס אַן אָרגאַני־

*) מאַקס וועבער (1864—1920) באַרימטער דייטשער סאָציאָלאָג און עקאָ־נאָמיסט. געשאַפן אַ טעאָריע, אַז אין דער געשיכטע שאַצט מען נישט, נאָר מען אַנאַליזירט.

שער טייל פון דער פּוילישער קולטור ווי א ייד א היסטאָריקער פון פּויּ־לישן עבר. דער דאָזיקער עבר ווערט דעפינירט אין טערמינען פון נאַ־ציאָנאַל־טראַדיציאָנעלער דערקענטעניש. אויף אזא אופן באשטימט שוין די טעמאטיק ממילא אויך דעם דיאפּאזאָן פון נאציאָנאלער אָנגעלאָדנ־קייט ביי דעם טאָטאלן אסימילאַטאָר. אין דעם פּרט זענען גוטע אילוס־טראציעס יוליאן (יהודה) קלאטשקאָ (1826—1907), ווילהעלם (וועלוול) פעלדמאן (1868—1919), סטאניסלאוו (זלמן) פּאָזנער, דער פּוילישער סאָציאליסט *).

איבער 70 יאָר האָט קרויזהאר זיך פארנומען מיט היסטאָרישע פאָרשונגען. ער איז געווען מער א גריבלער, א פּלייסיקער אנטיקווארישער פאָרשער פון פּוילישן עבר איידער א שעפערישער, אָריגינעלער היסטאָרי־קער־סינטעטיקער. זיין טעמאטיק שפּיגלט אָפּ דעם קולטור־ניוואָ פון א פּוילישן מיטל־שליאכטשיץ, וואָס האָט ליב זיך גריבלען אין א משפּחה־אלבום אָדער Silva rerum ווי מען האָט באטיטלט אזא משפּחה־פּינקס. דער גרויסער שריפטשטעלערישער און קאָנסטרוקטיווער טאלענט פון דעם לובלינער יידן שמעון אשכנזי (1866—1935) האָט איבערגעלאָזט אין שאָטן נישט נאָר קרויזהארן, נאָר כמעט די גאנצע פּוילישע היסטאָריאָ־גראפיע מיטן אויסנאם אפשר פון יאָאכים לעלעוועל (1786—1861).

קרויזהאר איז געווען מער א שווימער אויף דער אויבערפלאך פון די צופעליקע היסטאָרישע פאקטן וואָס זיין האנט האָט נאָר געקענט דער־גרייכן. דערפאר אָבער איז ער מער כאראקטעריסטיש ווי א דורכשניט־פאָרשער וואָס האָט זיך געפילט גליקלעך מיט זיינע צושטייערישע ארבעטן פאר דער „פאָטערלענדישער" היסטאָריאָגראפיע. בעת אזא גאון ווי אשכנזי, וואָס האָט דווקא שטארק שטאָלצירט מיט זיין יידישקייט, האָט געהאט א קריטישע באציאונג צום פּוילישן עבר, אמת א גאנץ קאָנסער־וואטיווע, האָט אָבער קרויזהאר קיין מאָל נישט קריטיקירט, נאָר תמיד פארהערלעכט אלץ וואָס איז פּויליש.

נישט אין זכות דעריבער פון קרויזהארס ווימנשאפטלעכע אויפטועו

*) סטאניסלאוו פּאָזנער, א פּירנדיקע פיגור אין דער פּפּ״ס, אן אייניקל פון שלמה זלמן פּאָזנער, א בארימטן כלל־טוער פון מתנגדישן לאגער אין פּוילן.

ווערט אָט די ארבעט געשריבן. די דאטע — 100 יאָר זינט קרויזהאר איז געבוירן געוואָרן — ווערט דאָ אויסגענוצט ווי א געלעגנהייט צו באריִרן די פּראָבלעם פון טאָטאלער אסימילאציע.

2. דער זיידע און דער פאָטער

בעת דעם אויפשטאנד פון 1831 האָט מען אין ווארשע געשאפן צוויי יידישע מיליטער־פארמאציעס: א נאציאָנאלע גווארדיע און א שטאָטישע מיליץ. אין דער ערשטער האָט מען אָנגענומען נאָר אזעלכע וואָס זענען געווען גרייט מקריב צו זיין זייערע... בערד אויפן מזבח פון לאנד און זיך אָנטון „דייטשע" קליידער. אין דער שטאָטישער מיליץ האָט מען אָנגענומען די „בערדיקע" עלעמענטן, ד"ה פון די פרומע שיכטן פון דער יידישער באפעלקערונג.

אין איין אָפּטיילונג פון דער שטאָטישער מיליץ, וואָס זי איז אָרגאניזירט געוואָרן אין פינפטן צירקל אויף טווארדע און האָט געציילט 142 מאן, איז צווישן די דריי געהילף־קאָמענדאנטן געווען א ייד מיטן נאָמען מאיר קרויזהאר. דאָס איז געווען דער זיידע פון אלעקסאנדער קרויזהאר. מען האָט געמוזט זיין אן אָדם־חשוב און אויך א ביסל פארמעגלעך, ווייל די קאנדידאטן האָבן זיך אליין באדארפט איינשאפן מונדירן און געמוזט קענען די פוילישע שפּראך. א האלבער משכיל און א האלבער מתנגד, א טיפּ אגב וואָס איז נישט געווען קיין זעלטענע דערשיינונג אין פוילן, האָט מאיר קרויזהאר פאקטיש אויסגענוצט די כלומרשטיקע מיליטער־דינסט ווי א גוטע געלעגנהייט זיך צו עמאנציפּירן פון דעם אָרטאָדאָקסישן הילוך; ער האָט א פּנים סיי ווי געוואָלט פון אים פּטור ווערן, אָבער פריער האָט ער דאָס נישט געקענט פועלן ביי זיך.

מאיר קרויזהאר האָט זיך באפריינדט מיט עטלעכע משכילישע שרייבערס. באזונדער האָט ביי אים נושא חן געווען דער זאמאָשטשער משכיל פישל שיפער, וואָס זיינע חיבורים האָט ער געשטיצט. מאיר קרויזהארס נאָמען פיגורירט אויך אין די „רשימות הפרענומעראנטין" פון א גאנצער ריי משכילישע ווערק אין פוילן.

ער איז געווען א ייד א סוחר וואָס האָט געהאט א גוטן נאָמען אין

דער ווארשעווער קהילה. די אומשולדיקע „מיליטערישע״ קאריערע אין דער שטאטישער מיליץ האט אים פאליטיש נישט פארשאט און ער האט ווייטער געפירט זיינע געשעפטן. — דאס איז אלץ, וואס מען ווייסט וועגן מאיר קרויזהארן.

ער האט געהאט א זון מיטן נאמען הערשל, וואס האט זיך שפעטער משנה־שם געווען אויף הערמאן. דער דאזיקער זון איז געבוירן געווארן אין ווארשע, אין 1815. הערמאן קרויזהאר האט שוין באקומען א „האלב־גויאישע״ דערציאונג. דער יידישער טייל פון זיין דערציאונג איז באשטאנען אין לערנען לשון־קודש ביי א פריוואטן לערער און אויך א ביסל רעליגיע, לויט די דעמאלס זייער פאפולערע יידישע קאטעכיזמען. וואס עס קומט פאר ביי יידן אין דער גארער וועלט האט ער געוווסט פון דער Allgemeine Zeitung des Judentums וואס ער האט אויסגעשריבן פון דייטשלאנד. ער האט חתונה געהאט מיט א טאכטער פון א „פראגרעסיוון״ יידן און האט אנגעהויבן צו האנדלען מיט ווערטפאפירן. אין 1849 איז ער באשטימט געווארן פאר אן אגענט פון דער ווארשעווער בערזע. דאס האט געמיינט, אז ער האט באקומען דאס רעכט צו קויפן און פארקויפן ווערטפאפירן אויף דער בערזע גופא, להיפוך צו דעם רוב יידן וואס זענען געווען נישט קיין קאנצעסיאנירטע אגענטן און האבן געמוזט דאס טון מחוץ דעם בנין פון דער בערזע, פארשטייט זיך בשתיקה. אזא קאנצעסיע ווי הערמאן קרויזהאר האט באקומען איז געווען פאררעכנט צו די סאמע חשובסטע אין דער וועלט פון מסחר מיט אקציעס און סתם ווערטפאפירן. דאס איז געווען א מין פרוזדור אין דעם „גן־עדן״ פון „אמתע״ באנק־געשעפטן.

חוץ דעם האט קרויזהארס פאטער א סך בייגעשטייערט צו דער אנטוויקלונג פון דער ווארשעווער בערזע בכלל. אין 1892 איז ער דערהויבן געווארן צו דער מדרגה „עלטערער אגענט״ און מיטגליד פון דעם בערזע־קאמיטעט; דאס האט געמיינט, אז ער האט געהאט רעכט פון כמעט א באנקיר. אין 1899 האט די ווארשעווער בערזע געפראוועט דעם גאלדענעם יובילייו פון הערמאן קרויזהארס ארבעט (1849—1899). דער יובילאר האט מנדב געווען דריי טויזנט רובל אויף א פאנד צו בויען א הויז

פאַר א האנדל־שול, ווו מען זאָל אָננעמען תלמידים אָן אונטערשיד אין אמונה *).

אלעקסאנדער קרויזהאר האָט געשריבן וועגן זיין פאָטער, אז דאָס איז געווען א מענטש מיט א „הארץ פון א מלאך". „א דאנק זיין אייגע־נער מי האָט ער זיך דערשלאָגן צו ידיעות אין שפראכן און האָט מיר צו־געגעבן חשק צו לייענען ביכער וועגן אלגעמיינער געשיכטע. אים האָב איך צו פארדאנקען די ליבע צום בוך און צו דער פען".

אויב דעם זיידנס נאָמען פיגורירט אין די רשימות פון פרענומע־ראנטן פון משכילישע ספרים אין העברעאיש, פיגורירט שוין דעם טאטנס נאָמען פון צייט צו צייט צווישן די פרענומעראנטן פון דער פוילישער יודאאיקא־ליטעראטור. א באלעבאטישער ייד, א מיטגליד פון דער „דייטשער" שול, האָט ער זיך געפילט א „היגער". ער האָט געהאלטן, אז מען דארף זיך באהעפטן מיט דער לאנד־קולטור און בכלל זיין א „גוטער און נוצלעכער בירגער". אין פאָליטישע פראגעס איז ער געווען א קאלט־בלוטיקער רעאליסט און האָט נישט געגלויבט אין די נאציאָנאל־פאטריאָטישע אידעאלן וואָס האָבן שוין צו יענער צייט טיף באהערשט די מוחות פון א טייל יוגנט, זיינע קינדער אריינגערעכנט. אין די אויגן פון זיין זונס א ביאָגראף איז דער אלטער „פאָן הערמאן קרויזהאר" געווען א „פאָזי־טיוויסטיש־פראקטישער דענקער" וואָס האָט באטראכט פאָליטישע גע־שעענישן פון שטאנדפונקט פון זייער נוצלעכקייט אָדער שעדלעכקייט פאר דער פלוקטואציע פון אינטערנאציאָנאלע ווערטפאפירן אויף דער בערזע.

„אין אונדזער הויז, שרייבט אלעקסאנדער קרויזהאר, פלעגט מען תמיד שמועסן וועגן דער וועלט־פאָליטיק". דער פאָטער האָט די דאָזיקע פאָליטיק אַנאַליזירט קאלטבלוטיק, ווי עס פאסט פאר א מיושבדיקן באַ־לעבאָס, א „פראָגרעסיוון איזראעליט", וואָס זיין אני־מאמין איז געווען אויפהיטן א באקוועמען לעבן־סטאנדארד, זיין חשוב ביי די חשובע פאָ־ליאקן און בלייבן געטריי דעם סעקטאָר פון יידישן ציבור־לעבן, מיט וועלכן ער האָט זיך אידענטיפיצירט.

„אמונה און אָפשטאם האָבן פאר דעם דאָזיקן טיפ נאָר א היסטאָ־

---

*) אלעקסאנדער קרויזהארס פאָטער איז געשטאָרבן אין 1902.

רישן באטייט, האָט פאַרמולירט דער ראש־המדברים פון דער דאָזיקער גרופע הילארי (הלל) נוסבוים, דערפאר אָבער אָנערקענט ער די נויטן פון לאנד און די פאָדערונגען פון כלל ווי זיינע אייגענע, און דאָס באַמיען זיך צו באפרידיקן די דאָזיקע פאָדערונגען האלט ער פאר זיין הייליקסטן חוב״.

ער, דער דאָזיקער „פראָגרעסיווער איזראעליט״, איז קודם כל א קונסט־מעצענאט. ער זאמלט פוילישע אנטיקן, כדי דערמיט אונטערצו־שטרייכן זיין פוילישקייט. ער פארשפרייט בילדונג, שטיצט פוילישע שרייבערס, גיט ארויס זייערע ווערק. וואָס מער היזק עס ברענגט אים דאָס געשעפט פון א פוילישן פארלעגער, אלץ שטארקער איז דער באווייז פון זיין פוילישקייט, פון זיין חשק זיך מתעסק צו זיין לשמה, נישט חס־וחלילה צוליב רווחים. אין צדקה־ענינים מאכט ער נישט קיין אונטערשיד צווישן ייד און נישט־ייד. דערפאר גיט ער מער אויף נישט־יידישע זאכן. אין דער יידישער סביבה שטרייכט ער שטארק אונטער זיין פוילישקייט, אין דער פוילישער געזעלשאפט לאָזט ער פאלן א וואָרט וועגן זיין שייכות צו... משה רבינו. אין מלוכה־פראגעס איז ער א לעגאליסט. ער האלט פון תלמודישן פרינציפ: דינא דמלכותא דינא, הגם אונטערן דרוק פון דעם פאטריאָטישן טייל פון דער פוילישער געזעלשאפט שטיצט ער בסוד־סודות א באוועגונג וואָס איז סותר דעם דאָזיקן פרינציפ. אין ענינים פון לאנד פילט ער זיך ווי א „היגער״ און תמיד באטאָנט ער זיין סאָלידארישקייט מיטן כלל, ווי א גלייכער מיט גלייכע.

דאָס איז דער פּאָרטרעט פון הערמאן קרויזהאר.

3. די ווארשעווער רעאל־גימנאזיע

זיינע צוויי זין אלעקסאנדער (געבוירן אין 1843) און לודוויק האָט הערמאן קרויזהאר געגעבן א גוטע דערציאונג. אלעקסאנדער האָט באזוכט די פּאָוויאטאָווע (עלעמענטארע) שול נומער דריי, אויף דער לעש. שפּע־טער איז ער געווען א תלמיד פון דער ווארשעווער רעאל־גימנאזיע, וואָס זי איז געווען א מוסטערשול אין גאנץ פוילן. געשאפן איז זי געוואָרן אין 1843 מיטן ציל צו דערציען א פוילישע יוגנט אין גייסט פון „רעאלע

קענטעגישן", ווי דער פּלאַצהאַלטער פּאַסקעוויטש האָט עס פאָרמולירט, כּדי אָפּצוציען די יונגע מוחות פון יענע ראָמאַנטישע חלומות וואָס לערנען ליטעראַטור און געשיכטע איז גורם צו אַנטוויקלען. אָבער די רוסישע מאַכט האָט זיך שטאַרק טועה געווען אין אירע הנחות: דווקא אָט די גימנאַזיע איז געוואָרן דער שמידצענטער פאַר דער פּוילישער נאַציאָנאַלער אידעע. ס'רוב מיטגלידער פון דער געהיימער פּוילישער רעגירונג בעתן אויפשטאַנד פון 1863 זענען געווען לערערס דווקא פון אָט דער רעאַל־גימנאַזיע. אויך די תּלמידים האָבן זיך אויסגעצייכנט אין אויפשטאַנד און אַ סך קאָנספּיראַטיווע פעדעם האָבן געפירט פון און צו דעם דאָזיקן לערן־אַנשטאַלט.

„די וואַרשעווער רעאַל־גימנאַזיע, אַטעסטירט אַן עמיגראַנטישער פּוילישער זשורנאַל אין 1857, גיט אַרויס אַ יוגנט וואָס איז בעסער צוגעגרייט נישט נאָר פון שטאַנדפּונקט פון קענטעניש, נאָר אויך מיט אַן ערנסטערן בליק אויף דער וועלט, מיט אַ מער יוגנטלעך האַרץ און אַ מוח וואָס איז מער פעאיק אויפצונעמען אידעלע איינדרוקן".

דאָס רוב תּלמידים זענען געווען פון אָרימע עלטערן. אויב די בעסער סיטואירטע עלטערן האָבן אַהין געשיקט זייערע קינדער, איז דאָס געווען מחמת דעם וואָס דער פּעדאַגאָגישער מצב פון דער שול איז געווען זייער אַ הויכער און וואָס צווישן די לערערס זענען געווען באַרימטע געלערנטע און הייסע פּוילישע פּאַטריאָטן. הגם מען האָט שטאַרק באַגרענעצט די צאָל שעהען פאַר ליטעראַטור און געשיכטע, האָט אָבער דאָס אינטענסיווע לערנען און דער שטענדיקער קאָנטאַקט צווישן די לערערס מיט די תּלמידים מחוץ די ווענט פון דער שול פאַרגיטיקט מיט אַן עודף די צייט־באַגרענעצונג פאַר די דאָזיקע לימודים. די צאָל יידישע תּלמידים איז נישט געווען קיין גרויסע, אפשר נישט מער ווי אַ מנין, אָבער יעדערער פון זיי האָט זיך שפּעטער מיט עפּעס אויסגעצייכנט אין דעם אַלגעמיינעם לעבן פון לאַנד.

צווישן די דאָזיקע יידן־תּלמידים איז געווען היפּאָליט וואַוועלבערג (1843—1901), שפּעטער אַ באַרימטער פילאַנטראָפּ און קולטור־מעצענאַט; אַנטאָני ראָזמאַניט, אַ רעדאַקטאָר פון אַ פּוילישער אונטערערדישער צייטונג, פאַרשיקט קיין סיביר; זיגמונט לויפער, קרוויזהאַרם אַ קרוב,

שפעטער שעף פון דער פרעסע־אפטיילונג ביי דער פוילישער געהיימער־רעגירונג: מיכאל לאנדי, „דער קדוש פון ווארשע״: בעת דער פאטריאָטי־שער דעמאָנסטראציע האט ער אויפגעהויבן דעם צלם וואס איז ארויס־געפאלן פון די הענט פון א דערשאָסענעם גלח און האט דערפאר אליין באצאָלט מיט זיין יונגן לעבן.

די דאָזיקע אינטענסיווע אטמאָספער פון טיפן פוילישן פאטריאָ־טיזם, וואס האט באהערשט די נשמות פון די לערערס און אויך פון די תלמידים, האט פאר דער צייט אלט געמאכט די יונגע בחורים. כמעט יע־דערער פון זיי האט זיך געפילט ווי א רעקרוט פון א פיזיש נאך נישט עקזיסטירנדיקן, אָבער גייסטיק שוין ממשותדיקן אוואנגארד פון פאָטענ־ציעלע סאָלדאטן־קדושים. זיי זענען גרייט געווען מקריב צו זיין זייערע לעבנס פאר דעם אידעאל, וואס די ראָמאנטישע דיכטערס האבן אויסגע־זונגען אין זייערע לידער און וואס די לערערס האבן זיי אויף א קאָנספי־ראטיוון אופן אויסגעטייטשט אין די העכסטע טענער פון פאטריאָטישער עקזאלטאציע.

פאר דער דאָזיקער גרופע יידן־תלמידים האט די יידן־פראגע בכלל נישט עקזיסטירט. אין דרויסן פון זייער אייגענער וועלט, דער וועלט פון דמיונות, האט געלעבט א „פינסטערע״ מאסע וואס פארדינט רחמנות. נאר איר גורל איז אָפּהענגיק פון פוילנס גורל: אָבער וואס פוילנס גורל איז, פארשטייען נאר יחידי־סגולה. אפילו די עלטערן פון די דאָזיקע נאַ־ציאָנאל־פוילישע תלמידים באנעמען נישט דעם אופן דענקען וואס ווערט פארפלאנצט און אנטוויקלט אין די מוחות פון זייערע קינדער. דער על־טערער דור קוקט אויף דער יידן־פראגע דורך מערב־אייראָפּעאישע ברילן, בעת די קינדער ווילן זען אלץ בלויז דורך פוילישע ברילן. אָבער פון דרויסן רייסט זיך אריין אין אומגעריכטע דערמאָנונג און רודערט אויף די יידן־תלמידים אין דער רעאל־גימנאזיע. דער 16יאָריקער בחור אלעקסאנדער קרויזהאר דערציילט דעם דאָזיקן עפיזאָד זייער פרטימדיק אין א בריוו צו זיינעם א קרוב, א בן־עיר, וואס איז אוועק זיך לערנען קיין דייטשלאנד.

4. די ערשטע באַגעגעניש מיט דער יידן־פּראַגע

דאָס איז געווען אין יאָר 1859. אין דער פּוילישער פּרעסע האָט זיך אָנגעהויבן אַן אַטאַק קעגן דער „אינוואַזיע" פון יידן אין פּוילישן קולטור־לעבן. דאָס איז די באַרימטע „יידישע מלחמה", וואָס בדרך כלל איז זי גוט באַקאַנט. א רעדאַקטאָר פון א פּוילישער צייטונג האָט אָנגעקלאָגט אין געריכט א גרופּע חשובע יידישע באַלעבאַטים פון די בורזשואַזע קרייזן, וואָס האָבן אים ווי א פּראָטעסט אויף זיינע אַטאַקן אַריינגעשיקט זייער א שאַרפן בריוו.

אָט ווי א בחור פון 16 יאָר באַשרייבט די דאָזיקע געשיכטע:

„דער קאַמף וואָס האָט ביי אונדז אויסגעבראָכן צוליב דעם אַרטיקל וועגן יידן אין דער „גאַזעטאַ וואַרשאַווסקאַ" וועט האָבן ערנסטע רעזולטאַטן. אויף די גאַסן האָט מען פונאַנדערגעקלעפּט אַנאָנימע פּלאַקאַטן קעגן יידן. העגריק טעפּליץ האָט אָנגעשריבן אַן ענטפער דער צייטונג. צו אים איז צוגעשטאַנען א גרופּע זייער וויכטיקע פּוילישע בירגער. די צייטונג Le Nord האָט אין דער פּראַגע פאַרעפנטלעכט אַן אַרטיקל פון ד"ר האַנדפאָגל, וואָס וואַרפט מיט אומרעכט די שולד פון זשורנאַליסט אויפן גאַנצן פאָלק און וואַרפט אים אויף פאַנאַטיזם און אָפּגעשטאַנענקייט. דאָס האָט געפונען אויך אַן אָפּקלאַנג ביי אונדז אין גימנאַזיע. דער עלטער פּראָפעסאָר פון געאָמעטריע, ווזשעשניאָווסקי, האָט זיך א זאָג געטון פון דער קאַטעדרע: אָט, גיט א קוק צו וואָס ס'איז שוין דערגאַנגען! זיי האָבן די חוצפה אונדז אָפן אויפצוּוואַרפן, אַז מיר זענען שטויב. יעדער איינער ווייס וואָס איך מיין, אָבער לאָמיר זיך א קלאַפּ טון אין האַרצן. מיר אַליין זענען שולדיק אין דעם. אָט למשל, ווער פון דער יונגער חברה דאָ אין קלאַס טראַכט וועגן דעם, אַז ער לערנט זיך, כדי צו קענען שפּעטער העלפן דער „אויטשיזנע", אַז ער זאָל אָפּגעבן זיין הייליקן חוב דער מוטער ערד וואָס האָט אים געבוירן. דאָ טראַכט יעדערער פון אייך וועגן דעם, ווי צו ענדיקן

די גימנאזיע, צו פאַרן קיין פּאריז, דאָרט א הוליע צו טון און צו פטרן דעם רעשט פון פּאַטערס פארמעגן. אזוי דארף נישט זיין. מיר דארפן אלע פארטיידיקן דעם כבוד פון אונדזער פּאַ־טערלאנד״ *).

קרויזהאר קאָמענטירט נישט מיט קיין איין וואָרט די רייד פון זיין לערער פון געאָמעטריע. ער פילט אָבער, אז ער וועט נישט געהערן צו די וואָס וועלן „פארראטן״ דאָס פּאַטערלאנד און פאָרן קיין פּאריז א הוליע טון. אין דער זעלבער צייט פילט ער, אז דער דאָזיקער ענין האָט ווייניק וואָס צו טון מיטן „גאנצן פוילישן פאָלק״, און דערפאר איז ער, דער 16יאָריקער בחור, זיך מצער, וואָס די אטאקן פון דעם פוילישן זשורנאַ־ליסט ווערן אידענטיפיצירט מיטן גאנצן פוילישן פאָלק. ווען די יידישע „פּראָגרעסיסטן״, וואָס האָבן געחתמעט דעם פּראָטעסט־בריוו צום פּוי־לישן רעדאקטאָר, האָבן באקומען תפיסה, האלט דער יונגער תלמיד פון דער רעאל־גימנאזיע, אז דאָס איז „פאטאל״. אין דער זעלבער צייט פילט ער אָבער, אז דער גורל פון גאנצן פוילישן פאָלק איז וואָגיקער פון דעם אינצידענט מיטן רעדאקטאָר. ער איז זייער אומצופרידן, וואָס יידן ווילן זיך באמיען, אז די צענזור זאָל נישט דערלויבן צו דרוקן אנטיסעמיטישע ארטיקלען, ווייל די צענזור איז א „פרעמדע״, ד״ה א רוסישע, און בכלל האָבן דעם דאָזיקן אינצידענט אויפגעבלאָזן דווקא „פרעמדע״ עלעמענטן וואָס זענען מיטן לאנד לחלוטין נישט פארבונדן.

אָבער דער דאָזיקער „פאטאלער״ עפּיזאָד ווערט גיך פארגעסן. אין לאנד הייבט אָן צו ברויזן מיט פּאטריאָטישע מאניפעסטאציעס. דאָס דער־פרייט זייער שטארק דעם יונגן תלמיד. „ביי אונדז, שרייבט ער אין א בריוו פון יוני 1859, א חודש נאָכן „פאטאלן״ פּסק־דין, האָט דער פּוי־לישער פּאטריאָטיזם אויפגעוואכט פון שלאָף״.

עס קומען די יאָרן פון דער „מאָראלישער רעוואָלוציע״. זי האָט אויף א ווייל פארגלעט די שארפע שפּיצן פון נאציאָנאלע קאָנפליקטן און פארגיטיקט די אנטוישטע וואָס זענען געווען שטארק פארביטערט צוליב דעם אויסגאנג פון דעם פּראָצעס קעגן די „אויפגעקלערטע״ אין 1859.

---

*) די צייטונג Nord איז געווען סובסידירט פון דער צארישער רעגירונג.

„קריסטן און יידן האָבן זיך פאַרברידערט", נאָטירט קרויזהאַר אין א בריוו פון מאַרץ 1861. די דאָזיקע טערמינען —קריסטן און יידן— האָט ער איבערגענומען פון זיין היים און סביבה וואָס האָבן באַנערט אחדות אין לאַנד.

די אַרבעט פאַר יידן און צווישן יידן האַלט ער פאַר א „האַרבער נויטווענדיקייט". ער איז זייער טעטיק אין דעם קרייז „אַליין־בילדונג", וואָס א גרופּע גימנאַזיסטן און סטודענטן־יידן האָבן צו יענער צייט גע־שאַפן. ער האַלט אפילו רעפעראַטן וועגן דעם, ווי אַזוי פּוילישע שרייבערס שילדערן יידישע טיפּן. ער באַטראַכט אָבער די דאָזיקע אַרבעט ווי אַן אַריבערגייענדיקע וואָס וועט מיט דער צייט מוזן ליקווידירט ווערן. דער סימן־מובהק פון פּוילישקייט פון א יידן איז נישט זיין טעטיקייט אין א פּויליש־יידישער אָרגאַניזאַציע, נאָר אין דער פרייער און נישט־געצוווּנ־גענער צוגעהעריקייט צו אַזא פּוילישן קרייז וואָס וועט לאָזן פריי און נישט געצווונגען ליקווידירן זיין אַנדערשקייט. אויב קרויזהאַר באַרעכטיקט א באַזונדערע אָרגאַניזאַציע פון יידישע יונגעלייט, איז דאָס דערפאַר, וואָס די דייטשע שפּראַך איז נאָך אַלץ שטאַרק קולטיווירט ביי די „פּראָגרעסי־ווע" יידן און מען דאַרף זיי אַפריער פאַרפּוילישן שפּראַכלעך, איידער מען קאָן דאָס טון עמאַנציפּאַנעל *).

שוין אין יענע יאָרן האָט קרויזהאַר געקוקט אויף דעם טאָטאַלן פּוילישן לעבן ווי אויף זיין אייגן לעבן. ער זעט צוויי רעליגיעזע מזבחות אין פּוילן: א קריסטלעכן און אַן „איזראַעליטישן", אָבער נאָר איין נאַציאָנאַלן מזבח: א פּוילישן. אפילו אויף אויסצודריקן דעם פּוילישן פּאַטריאָטיזם אין א רעליגיעזער פאָרעם זענען אים צוויי מזבחות נישט צום האַרצן. דווקא אין יענע קרייזן פון דער פּוילישער פּאַ־טריאָטישער יוגנט, וואָס קרויזהאַר האָט אַזוי פאַרהערלעכט, איז אַרויס־געשוווּמען דער געדאַנק פון א יידישער אזכרה נאָך דעם גרויסן פּוילישן היסטאָריקער און יידנפריינט יאָאַכים לעלעוועל. אים איז דער דאָזיקער רעליגיעז־נאַציאָנאַלער סעפּאַראַטיזם נישט געפעלן געוואָרן, ווייל דאָס איז

---

*) אויספירלעך אין מיין בוך: „יידישע בילדונגס־פּאָליטיק אין פּוילן", קאַפּיטל פיר, ביבליאָטעק פון ייוואָ, ניו־יאָרק, 1943.

אין א סתירה מיט זיין קאָנצעפּציע פון פּוילישקייט. דערפאר פארשוויגט ער אין זיינע מעמוארן דעם דאָזיקן וויכטיקן פאקט. ווען ער זאָל געוועזן שרייבן וועגן דעם, וואָלט דאָס אפשר אונדז געקענט געבן א בילד וועגן די וואָס זענען געווען דערפאר, אז דווקא מיט א העברעאישן הספד זאָל מען פאראייביקן דעם אָנדענק פון דעם ליבלינג פון דער רעוואָלוציאָנערער יוגנט.

5. די ערשטע ליטערארישע טריט

און דאָך, נישט געקוקט אויף זיין גאנצער אזוי שארף פאָרמולירטער קאָנצעפּציע פון טאָטאַלער פּוילישקייט, איז קרויזהאר געווען שטארק צו־געבונדן צו יידישקייט און צום יידישן געדאנק, אזוי ווי מען האָט אים אין זיין צייט פארשטאנען. דאָ האָבן נאָך געהאט א השפעה: דער פאָטער מיט זיין אידעאַל פון א „פּראָגרעסיוון איזראעליט״, דאָס לייענען די מערב־אייראָפּעאישע יידישע צייטשריפטן ועל כולם, זיין אָפּגאָט און קוואַל פון אייגענער דיכטערישער אינספּיראציע — היינריך היינע.

דאָס ווערט בולט פון זיינע ליטערארישע בכורים וואָס זענען געווען געדרוקט נישט אין אַן אַלגעמיינעם פּוילישן זשורנאַל, נאָר דווקא אין א פּויליש־יידישן, אין דער „יוטשענקא״, וואָס דניאל נייפעלד האָט ארויס־געגעבן אין די יאָרן 1861—1863, און וואָס זיין קרייז „אליין־בילדונג״ האָט געהאָלפן באשאפן.

דער הייסער פּאַטאָס פון גלויבן אין א פּויליש־יידישער אחדות האָט צעשמאָלצן די קאַלטע קאָנצעפּציע פון זיין אַלפּוילישקייט. וויפל ער האָט נישט ראציאָנאַליזירט די עקזיסטענץ פון אַן אָפּגעזונדערטער יידישער וועלט ווי א פּראָדוקט פון היסטאָרישע אומשטאנדן, האָט זי נישט אויפ־געהערט צו לעבן באזונדער און האָט געפּאָדערט, מען זאָל נעמען צו איר א שטעלונג.

די דאָזיקע שטעלונג איז בדרך כלל געווען א צווייאיקע. אין די לי־רישע און עפּישע לידער איז זיין צוגאנג געווען א ווארעם יידישער, פול מיט פּאַטאָס און אינטימען געפיל פאר דעם יידישן פאָלק, ווען אפילו אין לעצטן פאל משכיליש באפארבט. אין א ליד, למשל, „האנדל״ („יוטשענ־

קא", 1861, נומ. 1) שילדערט קרויזהאר מיט א סך וואַרימקייט די דאָליע פון א יידישן גאסן־הענדלער. אין א ליד „דאָס געזאנג פון א יידן אן ערד־ארבעטער" (1861, נומ. 5) אידעאַליזירט ער דעם יידן ביי דער סאָכע. אין א ליד „הגבה", פריי באארבעט לויט א דייטשן מוסטער, רעדט ער מיט שטאָלץ און ליבע וועגן דער יידישער תורה. אין א ליד „די רויז פון שרון" באזינגט ער אפילו ארץ ישראל.

אין אַן אנדער ליד א"נ „דערמאָנונג" („יוטשענקא", 1862, נומ. 31) ווענדט זיך דער יונגער דיכטער צום יידישן קינד, אז בעת עס טוט תפילה, זאָל עס זיך דערמאָנען, ווי די אָבות זענען געגאנגען אויף קידוש־השם מיטן שמע ישראל אויף די ליפּן. ער פאַרענדיקט זיין ליד אזוי:

לאָז הערן, מיין קינד, פון דיין תפילה דעם קלאַנג,
מיט ווערטער דערהויבנע ווי אייביק געזאַנג,
ווערטער וואָס דער ייד אויף זיין פאָן האָט געשריבן,
ווען ר'איז פון זיין לאַנד געוועזן שוין פאַרטריבן,
און היינט נאָך איז הייליק ביים ייד אָט די פאָן,
ווען זיין לעבן פאַרגייט, און דער טויט קומט אָן,
ווען שוין אויף דער שוועל פון אייביקייט ער שטייט,
און זיינע פליגל דער טויט אויף אים שוין פאַרשפּרייט,
נאָך שיקט ער די ווערטער, די לעצטע, צו גאָט:
„שמע ישראל — אדני אחד!" *)

ערב דעם אויפשטאַנד האָט דער 20יאָריקער קרויזהאר ארויסגעגעבן א זאמלונג לידער א"נ „בלעטלעך". דאָ געפינען זיך עטלעכע איבערזעצונגען פון היינען און אויך א סך לידער אויף יידישע מאָטיוון. איינס פון זיי הייסט „בן־זכאי". „יוטשענקא" האָט דאָס דאָזיקע ליד נישט געקענט דרוקן, ווייל די צענזור האָט דערשמעקט אין אים א רמז אויף דעם מארק־גראף וויעלאָפּאָלסקי, וואָס די יוגנט האָט אים געהאסט. אין דעם דאָזיקן ליד באזינגט דער יונגער פּאָעט יוחנן בן זכאין, וואָס בעת ער איז אנט־לאָפן פון באלאגערטן ירושלים, האָט ער געראַטעוועט נאָר די תורה. אין דער לעצטער סטראָפע דריקט קרויזהאר אויס דעם געדאנק, אז

*) איבערגעזעצט פון פויליש דורך ר.

אין שויץ פון דער אמונה א דור גבורים איז געפאַלן
געליטן פאַר די זינד פון זיינע אבות,
נאָר דער גייסט פון ליכט האָט די פליגלען צעפּראַלט
און איז געפלויגן איבער די חורבות.

קרויזהאר געפינט א סך אינספּיראַציע נישט נאָר אין דעם יידישן עבר, נאָר אויך אין דעם יידישן הײַנט. דער צער און די פּיין פון דעם יידישן לעבן, וואָס ער זעט פאַר זיינע אויגן, געפינען אַן אָפּקלאַנג אין זיין סענסיטיווער נשמה. אין א סעריע לידער א״נ „ספינקס״ שילדערט קרויזהאר די טראַגישע לאַגע פון דעם יידן פון זיין דור. ער פרעגט די אַלטע קשיא: ווי לאַנג וועט מען אונדז נאָך האַסן? פאַר וואָס זענען נישט די תושבים און יידן פריינט און ברידער? פאַר וואָס זאָגט מען אָפּ דעם יידן די רעכט פון א מענטשן? די דאָזיקע פראַגעס שטעלט אַן עלטערער ייד מיטן נאָמען משה. דער ספינקס פון גורלות דאַרף אים געבן די געגאַרטע תשובה. דער ספינקס — קרויזהאר — איז פול מיט האָפנונגדיקייט וואָס איז אַזוי כאַראַקטעריסטיש פאַר יענער תקופה פון ליבעראַלן אָפּטימיזם. ער ענטפערט, אַז מען וועט נאָך אין גיכן דערלעבן, עס זאָלן מקוים ווערן אַלע האָפענונגען, מיט וועלכע יידן טראָגן זיך אַרום. אין א ליד „זיי זיך נישט מיאש״ פאַרענדיקט ער זיין רוף מיט אַזאַ אַקאָרד:

דיין פאָן זאָל ווערן די באַפרייענדיקע השכלה.
זיי גרייט, ווען עס וועט אויפגיין דאָס ליכט פון דיין מאָרגן,
ווייל קומען מוז די גרויסע הייליקע באַנייאונג
און עס וועט נישט זיין ביי מענטשן קיין קאַמף צוליב אמונה.

די דאָזיקע אָפּטימיסטישע סטרונע קלינגט אָפּ אויך אין זיין פּובליציסטיק. אין א סעריע אַרטיקלען אין דער „יוטשענקא״ אַנטוויקלט ער דעם געדאַנק, אַז די יידישע אָפּגעזונדערטקייט אין פּוילן איז געווען א רעזולטאַט פון געטאָס און פון פעלן פון בילדונג ביי יידן. ווי נאָר מען וועט אָפּשאַפן די באַגרענעצונגען און געבן יידן א מעגלעכקייט זיך צו בילדן, וועלן ממילא פאַרשווינדן די אונטערשידן צווישן ייד און נישט־ייד. קרויזהאר האַלט, אַז דאָס וואָס יידן האָבן געשפּילט אין פּוילן די ראָלע פון

דריטן שטאנד, האָט געמוזט ממילא באַפעסטיקן זייער אָפּגעזונדערטקייט: „עס גייט אין דעם, אז עס זאָלן אָפּגעשאַפט ווערן אַלע סימנים וואָס האָבן געמאַכט פון יידן א באַזונדערע סאָציאַלע קערפּערשאַפט".

אוודאי זענען די דאָזיקע געדאַנקען געווען נישט קיין נייע. אָבער אין פּוילן בכלל, און פון א צוואַנציקיאָריקן בחור בפרט, איז דאָס געווען ניי און אזוי ווירקעוודיק, אז קרויזהאַר איז געוואָרן דער פאַנען־טרעגער פון דעם יונגן יידישן דור און צו זיין וואָרט האָט מען זיך אומעטום גע־נומען צוהערן. זיינע לידער זענען געוואָרן אזוי פּאָפּולער, אז טייל זענען אריין ווי אַנאָנימע לידער אין די דעמאָלס זייער פאַרשפּרייטע זאַמלונגען פון נאַציאָנאַלער פּוילישער פּאָעזיע. עס איז א סברה, אז אויך די פּוילישע הימנען, וואָס די יוגנט האָט אין די יאָרן פון „פּויליש־יידישער פאַרברי־דערונג" געזונגען אין די שולן, האָט אָנגעשריבן קרויזהאַר.

די פּובליציסטישע אַרטיקלען האָבן קרויזהאַרן געשטויסן צו שרייבן א געשיכטע פון יידן אין פּוילן, וואָס זאָל סאָלידער באַגרינדן זיינע טע־זיסן וועגן די סיבות פון יידישן „סעפּאַראַטיזם".

ער איז צו דעם דאָזיקן ענין צוגעטראָטן זייער ערנסט. די דאָזיקע אַרבעט איז פאַר אים נישט געווען קיין ריין אַקאַדעמישער ענין. ער האָט עס באַטראַכט ווי „א געזעלשאַפטלעכן חוב". „אין מיינע פרייע מינוטן אַרבעט איך איבער א געשיכטע פון פּוילישע יידן אין דער תקופה פון די פּיאַסטן". לאָזט ער וויסן זיינעם א פריינט וואָס האָט זיך געפונען גראָד אין דייטשלאַנד. און צו א צווייטן פריינט, אויך אין דייטשלאַנד, שרייבט ער אזוי (דעם 3טן מאַי, 1862):

„ווי א פּאָליאַק פיל איך זיך באַרופן צו א בירגערלעכן דינסט. איך וועל אַרבעטן מיטן געדאַנק אָפּצודאַנקען דעם פאָטערלאַנד פאַר דעם וואָס איך בין און וואָס איך וויל זיין. ווען איך זע אויפן גאַנצן שטח פון אונדזער לאַנד דערהויבענע פאַקטן פון ברידערלעכקייט צווישן אַלע שטאַנדן, גיב איך זיך נאָך מער אָפּ דער וויסנשאַפט, כדי איך זאָל קענען אין דער צוקונפט ווערן א נוצלעכער מענטש און וועקן אין זיך און אויך אין אַנדערע געפילן פון ליבע צום פאָטערלאַנד".

6. דער יוגנט־פריינט מערצבאך

דעם אקאָרשט ציטירטן בריוו האָט קרויזהאר געשריבן צו א פריינט וואָס האָט געהאט אזא גרויסע השפעה אויף זיין גייסטיקער אנטוויקלונג, אז עס איז כדאי מיט אים זיך צו באקענען. דער פריינט האָט געהייסן הענריק מערצבאך. געשטאמט האָט ער פון ווארשע. געווען איז ער א פאָעט און א בוכהענדלער. ביידע בארופן האָט ער גע־ירשנט פון זיין פאָטער זיגמונט מערצבאך, וועלכער האָט, ווי כמעט אלע משכילים פון זיין דור, געשריבן דייטש, הגם געהאלטן האָט ער זיך פאר א פאָליאק. דער אלטער מערצבאך האָט זוכה געווען, אז זיינע דייטשע לידער זענען פאָר־געלייענט געוואָרן אויף א זיצונג פון דער פוילישער געזעלשאפט פריינט פון וויסנשאפטן אין ווארשע (אין 1830) און נישט קיין אנדערער ווי יוליאן ניעמצעוויטש, דער כהן־גדול פון דער דעמאָלטיקער פוילישער לי־טעראטור, האָט שטארק געלויבט זיינע דיכטערישע שאפונגען.

הענריק מערצבאך האָט באקומען א גוטע פוילישע דערציאונג פריער אין א פריוואטער שול און שפעטער אין דער ווארשעווער גימנאזיע. זיין פאָטער האָט אים געשיקט שטודירן קיין ברעסלע. שפעטער האָט ער גע־לעבט אין בריסל, ווו ער האָט זיך שטארק באפריינדט מיט יאָאכים לעלע־וועלן. פון אויסלאנד האָט ער קאָרעספאָנדירט אין די ווארשעווער צייַ־טונגען, געשריבן לידער און איז אפילו געקרוינט געוואָרן פון דער קרי־טיק פאר „א פוילישן היינע״. בעתן אויפשטאנד איז ער געווען אין דייטש־לאנד. די רוסישע מאכט האָט קאָנפיסקירט זיין ביכער־געשעפט און ער האָט, פאָליטיש שטארק קאָמפּראָמיטירט, זיך מער נישט געקענט אומ־קערן אהיים.

אין דייטשלאנד האָט מערצבאך געפירט א לייד־נשאפטלעכע אגיטא־ציע לטובת פוילן. ער האָט געלייגט דעם טראָפּ אויף פוילנס סלאַווישקייט. אין די סלאַווישע קלובן, וואָס זענען באשטאנען דאָס רוב פון פאָליטישע עמיגראנטן און ווו די הויפטפירערס זענען געווען גראַד... יידן, איז אים די דאָזיקע אויפקלער־ארבעט אָנגעקומען דווקא נישט שווער. זיינע לידער און ארטיקלען וועגן פוילן האָבן אין דייטשלאנד געמאכט א שטארקן רושם.

ער האָט באַגייסטערט א סך דייטשע דיכטער וואָס האָבן אונטער זיין השפּעה געשריבן „פּאָלען לידער", צווישן זיי דער פּאָעט האַלטיי.

מערצבאַך האָט, פּונקט ווי זיין יינגערער חבר קרוויזהאַר, טיף גע־גלויבט, אַז עס דערנענטערט זיך א נייע תקופה, א תקופה פון פעלקער־פאַרברידערונג. אין א ליד א"נ „צוקונפט" (געשריבן אין 1858) דריקט ער אויס די האָפענונג, אַז פעלקער און אמונות וועלן אין גיכן פאַרשווונדן ווערן, נאָר גאָט וועט אַלעמען פאַראייניקן. דער דאָזיקער גלויבן האָט אים אָבער נישט געשטערט צו פאַרטיידיקן דווקא דאָס פּוילישע פאָלק.

אויך יידישע טענער קלינגען אין זיין עקזאַלטירטער דיכטונג. זייער אונטערשלאַק איז דער זעלבער וואָס כאַראַקטעריזירט די גאַנצע פּאָעזיע פון דעם ליבעראַלן לאַגער אין יענער תקופה: יידן זענען נישט קיין נאַציע, דאָס צונויפשמעלצן זיך מיטן גורל פון דעם לאַנד, אין וועלכן זיי לעבן, וועט זיי ברענגען גליק און ישועה. אין א ליד „צו דער יידישער מוטער", וואָס איז א פאַריידישטער נוסח פון מיצקעוויטשעס באַרימטן ליד „צו דער פּוילישער מוטער", געשריבן אין 1861, אַפּעלירט מערצבאַך צו דער יידי־שער מוטער, זי זאָל מיט דער זויגמילך איינפלאַנצן אין איר קינד „ליבע צום פּוילישן לשון און צו דער פּוילישער ערד". אין דעם פּוילן פון מאָרגן, זאָגט מערצבאַך נביאות אין דעם דאָזיקן ליד, וועט דאָס יידישע קינד „נישט ליידן, ווי אמאָליקע יידן, אונטערן יאָך פון חרפּה און שנאה; קיי־נער וועט עס מער נישט אויסלאַכן פאַרן גלויבן פון זיינע אָבות און דאָס וואָרט פון אמת וועט פאַר אים מקוים ווערן *).

אויף אַלעשן, ד"ה אַלעקסאַנדער קרוויזהאַרן, האָט מערצבאַך געהאַט זייער א גרויסע ווירקונג: עלטער פון אים מיט זיבן יאָר (געבוירן אין 1836), מיט א סך לעבנס־פּראַקטיק, מיט א מערקווערדיקער פעאיקייט צו שרייבן גלייכצייטיק אין דריי שפּראַכן (פּויליש, דייטש און פראַנצויזיש),

*) אין 1870 האָט מערצבאַך חתונה געהאַט מיט א בעלגישער גרעפין Paulina de Hardy de Beaulieu און איז געוואָרן דער הויף־בוכהענדלער פון קעניג לעאָפּאָלד דער צווייטער. ער איז געשטאָרבן א פרומער קאַטוילי, דעם 20סטן אַפּריל 1903. זיין זון שאַרל מערצבאַך האָט פאַרעפנטלעכט זייער אינטערע־סאַנטע מעמואַרן, ווו עס זענען פאַראַן עטלעכע ידיעות וועגן זיין פאָטער.

איז מערצבאַך געווען דער פירנדיקער גייסט פון דער פּוילישער עמאַציפּאַ־נעלער אַסימילאַציע צווישן דער יידישער יוגנט. פאַר ביידע פריינט איז די פראַגע פון דער אומאָפּהענגיקייט פון פּוילן געווען דער סאַמע עיקר פון זייער לעבן. „איך וואָלט אַלץ געקענט אויסהאַלטן רואיקער, ווען איך וואָלט געקענט גלויבן ווייטער אין דעם תחית־המתים פון פּוילן", שרייבט מערצבאַך צו זיין יונגן פריינט. בעתן אויפשטאַנד האָט מערצבאַך נאָך מיט מער ברען און פייער געאַרבעט לטובת א פריי פּוילן. ער פירט דורך א פּאַראַלעל צווישן דער טעמפּקייט און דעם עגאָאיזם פון די דייטשן און דעם עטישן פּאַטאָס פון די פּאָליאַקן און שרייבט צו קרויזהאַרן (אין א בריוו פון 10טן דעצעמבער 1863), „אַז מיר דאַרפן דאַנקען גאָט, וואָס מיר זענען פּאָליאַקן: ווייל דאָס איז אַן איידל פאָלק".

ד. דער רעדאַקטאָר פון אָפיציעלן אָרגאַן פון דער אויפשטאַנד־רעגירונג

נאָך אין דער ערשטער תקופה פון די פּאָליטישע דעמאָנסטראַציעס האָבן קרויזהאַרס עלטערן געהאַט א סך אויסצושטיין פון זייערע צוויי זין. דער יינגערער, לודוויק, איז אַרעסטירט געוואָרן בעת א פּאָליטישער דע־מאָנסטראַציע אין א קאַטוילישן קלויסטער. מיט גרויס מי האָט זיך די עלטערן איינגעגעבן אים צו ראַטעווען פון פאַרשיקט צו ווערן קיין סיביר.

דער עלטערער, אַלעקסאַנדער, איז שוין געווען געקניפּט און גע־בונדן מיט דער אונטערערדישער באַוועגונג. ער האָט געקענט פּערזענלעך די אָנפירערס פון אויפשטאַנד. די הויפּטקוואַרטיר פון אַלע קאָנספּיראַטי־ווע אָרגאַניזאַציעס איז געווען אַלעקסאַנדער לעסערס דירה. דער דאָזיקער לעסער (1814—1884) איז געווען מערצבאַכס א פעטער. ער איז געווען אַן אָנגעזעענער פּויליש־נאַציאָנאַלער מאָלער.

דער יונגער קרויזהאַר איז געוואָרן באַשטימט פאַרן רעדאַקטאָר פון דער אָפיציעלער צייטונג פון דער געהיימער פּוילישער רעגירונג. זיינע עדיטאָריעלע אַרטיקלען וועגן דער אינטערנאַציאָנאַלער פּאָליטישער לאַגע האָבן אים פאַרשאַפט גרויס אָנזען. מען האָט באַוווּנדערט דעם 20־יאָריקן רעדאַקטאָר און זיין גרויס בקיאות, ספּעציעל די באַהאַווּנטקייט אין די ענינים פון וועלט־פּאָליטיק. דער אַלטער קרויזהאַר האָט אָבער שטאַרק

נעציטערט איבער זיין געראָטענעם בכור. גיט זיך אים איין צו באקומען פאר זיין זון א פּאָליטישע שליחות קיין אויסלאנד. דער יונגער בחור באַזעצט זיך אין לייפּציק. דאָרטן רעדאגירט ער ווייטער דעם אָפיציעלן אָרגאַן פון דער פּוילישער געהיים־רעגירונג, איז דער הויפּט־קאָרעקטאָר פון אַלע אירע אויסגאַבעס און אויך דער רעפּערענט פון דער פּרעסע־פּאַרוואַלטונג אין פּוילישן מיליטער־שטאַב.

צום ערשטן מאָל אין דער פרעמד, ווייט פון די עלטערן, פילט זיך קרויזהאר זייער נישט היימיש אין דער נייער קאַלטער סביבה. מיט יידן זוכט ער בכלל קיין קאָנטאַקט נישט, אפילו נישט מיט די, וועמענס שריפטן ער האָט באַוואונדערט און ארויסגעשטעלט ווי א מוסטער פאר זיינע פּויליש־אמונה־ברידער.

אין לייפּציק לעבט ער אָפּגעזונדערט פון דער וועלט, תמיד פארנומען מיט שווערע און אחריותדיקע ארבעטן. דאָרטן האָט זיך אין אים אנטפּלעקט אָט דער היסטאָריציזם וואָס האָט אים שפּעטער באַגלייט ביז זיין לעצטן אָטעם. אים אינטערעסירט נישט די געשיכטע פון יידן אין לייפּציק, אָבער ער ווערט אויפגעציטערט, בעת ער געפינט אויס א הויז אָדער א פּלאַץ, וווּ פּוילישע עמיגראַנטן האָבן אמאָל געלעבט און געליטן.

דער איינציקער לעבעדיקער מענטש, מיט וועלכן ער האָט א קאָנטאַקט, איז דער נעסטאָר פון דער פּוילישער ליטעראַטור יוזעף איגנאַציקראַשעווסקי, אליין א פּליט, פארטריבן פון ווארשע פון מאַרקגראַף וויעלאָפּאָלסקי, וואָס ער איז גאָר אין גיכן געוואָרן אליין א פּליט נישט נאָר אין דער זעלבער שטאָט, נאָר אויך אין דעם זעלבן הויז, וווּ זיין פאַרשיקטער קרבן האָט געוווינט. צו קראַשעווסקין האָט קרויזהאר געהאַט א ווארעמע רעקאָמענדאַציע פון העגריק טעפּליצן, דעם מעצענאַט און פּראָטעקטאָר פון דעם יונגנטקרייז „אליין־בילדונג" אין ווארשע *).

קרויזהארס טעטיקייט אין דייטשלאַנד האָט געשאַפן ארום אים אַן אָרעאָל פון מאַרטירערישקייט. ער איז געוואָרן ממש א לעגענדארישע פּי־

*) דער גאַנצער ענין דערציילט לויט זיינע מעמוארן. דער היסטאָריקער א. לעוואַק שרייבט, אז די סביבה ביים טאַטן אין הויז איז געווען א „סקעפּטישע" לגבי דעם אויפשטאַנד.

גור. דאָס וואָס אין זיינע הענט געפינען זיך די אומזעאיקע פעדעם וואָס פאַרבינדן דאָס העלדיש קעמפנדיקע פּוילן מיט דער דרויסנדיקער וועלט — דאָס איז געווען געגוּג, זיין חשיבות זאָל וואַקסן און זיין נאָמען זאָל דער־גרייכן צו א ממש פאַנטאַסטישער פּאָפּולאַריטעט. די דאָזיקע פּאָפּולאַרי־טעט איז אָבער געווען א פאַרמאַסקירטע; זי איז געווען אַזוי קונציק פאַר־קאָנספּירירט, אַז דעם אמתן נאָמען פון דעם יונגנמאַן האָבן געקענט נאָר יחידי סגולה. אפילו דער אַלטער קראַשעוועסקי האָט נישט חושד געווען, אַז דאָס יידישע בחורל פון וואַרשע וואָס קומט צו אים אַריין איז קרוב צום געהיימען פּוילישן מלכות.

קרויזהאַר האָט געוווּסט, אַז קראַשעוועסקי איז א בפירושער קענגער פון אויפשטאַנד. א פּיינלעכן איינדרוק האָט געמאַכט אויף דער יונגנט קראַשעוועסקיס בריוו צום פּויזענער שרייבער בענטקאָווסקי:

> „אַלע זענען אַראָפּ פון זינען; אַלעמען האַלט מען נאָר אין איין שרעקן; אויך די גלחים אין קלויסטער וואָס ווילן באַרואיקן דעם המון; אויך אונדז וואָס מיר פּראָטעסטירן. דאָס איז א צו־שטאַנד פון גאַסן־וואַקכאַנאַליע, דאָס איז שרעקלעך״.

קרויזהאַר האָט נישט געהאַלטן דעם אויפשטאַנד פאַר א „גאַסן־וואַקכאַנאַליע״. ער האָט קראַשעוועסקין שטאַרק רעספּעקטירט, אָבער גע־טרויט האָט ער אים נישט.

דערווייל איז דער אויפשטאַנד בלוטיק ליקווידירט געוואָרן. קרויז־האַר האָט נישט געוואָלט זיך אומקערן קיין פּוילן. צוזאַמען מיט א סך אַנדערע האָט ער געוואָלט ווערן א פּאָליטישער עמיגראַנט. ער האָט גע־וואָלט שטודירן אין דייטשלאַנד און דינען דעם פּוילישן באַפרייאונגס־אידעאַל מיט דער פּען, ווי א סך אַנדערע יידישע עמיגראַנטן פון פּוילן האָבן דאָס געטון אין מערב־אייראָפּע. ער האָט וועגן דעם געמאָלדן דעם פאָטער.

דערויף האָט אים דער פאָטער געענטפערט, אַז די פינאַנציעלע לאַגע זיינע איז שטאַרק פאַרערגערט געוואָרן טאַקע צוליב די געשעענישן אין לאַנד און דעריבער קען דער זון נישט אַרויסקוקן אויף דעם פאָטערס שטיץ. ער בעט אים דעריבער זיך אומצוקערן אהיים. פאַר קרויזהאַרן איז דאָס

געווען א שווערער קלאַפּ. איבערלאָזן מערצבאכן, זיין פריינט און מדריך, אָפּזאָגן זיך פון דער פרייער אייראָפּע און פאָרן אין דעם פאַרבלוטיקטן און אין נאַציאָנאַלן טרויער איינגעהילטן פּוילן — דאָס איז פאַר אים געווען א גרויסער קרבן:

„צוליב וואָס ווילסטו אייגנטלעך אהיים פאָרן? — פרעגט אים מערצבאַך אין א בריוו (17טן יאנואר 1864) — כדי צו זיין נוציק אויף דעם ליטעראַרישן פעלד? דאָס זענען סתם פוסטע רייד! אין דעם איצטיקן מאָמענט דאַרפן מיר נישט קיין פּען און קאָנס־פּירירן מיט דער פּען איז א שלעכטע פאָרעם פון קאָנספּיראַציע. צי ווילסטו אויך ווייטער פאַרנעמען א געוויסן אָרט אין דער [געהיימער] אָרגאַניזאַציע? אָבער אין דעם איצטיקן מאָ־מענט איז דאָך אזא אָרגאַניזאַציע אַן אוממעגלעכקייט! ווילסט זוכן קלעפּ? ווילסט אומגליקלעך מאַכן זיך און דיינע עלטערן? דאָס איז א נאַרישקייט און א פאַרברעכן! ווילסט אפשר זיך אויס־צייכענען ווי א זעלנער־דיכטער? דאָס איז דאָך דאָס איינציקע וואָס דו קענסט טון: אָבער דו ביסט נישט דערצויגן געוואָרן צו זיין א זעלנער. דיין געווער איז דאָס געווער פון מינערווע; דיינע פיילן זענען די לידער פון אַפּאָלאָ".

קרויזהאַר וואָס האָט זיין פריינט נישט פאָרטרויט דעם אמת, אז טאַקע די עלטערן בעטן זיך רחמים, ער זאָל קומען אהיים, ענטפערט אויף דעם פּאַטעטישן בריוו אין זייער א פּעסימיסטישן טאָן. די לעצטע געשע־ענישן האָבן אים שטאַרק פאַרהאַרטעוועט מאָראַליש און ער ווערט בכלל א פאַטאַליסט (בריוו פון 26סטן יאנואר 1864). אומעטום, שרייבט ער, איז „געמיינהייט, שמוציקער מאַטעריאַליזם און עגאָאיזם; דאָס קען אויפ־רעגן יעדערנס אמת פילנדיק האַרץ". ער גלויבט נישט מער אין יושר און היסטאָרישן אמת. אָט האָבן אפילו די ראַדיקאַלע דייטשן נישט געהאָלפן דעם רעוואָלוציאָנערן פּוילן אין איר קאַמף. פאַר זיי איז די פראַגע פון שלעזוויג־האָלשטיין א סך א וויכטיקערער ענין ווי דער קיום פון אזא גרויסן מאַרטירער־פאָלק ווי דאָס פּוילישע פאָלק.

די ביידע חברים זענען געווען אנטוישט פון דער גלייכגילטיקייט פון

אייראָפּע צו די ליידן פון „זייער לאַנד און פאָלק״. ביידע האָבן באַדויערט, וואָס דער פּוילישער אַרבעטער האָט אַזוי פיל געבלוטיקט פאַר פּוילן, בעת דאָס פּויערטום איז געבליבן גלייכגילטיק צו דעם גורל פון דער נאַציאָנאַלער רעוואָלוציע.

8. די „געשיכטע פון יידן אין פּוילן״

אין פעברואַר 1864 האָט זיך קרויזהאַר אומגעקערט קיין וואַרשע. ער האָט געפונען אַן אַטמאָספער וואָס איז געווען ווייט פון דער אידילישער פּויליש־יידישער פאַרברידערונג פון פאַרן יאָר 1863. ער האָט זיך געפילט אַנטוישט ווי אַ פּאָליאַק און אויך ווי אַן „איזראַעליט״. די האָריזאָנטן זענען שמעלער געוואָרן. די חלומות פון דער יוגנט זענען צערונען געוואָרן. דער אַנטיסעמיטיזם האָט אויפגעהויבן דעם קאָפּ. קרויזהאַר דריקט אויס די אַנטוישונג אין אַ ריי לידער.

> „דער גן־עדן פון פריינטשאַפט, שרייבט ער אין אַ ליד, האָט זיך פאַרענדיקט מיט אַ פּלוצלינגן צעשייד, ווייל איינער פון זיי האָט זיך דערוווּסט: חם איז נישט קיין ברודער פון שם״.

קרויזהאַר טרעט אַריין אין דער „הויפּטשול״ (אוניווערסיטעט), כדי צו שטודירן יוריספּרודענץ. אין דער זעלבער צייט פאַרנעמט ער זיך מיט ליטעראַטור און פּאָעזיע. ער באַשליסט ממשיך צו זיין די איבערגעריסענע אַרבעט וועגן די יידן אין פּוילן, וואָס ער האָט אָנגעהויבן צו דרוקן אין „יוטשענקאַ״. ביי אַ יידישן ענין האָט קרויזהאַר תמיד ראַציאָנאַליזירט, כדי צו באַרעכטיקן זיין אַרבעט, אַז ער איז פאַראינטערעסירט דערין נישט ווייל ער איז אַ ייד, נאָר ווייל דאָס וווילזיין פון לאַנד פאָדערט פון אים אַ געזעלשאַפטלעכן אַקט. אויך דאָס מאָל האָט ער געשריבן אין אַ בריוו צו זיין פריינט מערצבאַכן, דעם 15טן אָקטאָבער 1864, אַז ער קוקט אויף דער דאָזיקער אַרבעט נישט ווי אויף אַ פאָרשונג סתם לשם אַקאַדעמישער נייגעריקייט, נאָר ווי אויף אַן אַקט פון בירגערלעכן חוב.

> „מיין אַרבעט געפינט זיך שוין ביים צענזאָר. דאָס איז אַן אַרבעט וואָס פאָדערט אַ סך מי, אָבער אַן ערלעכע, אַ בירגער־

לעבע. אויב די מיטלען וועלן דערלויבן, וועל איך עס נאָך היי־
יאָר פאַרעפנטלעכן אַנאָנים״.

פאַר וואָס עפּעס אַנאָנים, קלערט דער בריוו נישט אויף. אָבער ווען
זיין פּראָטעקטאָר, דער קולטור־מעצענאַט הענריק טעפּליץ, האָט גענומען
אויף זיך די הוצאות פון דער אויסגאַבע, האָט מען אָפּגערעדט, אז דעם
מחברס נאָמען דאַרף פיגורירן אויף דעם שער־בלאַט. נישט קיין קליינע
ראָלע אין דעם באַשלוס צו פאַרענדיקן דאָס דאָזיקע בוך האָט געשפּילט
זיין לערער פון געשיכטע יוליאַן באַרטאָשעוויטש און באַזונדער סענאַטאָר
ראָמואַלד הובע, וואָס ער האָט זיך פאַרנומען מיט דער געשיכטע פון דער
פּוילישער געזעץ־געבונג לגבי יידן. אזוי ארום זענען אין די יאָרן, ווען
קרויזהאַר האָט שטודירט אין דער „הויפּטשול״, ארויס די ערשטע צוויי
בענד פון זיין געשיכטע פון יידן אין פּוילן. דאָס דאָזיקע ווערק, דאָס ער־
שטע פון דעם מין אין דער פּוילישער שפּראַך, האָט זוכה געווען צו זיין
אויספירלעך רעצענזירט פון אזעלכע מומחים אויף דעם פעלד פון גע־
שיכטע, ווי באַרטאָשעוויטש אין פּוילן און זיבעל (Sybel) אין דייטש־
לאַנד.ביידע רעצענזענטן האָבן אים צוגעגעבן חשק צו אַרבעטן אויפן
געביט פון דער יידישער היסטאָריאָגראַפיע אין פּוילן.

צוזאַמען מיטן חשיבות וואָס די דאָזיקע פּובליקאַציע האָט אים פאַר־
שאַפט איז אויך געוואַקסן קרויזהאַרס אויטאָריטעט ווי א שרייבער בכלל,
ווי א פאָרשער פון דער פּוילישער יוריספּרודענץ, ווי א היסטאָריקער.

עס איז כדאי צו ברענגען א פאַרצייכענונג וועגן קרויזהאַרן, וואָס
געפינט זיך אין א זעלטענעם פּוילישן בוך פון מעמוארן. דער אַנאָנימער
מחבר איז שטאַרק אַנטיסעמיטיש. ער האָט שטודירט אין דער זעלבער
צייט וואָס קרויזהאַר.

„צווישן זיינע קאָלעגן, שרייבט דער מעמואַריסט וועגן קרויז־
האַרן, איז ער געווען זייער באַרימט. וועגן זיינע צוויי בענד „גע־
שיכטע פון יידן אין פּוילן״ וואָס זענען דעמאָלט ארויס, האָט
מען א סך גערעדט, און אין דער שול האָט מען אים געהאַלטן
פאַר א שטערן. איך דערמאָן זיך, ווי מען האָט מיר אָנגעוויזן
אויף אים, בעת ער איז געגאַנגען צו א לעקציע, ער האָט אויס־

געזען א סך עלטער ווי ער איז פאקטיש געווען: בכל אופן אין פארגלייך מיט אונדז איז ער געווען א ביסל עלטער. צו יענער צייט (1866) האָט ער שוין געהאט הינטער זיך א ליטעראַרישע פארגאנגענהייט און איז אפילו געווען די סיבה פון א געוויסער היסטאָרישער געשעעניש וואָס דארף פארשריבן ווערן אין די אנאלן פון דעם פארגאנגענעם שטורעם... ער האָט פארמאָגט אן אנאליטישן שכל, א גוטן קאָפּ און נישט קיין דורכשניטלעכע ליטעראַרישע פעאיקייטן".

דער מעמואַריסט דערמאָנט קרויזהאַרס איבערזעצונגען פון היינע. די דאָזיקע ליבשאפט פאר היינען שרייבט ער צו דעם פאקט, וואָס קרויזהאַר איז געווען „א בלוט־קרוב צו דעם יידישן פּאָעט פון דייטשלאנד".

„הגם, שרייבט ער ווייטער, די חברים פון שול האָבן זיך מיט יאָרן שפּעטער איבערצייגט, אז קרויזהאַרס ארבעט וועגן יידן אין פּוילן איז אין אלגעמיין געווען א שוואכע, דאָך האָבן מיר וועגן דעם נישט געטראכט. פאר אונדז איז געווען גענוג וויכטיק, וואָס מיר האָבן א קאָלעגע וואָס האָט אָנגעשריבן אן ערנסטע היסטאָרישע ארבעט אין צוויי בענד, א חבר וואָס שרייבט א סך, און דערפאר האָבן מיר מיט רעכט געהאלטן אים פאר א שיינדל".

9. דער סאלאָן פון די קרויזהאַרס

ווען קרויזהאַר איז געוואָרן אן אדוואָקאט, האָט ער קיין פּריוואטע ביורא־פּראקטיק כמעט ווי נישט געפירט. אים האָט זיך איינגעגעבן צו ווערן דער יוריסקאָנסולט פון עטלעכע פּוילישע מאגנאטישע משפּחות. דאָס האָט אים געמאכט מאטעריעל זעלבשטענדיק און געגעבן א סך פרייע צייט פאר פאָרשערישע ארבעטן.

דעם 27סטן יולי 1871 האָט ער חתונה געהאט מיט דער טאָכטער פון מאַטיאַס בערסאָן (1823—1908), א רייכן צוקער־פאבריקאנט וואָס איז געווען א זאמלער פון פּוילישע אנטיקן און אויך א מחבר פון א ריי ארבעטן וועגן פּוילישן און יידישן עבר. בערסאָן איז געווען א הייסער

פּוילישער פּאַטריאָט. ער האָט געפירט מיט א גרויסן שטאַט א ליטעראַריש־קינסטלערישן סאַלאָן וואָס האָט געשמט אין גאַנצן לאַנד.

קרויזהאַרס פרוי, יאַדוויגא, איז געווען א ראַפינירטע קענערין פון דער פראַנצויזישער ליטעראַטור. אונטער דער ווירקונג פון איר מאַן האָט זי אָנגעהויבן שרייבן און פאַרעפנטלעכט א ריי אַרבעטן וואָס האָבן שטאַרק אויסגענומען ביי געאָרג בראַנדעסן, וועלכער איז בעת זיין באַזוך אין וואַר־שע געווען זייער גאַסט.

דער דאָזיקער שידוך צווישן א זון פון א בערזע־מעקלער און א טאָכטער פון א יידישן גביר און קונסט־מעצענאַט וואָס האָט זיך באַטראַכט ווי אן עכט־פּוילישער מאַגנאַט איז געווען די סענסאַציע פון וואַרשע. דאָס יונגע פּאָרפאָלק האָט געהאַט אַלע פינאַנציעלע מעגלעכקייטן צו רעאַליזירן דעם חלום פון דעם יונגן „פּאַן מעצענאַס" אַלעקסאַנדער קרויזהאַר צו האָבן אן אייגענעם ליטעראַרישן סאַלאָן, אין וועלכן עס זאָלן זיך צונויפקומען די פּני פון דער פּוילישער ליטעראַרישער און וויסנשאַפטלעכער געזעלשאַפט אין וואַרשע.

דער ליטעראַרישער סאַלאָן פון דער נאָכפאַרטיילונג־תקופה איז גע־ווען מער ווי א פאַרווײַלונגס־פּלאַץ פאַר מנאָבן. דאָס פּוילישע שפּעפרישע וואָרט איז געווען דערשטיקט פון דער וואַכיקער צענזור. האָט דאָס וואָרט געזוכט א תיקון. די סאַלאָנען זענען געווען די גייסטיקע צענטערס, ווו מען האָט געגעבן הסכמות אויף ליטעראַרישע ווערק, ווו מען האָט געליווערט פּאָליטישע געדאַנקען און (דאָס איז געווען דאָס וויכטיקסטע) רעציטירט די פאַרבאָטענע ווערק פון די גרויסע פּוילישע ראָמאַנטישע דיכטערס. אין די דאָזיקע סאַלאָנען זענען יידן געווען זעלטענע געסט. עס האָבן זיך באַ־טייליקט אין זיי נאָר אַזעלכע וואָס זענען געווען פּויליש אָן שום פּגימה. אין דעם סאַלאָן פון דער מערקווערדיקער אימפּראָוויזאַטאָרקע דעאָטימאַ, די טאָכטער פון לושטשעווסקין, דעם פינאַנץ־מיניסטער פון געוועזענעם קעניגרייך פּוילן, האָט מען געזען ווי א „שטאַמגאַסט" מערצבאַכס פעטער, דעם נאַציאָנאַל־פּוילישן מאָלער אַלעקסאַנדער לעסער. אין דעם סאַלאָן פון דער פּאָעטעסע גאַבריעלא זשמיכאָווסקא האָט מען געזען די יונגע נאַטאַנ־סאָנס, די משפּחה פּאַפּראָצקי און דעם פון אַלעמען פאַרהערלעכטן „אי־

דעאלן פּאָליאַק״, הענריק וואָל. אויך קרויזהאַר איז געווען א גאַסט אין די דאָזיקע סאַלאָנען *).

ענדלעך איז אָבער מקוים געוואָרן זיין אַלטער חלום: נישט צו זיין קיין גאַסט ביי אַנדערע, נאָר ווערן אַליין א באַלעבאָס, וואָס נעמט אויף די סמעטענע פון דער פּוילישער אינטעלעקטועלער געזעלשאַפט ביי זיך.

דעם סאַלאָן פון די קרויזהאַרס האָט מען גערופן דער פּאָזיטיוויס־טישער סאַלאָן, ווייל דאָרטן האָט דעם טאָן געגעבן דער כהן־גדול פון דעם פּוילישן פּאָזיטיוויזם, אַלעקסאַנדער שוויענטאָכאָווסקי. עליזאַ אָזשעשקאָ שרייבט אין א בריוו:

„דער סאַלאָן פון די קרויזהאַרס; עס קומען קאַטוילן און יידן; רעאַקציאָנערן און ליבעראַלן, מיליאָנערן און אביונים; מיט איין וואָרט: פייער און וואַסער, א סאַלאָן־עקלעקטיזם **).

דאָס טרעפיקע וואָרט סאַלאָן־עקלעקטיזם האָט אָפּ־געשפּיגלט נישט נאָר דעם סאַלאָן, נאָר אויך זיין באַלעבאָס. זיין שרייבן איז געוואָרן דורך און דורך עקלעקטיש. ברעקלעך און שטיקלעך פון פּוי־לישן עבר, צופעליק אויפגעדעקטע דאָקומענטן, אָן שום היסטאָרישע האָ־ריזאָנטן און סינטעטישע אמביציעס. די טעמאַטיק א קאָנסערוואַטיוו־פּוי־לישע; די אָריענטאַציע — אויף דעם שליאַכטישן פּוילן.

קרויזהאַר האָט נישט פאַרשטאַנען און נישט געקענט תופס זיין די סאָציאַלע דראַמעס אין דער פּוילישער געשיכטע; ער האָט זיך אָבער מהנה געווען מיט נאַציאָנאַלע מעלאָדראַמעס. די יידישע טעמאַטיק פאַרשווינדט לחלוטין פון זיינע ארבעטן. די האָפענונגען פון זיינע פּוילישע לע־רערס, אז ער וועט ווערן דער היסטאָריקער פון יידישן עבר אין

*) דעם דאָזיקן וואָל דערמאָנט קרויזהאַר זייער אָפט ביי פאַרשידענע געלעגנהייטן, אָבער ער דערמאָנט קיין איין מאָל נישט, אז יענער איז געווען א ייד. קאָנאָפּניצקאַ שרייבט וועגן אים (אין א בריוו צו עליזאַ אָזשעשקאָ פון 1טן נאָוועמבער 1902) אזוי: „עס איז געווען ביי מיר וואָל, איינער פון די וואָס שטעלן גרויסע פאָדערונגען די שעפערישע גייסטער״.

**) דער אַלטער היסטאָריקער קענטזשינסקי שרייבט אין זיין נעקראָלאָג אויף קרויזהאַרן, אז נישט איין פּאָליטישע, געזעלשאַפטלעכע און וויסנשאַפטלעכע איניציאַטיוו איז ארויס פון דעם דאָזיקן סאַלאָן.

אלעקסאנדער קרויזהאר

אין דעם אָפיצירן־מונדיר פון אן

אויפשטענדלער פון יאָר 1863

(די דאָזיקע מונדירן האָבן די לעבנגעבליבענע

אויפשטענדלער באקומען אין דעם באפרייטן פוילן)

פּוילן, זענען ביסלעכווייז צערונען געוואָרן. אים האָט מאַגנעטיש געצויגן צום מאַגנאַטישן שלאָס און פּריצישן הויף, אין די פעלדער פון פּוילישע מלחמה־עפּיזאָדן און נאַציאָנאַל־פּאַטריאָטישע מאַניפעסטאַציעס. אפילו די געשיכטע פון פּוילישן פּלעבס, פון פּויער, האָט אים נישט אינטערעסירט. עס האָט זיך אים געדוכט, אַז שרייבנדיק וועגן אַ פּוילישן מאַגנאַט, שרייבט ער וועגן עמעצן, מיט וועמען ער איז אַ גלייכער.

אין פּראָצעס פון דער דאָזיקער ריין דעסקריפּטיווער, מערסטן טייל פּשוט אַנעקדאָטישער שילדערונג פון יענעם פּוילישן עבר, וואָס ער האָט געהאַלטן פאַר עכט פּויליש און פאַר עיקרדיק, איז אין קרויזהאַרס פּסיכיק פאָרגעקומען אַ מין גייסטיקע אידענטיפיקאַציע מיט דעם לעבן וואָס ער האָט באַשריבן. ווער וואָלט אין זיין טעמאַטיק און אין זיין אופן פון שרייבן איצט געקענט געפינען דעם מחבר פון די יידישע לידער אין „יוטשענקא", וואָס וואַרט אויפן גנאָד צו ווערן צוגעלאָזן צו דעם „בשותפותדיקן טיש" פון לאַנד? עס האָט זיך געקענט דוכטן, אַז דאָס שרייבט אַן אַלטער פּוילישער פּריץ וואָס איז טיף פאַרוואָרצלט אין דעם אַלט־פּוילישן לעבן־שטייגער. אַפּאָלאָגעטיש לגבי דעם פּוילישן עבר, האָט ער נישט געלאָזט וואַרפן קיין שלעכט וואָרט אויף דעם אַמאָליקן פּוילישן לעבן און האָט געהאַט פּרעטענזיעס צו די פּוילישע היסטאָריקערס וואָס האָבן אָנגעוויזן, אַז פּוילן האָט שלעכט באַהאַנדלט די פּויערים *).

---

*) אין זיינע וויניק באַקאַנטע בריוו שרייבט קאַרעיעוו, אַז די פּוילישע היסטאָריקערס זענען געווען אַזוי סענסיטיוו בנוגע אַ קריטישן אַנאַליז פון פּוילישן עבר, אַז זיי האָבן געהאַלטן אַ קריטישן היסטאָריקער פאַר אַ נאַציאָנאַלן פאַרברעכער. עס איז כדאַי צו ציטירן אַ פּאַראַגראַף פון די דאָזיקע בריוו וואָס כאַראַקטעריזירן זייער אָביעקטיוו דעם דעמאָלטיקן צושטאַנד פון דער פּוילישער היסטאָריאָגראַפיע, מיט וועלכער קרויזהאַר האָט זיך פולשטענדיק אידענטיפיצירט. „חלומענדיק וועגן אַלט־פּוילן און אַרומרינגלענדיק זיך מיט אַ ראָמאַנטישער שיין, האָט דער פּאָליאַק זי ליב געהאַט אַזוי, ווי זי איז געווען אין די ציימן פון איר זעלבשטענדיקייט. אים האָט זיך אויסגעדוכט, אַז אָפּזאָגן זיך פון וועלכן עס איז טייל פון דער ירושה פון די אבות (איינגעשלאָסן די פאַרשקלאַפטקייט פון פּויער לגבי דעם פּריץ) איז אין תוך גענומען אַן אַטענטאַט אויף די נאַציאָנאַלע הייליקייטן".

קאַרעיעוו איז געווען פּראָפעסאָר אין וואַרשעווער אוניווערסיטעט אין די

א מאָל אין א יובל האָט ער פאָרט געצאָלט א קליינעם צינז אויפן חשבון פון זיין יידישן אָפּשטאַם. אזוי למשל האָט ער אָנגעשריבן א וואַרעמען ארטיקל צום טויט פון דעם גרויסן יידישן מאָלער מאוריצי גאָטליב (1856—1879); רעצענזירט הילארי נוסבוימס היסטאָרישע סקיצעס (1881), געשריבן וועגן בערעק יאָסעלעוויטשן פאר דער פוילישער ענציקלאָפּעדיע און נאָך אנדערע קלייניקייטן, דאָס רוב צופעליקע און נישט אלע מאָל אפילו קאָרעקטע פון שטאַנדפּונקט פון פּשוטער אינפאָרמאַציע.

זיין יידישקייט האָט זיך אויסגעלעבט אין דעם ימים־נוראים־באזוך אין דער סינאַגאָגע אויף טלאָמאַצקע גאַס, ווו זיין פאָטער האָט געדאַוונט. ער האָט זיך אויך א צייט אינטערעסירט מיט די עלעמענטארע שולן פאר יידישע קינדער אין ווארשע וואָס זענען צו יענער צייט געווען די איינציקע פעסטונג פון פּראַקטישער אסימילאַציע. ער פיגורירט ווי אַן „ערןאויפזעער" איבער די דאָזיקע שולן נאָך אין יאָר 1872. אין יענעם יאָר האָט מען אָפּגעשאַפט די יידישע קוראַטאָריע פון די שולן און זיי זענען אריבער אונטער דער השגחה פון רוסישן בילדונגס־קוראַטאָר.

15. די דעבאַטע וועגן אסימילאַציע

די נאָכאויפשטאַנד־תקופה האָט תיכף אַנטפּלעקט א וואַקסנדיקן ווידערווילן קעגן דער השפּעה מצד דער פּאַרפּוילישטער יידישער פּלוטאָקראַטיע אויף דעם עקאָנאָמישן לעבן פון לאַנד. די דאָזיקע רעאַקציע האָט נאָך נישט געטראָגן קיין בולטן אַנטי־יידישן כאַראַקטער. מערניט מען איז נישט געווען צופרידן מיט די פּרות פון דער פּאָלאָניזאַציע, ווייל די דאָזיקע פּאָלאָניזאַציע האָט געהאַט א ריין אוטיליטאַרן כאַראַקטער, געווען מער תכלית־פּוילישקייט איידער עמאָציאָנעלע אסימילאַציע. עס האָבן זיך דערהערט שטימען וואָס האָבן בכלל געספּקט אין דער מעגלעכקייט פון אסימילאַציע. ווייל די דאָזיקע שטימען זענען געקומען פון פּראָמינענטע

יאָרן 1879—1884 און איז געווען באַפרײַנדט מיט קרויזהאַרן, וואָס יענעמס ממש היסטערישע פאַרטיידיקונג פון דער פּריצישער הערשאַפט איבער די פּויערים האָט ער, א ליבעראַל, נישט געקענט תופס זיין.

פּאָליאַקן, האָט מען אין יידישן אסימילאַטאָרישן לאַגער תיכּף דערהערט אין זיי אַנטי־יידישע קלאַנגען.

שוין דער פאַקט גופא, וואָס אין 1866 האָט אַ גרופּע פּאָליאַקן־יידן אָנגעהויבן אַרויסגעבן אַ ספּעציעלע וואָכנשריפט א"נ „איזראַעליטאַ", און איר רעדאַקטאָר איז גראָד געווען אַ „ליטוואַק", דער מאַריאַמפּאָלער שמואל פּעלטין, האָט אַרויסגערופן אַ גרויסע אומצופרידנקייט אין געוויסע קרייזן. דעם יונגן דור אַסימילירטע יידן איז די ריכטונג פון „איזראַעליטאַ" נישט געווען צום האַרצן, ווייל זי איז געווען צו קאָנסערוואַטיוו. די פּאָליאַקן האָבן געהאַלטן, אַז אַזאַ בלאַט איז אַ באַווייז פון סעפּאַראַטיזם און נישט פון אַסימילאַציע. דער עלטערער דור האָט געקוקט אויף דער צייטשריפט, וואָס זי האָט סך־הכל געהאַט 460 אַבאָנענטן, פון זיי 300 אין וואַרשע, ווי אויף אַ טריבונע צו פאַרטיידיקן זיך קעגן פאַרשידענע בילבולים און אַנטיסעמיטישע אָנפאַלן.

אַ גרויסן רושם האָט אין יענער צייט געמאַכט אַ ראָמאַן פון יידישן לעבן א"נ „הינדע", וואָס דער היסטאָריקער וואַלערי פּשיבאַראָווסקי האָט פאַרעפנטלעכט אין 1869. דעם דאָזיקן רושם האָט נישט גורם געווען דער קינסטלערישער ווערט פון דעם ראָמאַן, וואָס איז דווקא געווען אַ נעבעכ־דיקער, נאָר זיין טענדענץ. אין דעם ראָמאַן וויל דער מחבר באַווייזן, אַז נאָר דורך געמישטע חתונות קען מען פאַרענטפערן די יידן־פראַגע אין פּוילן. דער שרייבער איז נישט געווען דער איינציקער וואָס איז געשטאַנען אויף אַזאַ שטאַנדפּונקט. דער דיכטער אַדאַם אַסניק האָט אין אַ דראַמע „דער ייד" אַוועקגעשטעלט די זעלבע פּראָבלעם און געפאָדערט מער טאָ־לעראַנץ מצד פּאָליאַקן פאַר געמישטע חתונות. דער דראַמאַטורג עדוואַרד לובאָווסקי, אַליין פון יידישן אָפּשטאַם, האָט אין איינער פון זיינע פּיעסעס פאַרטיידיקט געמישטע חתונות *).

אין די תנאים פון דעם דעמאָלטיקן פּאָליטישן מצב איז אַסימילאַ־ציע נישט געווען קיין ענין פון סתם פאַרפּויליִשן זיך. דער קאַטוילישער קלויסטער האָט געשפּילט צו אַ גרויסע ראָלע אין אויפהיטן די פּוילישע

*) וועגן לובאָווסקיס (1840—1923) יידישן אָפּשטאַם דערציילט קרויז־האַר גאָרנישט, ווייל זיי זענען געווען גוטע פריינד.

קולטור, אז מען זאָל קענען אָפּטיילן פּוילישקייט פון קאַטוילּיציזם. דווקא אין קרויזהארס סאלאָן האָט מען די דאָזיקע פראגע דעבאטירט, און צווישן די געסט זיינע זענען געווען פארטיידיקערס פון דער נייער ריכטונג פון קאַטוילּיזאציע ווי דעם איינציקן סימן מובהק פון עכטער פּאָלאָניזאציע. וואָס קרויזהאר האָט וועגן דעם געטראכט איז נישט באַקאַנט. די וואָס האָבן געשריבן וועגן זיין סאלאָן שטרייכן אונטער, אז ער, דער באלעבאָס, האָט זעלטן ארויסגעזאָגט א מיינונג אין געזעלשאפטלעכע ענינים.

אפילו אין 1881, בעת אין ווארשע איז פאָרגעקומען א פּאָגראָם אויף יידן און צווישן די פּאָגראָמירערס זענען אפילו געווען קינדער פון פארפּוילישטע יידישע משפחות, וואָס האָבן נישט געוווּסט, אז זיי זענען יידן, האָט מען ביי די קרויזהארס דעם ענין נישט באַרירט. ער גופא איז געווען איינער פון די געציילטע יידן־שרייבערס וואָס האָט אין דער פראגע קיין וואָרט נישט גענומען *). דער דאָזיקער פּאָגראָם האָט אנטפּלעקט א מערקווערדיקע סיטואציע. די פּוילישע פרעסע האָט געטאדלט די אָנטייל־נעמערס אין דעם פּאָגראָם, אָבער גלייכצייטיק באשולדיקט יידן, אז זיי האָבן אים פּראָוואָצירט.

דער ווארשעווער פּאָגראָם האָט ארויסגערופן אַן אידעאישע רעוויזיע פון דער גאנצער פּראָבלעם אסימילאציע. טייל האָבן אָנגעוויזן: אויב אסימילאציע מיינט זיך באהעפטן מיט דער קולטור פון לאנד, וואָס דאָס מיינט פארמערן די צאָל אינטעליגענטע כוחות, — איז ווי קומט עס, וואָס דווקא די פּוילישע אינטעליגענץ איז אזוי קעגנעריש איינגעשטעלט צו דער דאָזיקער אידעע?

יאַן פּאָטאָצקי, פון פּאָלקיסטיש־סאָציאליסטישן לאגער, האָט גע־

*) וועגן דער „פּסיכישער” אטמאָספער אין פּוילן אין שייכות מיטן פּאָגראָם פון 1881 אין ווארשע האָב איך געשריבן אויספירלעך אין מיין „נייסטע געשיכטע פון יידן אין פּוילן (1772—1914)”, וואָס געפינט זיך אין דרוק. איין אילוסטראציע איז דאָ כדאי צו ברענגען: אדאָלף ווארשאווסקי, א זון פון אן אסי־מילירטער ווארשעווער משפחה, דערנאָך באקאַנט ווי אַדאָלף ווארסקי, דער פירער פון די פּוילישע סאָציאל-דעמאָקראטן (שפּעטער קאָמוניסטן), דערציילט אין זיינע זכרונות, אז בעת ער איז געווען א קינד, איז ער מיט שקצים געגאנגען ראבירן יידישע קראָמען און שלאָגן יידן. דאָס איז געווען אין 1881.

שריבן, אז אנטיסעמיטיזם אין פּוילן איז נישט נאָר א סאָציאַל־עקאָנאָמישע פראגע, ווי אין אנדערע לענדער, נאָר אויך א גייסטיקע. דער קאָנפליקט צווישן יידן און פּאָליאקן, האָט פּאָטאָצקי פאָרמולירט, איז פאקטיש א קאָנפליקט צווישן דער יידישער און פּוילישער אינטעליגענץ. קרוויזהארס אינטימער פריינט, דער קאָמעדיע־שרייבער קאזשימיעזש זאלעווסקי, וואָס האָט געשטאמט פון די פראנקיסטן, האָט געפאָדערט, מען זאָל יידן צווינגען זיך אסימילירן *). דער שטארק רוסיפיצירטער פּוילישער יוריסט און זייער פעאיקער שרייבער ספּאסאָוויטש, וואָס קרוויזהאר האָט אים מיט־יאָרן שפּעטער געהייליקט זיין בוך „פראנק און די פראנקיסטן", האָט געהאלטן, אז בכלל איז אסימילאציע אַן אוטאָפּיע. נאָר יחידים קענען זיך אסימילירן, האָט ער געזאָגט אויף א דיסקוסיע־אָוונט ביי די קרוויזהארס און שפּעטער אויך געשריבן, אָבער נישט די מאסע. מען דארף זען, האָט ער געזאָגט, דערנענטערן די צוויי פיינטלעכע עלעמענטן, ד"ה יידן און פּאָליאקן, דערנענטערן געזעלשאפטלעך, וואָס דאָס מיינט אָבער נאָך נישט קיין אסימילאציע.

אפילו דער געדאנק פון געמישטע חתונות, וואָס האָט אין דער פּוילישער פּובליציסטיק געפונען א סך אָנהענגערס, האָט נישט געקענט אלעמען צופרידנשטעלן. דער געוועזענער ליבעראלער שרייבער יעסקע באָאינסקי איז ארויס מיט א פאָדערונג, אז די „פיינע" יידן זאָלן זיך שמדן און די אנדערע זאָלן עמיגרירן **).

אנטיסעמיטיזם האָט אָנגעהויבן שפּילן אזא גרויסע ראָלע ביים פּוילישן פּובליציסט פון יענער תקופה, פון דעם אנטיסעמיט אזוי גוט ווי פון דעם פילאָסעמיט, אז דער דעמאָלטיקער כהן־גדול פון פּוילישן ליבע־

---

*) אין זיינע קאָמעדיעס Nasi zieciowie, Góra nasi א"א האָט זאלעווסקי באקעמפט די השפעות פון יידן אין דעם סאָציאַל־עקאָנאָמישן לעבן אין פּוילן, הגם ער האָט געהאט א סך אויסצושטיין פון די פּוילישע קריטיקערס וואָס האָבן אים ביי יעדער געלעגנהייט דערמאָנט זיין יידישן אָפּשטאם.

**) אין א פּאָלעמיק מיט אַ פּוילישן פּובליציסט, קאָלאשינסקי, וואָס האָט געהאלטן, אז פאר פּוילן איז דער אנטיסעמיטיזם א פּאָליטישער זעלבסטמאָרד. אויך אדאָלף דיגאשינסקי, זייער א חשובער פּוילישער שרייבער, האָט זיך ארויסגעזאָגט פאר שמד ווי א רפואה פאר יידן אין פּוילן.

ראליזם, אלעקסאנדער שוויענטאָכאָווסקי, האָט אין א בריוו צו עליזא אָרזשעשקאָ געשריבן, אז „אנטיסעמיטיזם איז היינט דער לאָזונג פון מענטשלעכע און מלוכהשע כוחות". דאָס בודק זיין די פוילישע געפילן ביי געשמדטע און נאָך נישט געשמדטע יידן איז דערגאַנגען אזוי ווייט, אז מען האָט אפילו געספקט אין דער קריסטלעכקייט און פוילישקייט פון די פראנקיסטישע אָפּשטאמלערס.

די אינטעליגענץ וואָס האָט געשטאמט פון די פראנקיסטן האָט פאר־נומען זייער א פּראָמינענטן אָרט אין דעם פוילישן געזעלשאפטלעכן און קולטורעלן לעבן. זי איז געווען זייער סענסיטיוו אויף דעם פונקט פויליש־קייט. אזוי למשל איז דער קאָמעדיע־שרייבער זאלעווסקי צוגעשטאנען צום לאַגער פון די פוילישע קאָנסערוואטיסטן וואָס האָבן פארטיידיקט די אי־דעאלן פון דעם אמאָליקן פריצישן פוילן. א ווארשעווער זשורנאליסט שרייבט וועגן זאלעווסקין, אז ער האָט פארהערלעכט דעם אלטן גוטן פוי־לישן עבר „אזוי ווי ער וואָלט געהאט וועלכע עס איז שייכות מיט דעם דאָזיקן עבר"; בעת אין דער אמתן איז ער געווען, לויט דער מיינונג פון דעם זעלבן עדות, א „בולטע פארקערפערונג פון דער זעלבער ראסע, צו וועלכער ער האָט לויט זיין בלוט זיך אָנגעהערט", ד"ה געווען א ייד. זאלעווסקיס פֿאָטער איז געווען א בארימטער אדוואָקאט וואָס האָט ארויס־געוויזן אזא חריפות אין יורידישע ענינים, אז מען האָט אים אין ווארשע גערופן „א יידישער קאָפּ". דער יונגער זאלעווסקי, קרויזהארס פריינט, האָט ליב געהאט זיך צו באַרימען מיט זיין „ריטערלעכן קוראזש, געירשנט פון זיינע ריטערלעכע אָבות". ער פלעגט טענהן, אינפאָרמירט אונדז דער זעלבער זשורנאליסט ,אז ער שטאמט פון אַן אלטער פוילישער אדל־משפחה און פלעגט זיך ארומטראָגן מיט א כלומרשטן יחוס־בריוו.

די פראנקיסטישע אָפּשטאמלערס זענען געווען יוצאים ונכנסים אין קרויזהארס ליטעראַרישן סאלאָן. קודם כל זענען א סך פון זיי געווען יו־ריסטן און ממילא געווען פּראָפעסיאָנעל פארבונדן מיט קרויזהארן.

11. די חשדים קעגן פראנקיסטן

אין 1882 זענען די ווארשעווער פראנקיסטן געוואָרן אומגעריכט

אַן אָביעקט פון א זשורנאַליסטישער סענסאַציע וואָס האָט געהאט גאָר ערנסטע רעזולטאַטן. א טשעכישער זשורנאַליסט, עדוואַרד יעלינעק (1855־1897), איז געקומען קיין וואַרשע און האָט „אַנטדעקט" רעשטלעך פון פראַנקיסטן. צווישן אַנדערע האָט ער אינטערוויוּאירט דעם יידישן פאָלק־לאָריסט איגנאַץ בערנשטיין, וועלכער האָט אים דערציילט א סך פּיקאַנטע מעשיות וועגן די דאָזיקע פראַנקיסטן. פון אים האָט יעלינעק זיך דער־וווסט, אַז די פראַנקיסטישע אָפּשטאַמלערס לעבן נאָך עד היום אָפּגעזונ־דערט פון דער פּוילישער געזעלשאַפט, האָבן חתונה נאָר צווישן זיך און זענען בכלל אַנדערש פון אמתע פּאָליאַקן. יעלינעקס אַרטיקל *) האָט אַרויסגערופן א סענסאַציע. די וואַרשעווער פראַנקיסטן האָבן זיך שטאַרק דערשראָקן. זיי האָבן געזוכט א מיטל, ווי אַזוי זיך צו רעהאַביליטירן און צו באַווייזן, אַז זיי האָבן גאָרנישט בשותפותדיקס מיט יידן און האַלטן זיך פאַר פולבלוטיקע פּאָליאַקן־קאַטויליקן. אמת, די קאַטוילישע פּרעסע האָט זיי שטאַרק פאַרטיידיקט. אָבער דער אַטאַק אויף זיי איז געקומען דווקא פון דעם ראַדיקאַלן לאַגער.

אין דעם ראַדיקאַלן זשורנאַל „גלאָס" האָט פּאָטאָצקי געשריבן וועגן די פראַנקיסטן, אַז „הגם זיי האָבן אָנגענומען דאָס קריסטנטום אין אָנ־הייב פון אונדזער יאָרהונדערט, דאָך זענען זיי געבליבן אין אַן אינטימען קאָנטאַקט מיט יידן". דער קאָנסערוואַטיווער שרייבער פּשיבאָראָווסקי איז אַרויס תיכף מיט א קאָמפּילאַטיווער אַרבעט וועגן די פראַנקיסטן, אין וועלכער ער האָט זיך באַמיט זיי צו פאַרטיידיקן. דער פאַקט גופא, וואָס דער מחבר האָט זיך פאַרשטעלט אונטער א פּסעוודאָנים, האָט אין דער אמתן זיי מער געשעדיקט ווי געהאָלפן. מען האָט עס אויסגעטייטשט, אַז דער שרייבער וויל נישט, מען זאָל אים חושד זיין, אַז ער איז „געדונגען געוואָרן" פון די אייניקלעך פון די „אַנטיתלמודיסטן".

*) איין אַרטיקל איז וועגן דעם „פּוילישן מעצענאַט", דעם באַרימטן דאָקטאָר יעקב נאַטאַנסאָן (1832—1884) און א צווייטער וועגן דער יידישער אינטעליגענץ אין וואַרשע. אגב האָט מען אין דעם זעלבן יאָר געפונען אין לובלין א פּאָר אַקטן וועגן די פראַנקיסטן, וואָס זענען געוואָרן אָפּגעדרוקט ווי א סענ־סאַציע און לעבעדיק קאָמענטירט געוואָרן נישט נאָר אין דער פּוילישער פּרעסע, נאָר אויך אין דער דייטש־יידישער.

דאָס איז אגב געווען שוין די צווייטע פאַרטיידיקונגס־שריפט לטובת די פראַנקיסטן. אין 1866 האָט דער גלח סקימבאָראָוויטש אַרויסגעגעבן אַ בראָשור וועגן פראַנקיסטן, אַן איבערדרוק פון „טיגאָדניק אילוסטראָוואני״, וואָס זיין רעדאַקטאָר וואַצלאַוו שימאַנאָווסקי, אַליין פון פראַנקיסטישער אָפּשטאַמונג, האָט די דאָזיקע אַרבעט באַשטעלט *).

כדי צו פאַרטיידיקן די פראַנקיסטישע באַוועגונג ווי אַ היסטאָרישן פועל־יוצא פון אָביעקטיווע אומשטאַנדן און כדי צו באַפרייען די אָפּשטאַמלערס פון די פראַנקיסטן פון יעדן חשד, איז נויטיק געווען אַ מער וואָגיקער נאָמען ווי די אויבן דערמאָנטע צוויי שרייבערס.

האָט מען אויסגעקליבן קרויזהאַרן. ער איז געווען אַ חשובער פּוילישער יוריסט, אַ באַפּולערער היסטאָריקער און אַ ייד־פּאָליאַק, וואָס זיין פּוילישקייט האָבן אפילו די אַנטיסעמיטן נישט געהאַט דעם מוט אָפּצופרעגן. אין זיין סאַלאָן האָבן די פּני פון קאַטוילישן קלויסטער זיך געפילט זייער היימיש. דאָס זעלבע קען מען אויך זאָגן וועגן די חשובסטע פאָרשטייערס פון דער פראַנקיסטישער גזע.

12. „פראַנק און די פראַנקיסטן״

פּסיכיש איז קרויזהאַר שוין לאַנג געווען אין דעם לאַגער פון די וואָס האָבן געהאַלטן, אַז קאַטוילציזם און פּוילנטום זענען סינאָנימען. דאָס איז געווען צו זען פון זיין גלייכגילטיקער באַציאונג צו דער יידן־

---

*) וועגן וואַצלאַוו שימאַנאָווסקיס יידישן אָפּשטאַם ווערט ציטירט אַ לידל וואָס מען האָט אים אונטערגעוואָרפן אויף אַ באַנקעט פון פּוילישע שרייבערס אין לעמבערג:

> אַז די פראַנצויזן האָבן אַ שם פאַר אוידעלע מענטשן און יידן פון חוצפּהדיקע, אַז דו ביסט נישט קיין פראַנצויז, מיין וואַצעק, דאָס זעט גוט יעדער אויגער.

שימאַנאָווסקי איז געווען אַ קרוב פון דער באַרימטער פּיאַניסטין צעלינאַ שימאַנאָווסקי, די פרוי פון אדאַם מיצקעוויטש. עס איז כדאי דאָ אָנווייזן אויף אַ פאַרקוקטן פּאַסוס אין די מעמואַרן פון דער גרעפין בלודאָוו וואָס האָט פאַרנאָטירט, אַז דעם 3טן אויגוסט 1831 איז געשטאָרבן די „באַרימטע דאַמע — וווּרטואָזקע״ שימאַנאָווסקאַ.

פראַגע, אפילו אין אזעלכע פאַלן ווען די דאָזיקע פראַגע האָט ארויסגע־רופן אַן אינטערעס פון שטאַנדפונקט פון ריינער פילאַנטראָפּיע און הו־מאַניטאַרישקייט. קרויזהאַר למשל האָט נישט געקענט באַנעמען די יידי־שע פילאַנטראָפּישקייט פון דעם געוועזענעם יידן, דעם עוואַנגעליקער יאַן בלאָך, וואָס האָט זיך אַזוי היים מתעסק געווען מיט יידישע ענינים. דער־פאַר איז פאַר קרויזהאַרן די פראַגע פון פראַנקיזם און זיין עבר געווען נישט נאָר אַ פראַגע מיט אַן אַרכיוואַלישן ווערט, נאָר אַן ענין וואָס איז נוגע אַ גרויסע צאָל פּוילישע פּאַטריאָטן, צווישן זיי זיינע אינטימע פריינט. זייער איינציקער חטא איז באַשטאַנען אין דעם, וואָס זייערע זיידעס אָדער עלטער־זיידעס זענען געווען יידן.

עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז די דאָזיקע אייניקלעך פון דעם „האַר פון אָפּנבאַך" האָבן אין דער אמתן געהיים זיך אַרומגעטראָגן מיט אַ גע־וויסן סענטימענט פאַר זייער „יחוס". זיי האָבן למשל אָפּגעהיט אַ סך דאָקומענטן, ווי דרשות פון דעם „הייליקן פּאַן", בילדער און אַנדערע ווערטפולע זאַכן. זיי האָבן אויך נישט געקאַרגט קיין געלט אויף קרויז־האַרס נסיעה קיין ווין און אָפּנבאַך. דער רעזולטאַט פון די דאָזיקע פאָר־שונגען איז געווען אַ סאָלידע צווייבענדיקע מאָנאָגראַפיע וואָס איז אַרויס אין 1895 א"נ „פראַנק און די פראַנקיסטן" און האָט געמאַכט אַ גרויסן רושם.

אין דער הקדמה צו זיין בוך האָט קרויזהאַר געשריבן דעקלאַראַ־טיוו די ווייטערדיקע ווערטער:

„די אָפּשטאַמלערס פון די ערשטע אָנהענגערס פון דעם „האַר" ווערנדיק אמתע און גלויביקע קריסטן, בירגערס פון זייער לאַנד, האָבן שוין אין צווייטן דור איבערגעריסן אַלע פעדעם פון טראַ־דיציע מיט די עיקרים פון דעם אַגיטאַטאָר, און היינט צו טאָג, נאָך דעם ווי עס זענען פאַרביי מער ווי פינף דורות, האָבן די אוראייניקלעך גאָרנישט בשותפותדיקס מיט זיין היסטאָרישן עבר און ווילן נישט האָבן.

„דער היסטאָריקער פון פראַנקיזם טאָר בשום אופן נישט איג־נאָרירן דעם דאָזיקן פענאָמען. אויב ער וויל שטיין אויף דעם

יסוד פון אָביעקטיווען אמת, דאַרף ער אויסמיידן אַלע כוונות צו באַהאַנדלען דעם ענין אויף א טענדענציעזן אופן און זיך באַמיען מערניט אָנבינדן א געשיכטע, וואָס זי איז שוין ענדגילטיק א פאַרמאַכטע און אַן אָפּגעשלאָסענע און נישטאָ מער אויף דער שפּינראָד פון דעם היינט״.

מיט דער דאָזיקער דעקלאַראַציע האָט דער יוריסט־היסטאָריקער קרויזהאַר אַפּעלירט פאַר זיינע קליענטן, מען זאָל זיי איין מאָל פאַר אַלע מאָל לאָזן זיין „ריינע״ פּאָליאַקן און נישט דערמאָנען זיי זייער יידישן עבר.

פּונקט ווי אין 1862, בעת קרויזהאַר האָט געפּלאַנט זיין געשיכטע פון יידן אין פּוילן פון שטאַנדפּונקט פון דורכפירן א „בירגערלעכן חוב״ פון א יידן וואָס וויל באַווייזן די „פּוילישקייט״ פון דעם יידישן קיבוץ אין זינען פון היסטאָרישער איינגעפּונדעוועטקייט אין לאַנד, אזוי האָט ער איצט געהאַלטן פאַר זיין „פּוילישן נאַציאָנאַלן חוב״ צו פאַרטיידיקן די וואָס שטאַמען פון יעקב פראַנקן און באַווייזן, אַז זיי זענען שוין טיף פאַרוואָרצלט אין דעם פּויליש־קאַטוילישן אָרגאַניזם.

די קריטיק האָט אויפגענומען קרויזהאַרס ווערק ווי א היסטאָרישע אויספאָרשונג. זי האָט דעם אדוואָקאַטישן עלעמענט פאַרזען, אָדער פאַרקוקט. אוודאי איז אזא צוגאַנג געווען א באַרעכטיקטער, ווייל דאָס דאָזיקע בוך האָט געבראַכט א שלל נייע פאַקטן. פון דער גרויסער צאָל רעצענזיעס וואָס דאָס דאָזיקע בוך האָט אַרויסגערופן האָט קרויזהאַר צום העכסטן געשאַצט די רעצענזיע וואָס דובנאָוו האָט געשריבן. קרויזהאַר האָט משמעות נישט געוווּסט, אַז דובנאָוו האָט אין 1883 אָנגעשריבן אַן אַרבעט וועגן פראַנקן, וועמען ער האָט דעמאָלס געהאַלטן פאַר א רעפאָרמיסט פון יידישן לעבן. אין דער רעצענזיע פון קרויזהאַרס בוך האָט דובנאָוו קאָרעגירט זיין פריערדיקע שטעלונג און איז געקומען צום אויספיר, אַז פראַנק איז נישט קיין מיסטיקער, נאָר א מיסטיפיקאַטאָר. ער האָט אָנגעוויזן אויף א סך חסרונות אין דעם בוך. אין אַלגעמיין האָט דובנאָוו געלויבט קרויזהאַרס מאָנאָגראַפיע און צום סוף האָט ער אים געטאַדלט,

אין שאָטן פון עבר

למאי ער האָט דעזערטירט פון דעם ידישן פעלד און איז „געגאַנגען היטן פרעמדע וויינגערטנער” אין דער אַלגעמיינער פּוילישער געשיכטע.

קרוויזהאר האָט אין זיין ענטפער־בריוו צו דובנאָוון פאַרשוויגן אָט די טענה.

דער בריוו לייענט זיך אַזוי:

וואַרשע, דעם 22/10סטן סעפּטעמבער 1896.

חשובער און ליבער הער!

מיט גרויס פאַרגעניגן און מיט אמתן נוצן האָב איך איבער־געלייענט אייער גרונטיקע רעצענזיע וועגן מיין אַרבעט „פראַנק און די פראַנקיסטן” וואָס איז אָפּגעדרוקט אין זשורנאַל „וואָס־ךאָד”.

פון דער גאַנץ היפּשער צאָל רעצענזיעס איבער דער דערמאָנ־טער אַרבעט האָב איך אין אייער קריטיק געפונען צום מערסטן פּרטים וואָס הייבן אַרויס דאָס וואָס עס איז כדאי געווען אַרויס־צוהייבן; ס'איז אַן אָביעקטיווע און דאָך אַ פריינטלעכע קרי־טיק וואָס זוכט אַרויסצוגעבן אַ גערעכטן אורטייל וועגן דעם ענין גופא און וועגן זיין באַאַרבעטונג.

שיקנדיק אייך אַ האַרציקן דאַנק פאַר אייער שיינער רעצענ־זיע, רעכן איך, אַז איך וועל אייך פאַרשאַפן נישט ווייניק פאַר־גענינגן מיט דער ידיעה, אַז היינטיקס יאָר האָב איך געפונען אין איינעם פון די אויסלענדישע אַרכיוון נייעם מקור־מאַטעריאַל צו דער געשיכטע פון דעם הייפל פראַנקיסטן, וואָס איז אויפגע־שטאַנען אין אָפּנבאַך נאָכן טויט פון פראַנקן און זיין משפחה. אין דעם מאַטעריאַל האָבן זיך געפונען אויסערגעוויינטלעך וויכ־טיקע און אינטערעסאַנטע פּרטים, וואָס וואַרפן אַ נייע שיין אויף דער סעקטע און אירע מאמינים.

ד״ר יעקב שאצקי

נאָך דעם ווי איך וועל באַאַרבעטן דעם דאָזיקן מאַטעריאַל, וועל איך אַרויסגעבן אַ הוספה, צו די פריערדיקע בענד אונטערן נאָמען: „דער עפּילאָג פון פראַנקיזם", און איך וועל נישט פאַרזוימען צוצושיקן אייך די דאָזיקע אַרבעט ווען זי וועט אַרויס.

דערווייל בעט איך אייך צוצונעמען די פאַרזיכערונג פון דער טיפסטער אַכטונג

פון אייער אונטערטעניקן דינער

אַלעקסאַנדער קרויזהאַר

„פראַנק און די פראַנקיסטן" איז געווען די צווייטע און לעצטע גרעסערע אַרבעט וואָס קרויזהאַר האָט געמאַכט אויפן געביט פון דער יידישער געשיכטע. די האָפּעננונגען וואָס זיינע פּוילישע לערערס און קאָלעגן־היסטאָריקערס האָבן אויף אים געלייגט, אַז עס וועט פון אים אויסוואַקסן ד ע ר היסטאָריקער פון יידן אין פּוילן, איז נישט מקוים געוואָרן. אין תוך גענומען זענען די דאָזיקע האָפּעננונגען געווען פאַרבונדן מיט געוויסע נאַציאָנאַל־פּאָליטישע טעמים. דאָס וואָס יידישע געשיכטע אין פּוילן האָט מען באַאַרבעט אויף דייטש און אויף רוסיש — האָט די פאַרפּוילישטע יידן און די פּוילישע געלערנטע שטאַרק נישט געשמעקט. אָבער די דאָזיקע האָפּעננונגען זענען אויך פון יידישן שטאַנדפּונקט נישט געווען קיין באַרעכטיקטע. קרויזהאַרן האָט קודם כל געפעלט יידיש וויסן און ליבע פאַר דעם יידישן מענטשן. דאָס קנאַפּע קענען יידישע ענינים וואָלט נישט געווען קיין מניעה ביים באַאַרבעטן די פּאָליטישע געשיכטע פון יידן אין פּוילן. אים האָט אָבער שטאַרק געשטערט דער שיפלות־קאָמפּלעקס וואָס האָט זיך מאַניפעסטירט אין אויסקלייבן אַזעלכע טעמעס וואָס האָבן צו טון דווקא מיט דער פּוילישער פּריצישער וועלט, מיטן קעניגלעכן הויף, מיטן פּוילישן נאַציאָנאַלן מאַרטירערטום און מיט דער מיליטערישער פאַרגאַנגענהייט פון פּוילן. בעת קרויזהאַר שרייבט וועגן די געשעענישן פון 1648 אינטערעסירט אים נאָר דער פּוילישער מאַגנאַטישער צד. צום יידישן טראַגישן גורל איז ער גלייכגילטיק.


Warszawa d. 10/22 Września 1896.

Szanowny i Łaskawy Panie!

Z wielką przyjemnością i pożytkiem [illegible] odczytałem gruntowny rozbiór Wasz pracy mojej: „Frank i Frankiści polscy" zamieszczony w czasopiśmie „Woschod".

Ze wszystkich dotąd dokonanych licznych recenzyj, wymienionej pracy

na sektę i jej wyznawców. Po opracowaniu owego materyału wydam uzupełnienie do poprzedniej książki: pod tyt: Epilog Frankizmu i nie omieszkam Wam nadesłać owej pracy po jej ukończeniu.

Na teraz proszę przyjąć zapewnienie najgłębszego poważania

od powolnego Sługi

Alexandr Kraushar

פאקסימיל פון ערשטן און לעצטן זייטל פון אלעקסאנדער קרויזהאַרס בריוו צו ש. דובנאָוון

13. דער שמד אויף די עלטערע יאָרן

אין פּראָצעס פון שטודירן די פאַרשטויבטע אקטן פון דער דאָזיקער מערקווערדיקער באַוועגונג פון א ראַדיקאַלער אסימילאַציע וואָס איז געווען איינגעהילט אין משונהדיקע פאָרמען פון פּסעוודאָ־רעליגיעזע סימבאָלן האָט קרויזהאַר זיך אליין „נעאָפיטיזירט״. אין דעם זעלבן יאָר ווען זיין בוך איז ארויס האָט ער מיט זיין גאַנצער משפּחה אָנגענומען דעם „פּוילישן גלויבן״, ד״ה געוואָרן א רוימישער קאַטויל. געשען איז דאָס שטיל, אָן שום פּירסום *).

אין דער יידישער וואַרשע, אין דעם קרייז פון יידישע און העברעאישע שרייבערס און משכילים, האָט מען צו יענער צייט נישט געקענט ארויסרופן קיין אינטערעס פאַר יידישע היסטאָרישע פאָרשונגען. פון אויסלאַנד האָט דער אומדערמידלעכער דוד קויפמאַן אַפּעלירט צו דער יידישער אינטעליגענץ אין פּוילן, זי זאָל קלייבן דאָקומענטן פון יידישן עבר. פון אדעס האָט עס געטון שמעון דובנאָוו. אין וואַרשע האָט עס געטון נחום סאָקאָלאָוו, וואָס האָט אין זיינע יאָרביכער „האסיף״ און „ספר השנה״ געדרוקט רויע מאַטעריאַלן פון פּינקסים און אנדערע מקורים און גערופן ראַטעווען יידישע היסטאָרישע מאַטעריאַלן. עס האָט אָבער געפעלט דער חוש פאַר אַזעלכע ארבעטן און עס האָבן אויך געפעלט די וואַרעמע יידישע געפילן ביי דער סטודענטנשאַפט אין וואַרשע, אז זי זאָל טון דאָס וואָס די יידישע סטודענטן אין רוסלאַנד האָבן זיך צו יענער צייט שוין געקליבן צו טון **).

---

*) די סיבה, למאי קרויזהאַר פיגורירט נישט אין דעם בוך פון יעסקעכאַאינסקי וועגן משומדים אין פּוילן, וואָס איז ארויס אין 1904, איז אזא: דער מחבר האָט מיטגעאַרבעט אין „קוריער וואַרשאַווסקי״, וואָס זיין בעל־הבית שלמה לעווענטאַל (שפּעטער זיך געשמדט) איז געווען קרויזהאַרס שוואָגער. צוליב ענלעכע סיבות פיגורירן א סך פּראָמינענטע משומדים נישט אין דעם בוך. די גבירים־משומדים האָבן פּשוט געגעבן דעם מחבר „לאַ־יחרץ״־געלט.

**) ווינאַווער באַשרייבט עס אין זיין ארבעט „ווי אזוי מיר האָבן זיך באַשעפטיקט מיט געשיכטע״. אגב איז ווינאַווער געווען א וואַרשעווער ייִד מיט א גרעסערן יידישן פּאַטריציִשן יחוס ווי קרויזהאַר. דאָך האָט ער זיך אין אוניווערסיטעט נישט פאַרנומען מיט יידישער געשיכטע, נאָר דווקא מיט דער פּוי–

אזוי ארום האָט דער ערשטער היסטאָריקער פון יידן אין פוילן פאַר־מעל ליקווידירט, צוזאמען מיט דער מעטריקע־יידישקייט, אויך דעם אינ־טערעס פאר היסטאָרישער יידישקייט.

אמת, פון צייט צו צייט שטויסט זיך קרויזהאר אָן אויף יידישע פּראָבלעמען. ער מיידט זיי אָבער אויס צו פאַרענטפערן, דיסטאַנצירנדיק זיך פון דער סביבה וואָס האָט ארויסגערופן די דאָזיקע פּראָבלעמען. אזוי למשל האָט זיך אין 1902 צו אים געווענדט זיין יוגנטפריינט, דער סאָ־ציאָלאָג לודוויק גומפּלאָוויטש, וואָס האָט זיין פאַרשארבעט אויך אָנגע־הויבן מיט דער געשיכטע פון יידן אין פוילן, און אים געבעטן העלפן ארויסגעבן די איבערגעבליבענע כתבים פון זיין יונג פארשטאָרבענעם זון מאקסימיליאן גומפּלאָוויטש. דאָס זענען געווען ארבעטן וועגן דעם אָנ־הויב פון יידישן ישוב אין פוילן. קרויזהאר האָט אים געענטפערט, אז ער איז שוין לאנג אוועק פון דעם דאָזיקן געביט און דעריבער קען ער אים נישט בייהילפיק זיין. עס איז כאראקטעריסטיש, אז גומפּלאָוויטש — וואָס האָט זיך געשמדט כדי צו קענען ווערן א פּראָפעסאָר אין גראַץ, בעת ער האָט גאָר געפילט, אז ער איז א פּאָליאַק און האָט געוואָלט ווערן פּראָ־פעסאָר אין קראָקעווער אוניווערסיטעט, וואָס דאָס האָט זיך אים נישט איינגעגעבן — האָט אין זיינע בריוו באַרירט די פראגע פון אנטיסעמיטיזם.

לישער. אין 1887 האָט ער באַקומען א גאָלדענעם מעדאל פון דעם יורידישן פאַ־קולטעט פאר זיין ארבעט וועגן פּוילישן רעכט אין 13טן יאָרהונדערט, אַן ארבעט וואָס ווערט עד היום געהאלטן פאר א קלאסיש ווערק אין דער פּוילישער ליטע־ראַטור, בעת דווקא א פּאָליאַק מיטן נאָמען בזשעזשינסקי האָט אין דעם זעלבן אוניווערסיטעט באַקומען אין 1881 א גאָלדענעם מעדאל פאר אַן ארבעט וועגן די יידישע פּריווילעגיעס פון קאַזשימיעזש דעם גרויסן (ארכיוו פון ווארשעווער אוניווערסיטעט). וואָלט ווינאַווער געבליבן אין פּוילן, וואָלט ער זיך מסתמא נישט פאַראינטערעסירט מיט דער יידישער געשיכטע. דאָס זעלבע קען מען זאָגן וועגן סאַלוויאַן מאָוריקיעוויטש גאָלדשטיין (1855—1926). וואָס האָט געשטאַמט פון אַן אסימילירטער יידישער משפחה און האָט זיך באַזעצט אין פּעטערבורג, ווו ער האָט רעדאַגירט די באַריכטע „רעגעסטן און אויפשריפטן" און געווען טעטיק אין יידישע וויסנשאַפטלעכע אינסטיטוציעס.

אויך דער לובלינער י. קליינמאַן האָט זיך „פאַריידישט" אין פּעטערבורג; אין לובלין איז די לאגע געווען נאָך ערגער ווי אין ווארשע.

באזונדער האָט אים ווי געטון דער ענין דרייפוס. אָבער קרויזהאַר לאָזט איבער זיינע קלאָגענישן אָן אַן ענטפער. ער, קרויזהאַר, האָט קיין שום שייכות נישט מיטן דרייפוס־פּראָצעס, וואָס איז א ריין... פראַנצויזישער ענין *).

קרויזהאַר בלייבט גלייכגילטיק צום יידישן לעבן, הגם יידן האָבן זיך מיט אים געגרויסט ביי יעדער געלעגנהייט און אפילו ניטש געבעטע־נערהייט אָפּגעריכט זיין יובילײַ. מען קען בלויז זאָגן צו זיין שבח, אז ער איז נישט מיטגעשלעפּט געוואָרן אין אַנטיסעמיטישן לאַגער, ווי דאָס איז געשען מיט א סך געשמדטע יידישע אינטעליגענטן אין פּוילן.

דאָס לעצטע מאָל וואָס קרויזהארן איז אויסגעקומען זיך צוצורירן צו א יידישן ענין איז געווען אין 1908. זיין שווער מאַטיאַס בערסאָן איז געשטאָרבן. די משפחה האָט געמוזט אויספירן זיין צוואה, לויט וועלכער דער איידעם קרויזהאַר האָט באַדאַרפט צוגרייטן צום דרוק די זאַמלונג דאָקומענטן און רעגעסטן צו דער געשיכטע פון יידן אין פּוילן, וואָס בער־סאָן האָט אָנגעקליבן במשך פון זיין לאַנגן לעבן.

די אַרבעט איז קרויזהאַרן אַזוי נישט געווען צום האַרצן, אז ער האָט זיך נישט גענומען אפילו די מינדסטע מי צו קאָרעגירן די שוידער־לעכע גרייזן אין די לאַטיינישע טעקסטן, וואָס דער שווער האָט געמאַכט ביים איבערשרייבן פון א שפּראַך וואָס ער האָט לחלוטין נישט פאַר־שטאַנען **).

---

*) מאַקסימיליאַן גומפּלאָוויטש איז געבוירן געוואָרן אין 1864 און ער האָט זיך גענומען דאָס לעבן אין 1897. דער פאָטער האָט אין 1866 געוואָלט ווערן א דאָצענט אין קראָקעווער אוניווערסיטעט אויפן סמך פון זיין אַרבעט: „די פּוי־לישע געזעצגעבונג וועגן יידן”. מען האָט אים אָבער נישט צוגעלאָזט. שפּעטער האָט ער זיך געשמדט מיט דער גאַנצער משפּחה. אגב האָט מאַקסימיליאַן גומפּלאָ־וויטש פאַרשריבן זיין יודאַאיסטישע ביבליאָטעק משה שאָרן, וואָס איז דעמאָלס געווען א יונגער סטודענט, שפּעטער דער באַוווסטער געלערנטער און רב־הכולל פון וואַרשע

**) מ. בערסאָן, דיפּלאָמאַטאַריום וועגן יידן אין אַמאָליקן פּוילן (1782—1388) וואַרשע, 1910.

די ביאָגראַפיע (נישט געחתמעט) שטאַמט פון קרויזהאַרן, וואָס זיין נאָ־מען פיגורירט ערשט צום סוף פון בוך ביי די „צוגעגעבענע דערקלערונגען”.

צו דער גרויסער באָיקאָט־באַוועגונג (1912) האָט קרויזהאַר נישט נאָר נישט גענומען קיין שטעלונג, נאָר ער האָט ווייטער מיטגעאַרבעט אין דעם „קוריער וואַרשאַווסקי" (זיין שוועגערין האַרטעניזיא לעווענטאַל איז געווען די אייגנטימערין פון דער דאָזיקער צייטונג וואָס איז געשטאַנען בראָש פון דער אַנטי־יידישער אַגיטאַציע). אין מיטן באָיקאָט איז געשטאָרבן קרויזהאַרס פרוי, יאַדוויגאַ. איר לוויה איז געווען אַ סענסאַציע אין דער געשיכטע פון וואַרשעווער לוויות. מער ווי הונדערט גלחים מיטן ביסקופּ בראָש האָבן זיך באַטייליקט אין דער טרויער־פּראָצעסיע. די גאַנצע פּוילישע פּרעסע איז אַרויס מיט לויב־ווערטער פאַר דער דאָזיקער פרוי, וואָס איז געווען „אַ מוסטער פון פּוילישקייט". די „ביבליאָטעקאַ וואַרשאַווסקאַ", דער סאַמע חשובסטער און עלטסטער פּוילישער חודש־זשורנאַל, געגרינדעט געוואָרן אין 1840 אויף יידיש געלט, איז אַרויס מיט אַזאַ הספּד אויף יאַדוויגאַ קרויזהאַר:

> „געבוירן און דערצויגן אין דער יידישער אמונה, האָט זי שוין אין אַ צייטיקן עלטער אָנגענומען דעם קאַטוילִיציזם, כדי זיך צו פאַראייניקן מיט פּוילן דורך די שטאַרקסטע פּעדעם. געטון האָט זי דאָס מיט אַן אויפריכטיקן גלויבן. פון דעמאָלט אָן איז זי געבליבן אַן איבערצייגטע און פרומע קאַטוילין ביזן סוף פון איר לעבן" *).

אין דעם פרייען פּוילן האָט קרויזהאַר זוכה געווען באַלוינט צו ווערן

---

*) סאָקאָלאָוו האָט געשריבן וועגן דער דאָזיקער לוויה אין „הצפירה", וואָס איז מיר לײדער אין איצטיקן מאָמענט נישט צוטריטלעך. דאָס וואָס מען האָט אין די נעקראָלאָגן אַזוי שטאַרק אונטערגעשטראָכן איר איבערגאַנג אויף קאַטוילִיציזם שטימט מיט דער נייער „אָריענטאַציע" פון דער פּוילישער אַסימילאַציע אין דער תקופה פון באָיקאָט, וואָס האָט זיך אויסגעדריקט אין פאָרמולירן פּוילישקייט ווי אַ ריין קאַטוילישע קולטור־פאָרמאַציע. אַזוי למשל האָט דער משומד אַנדזשיי בוימפעלד (שפּעטער באָעסקי) אין יענער צייט געשריבן „אַ ייד־פּאָליאַק איז אַן אַבסורד; אָדער מען איז אַ ייד אָדער אַ פּאָליאַק. די פּוילישע קולטור איז אַ קאַטוילישע".
אפילו דער אַנטיסעמיטיזם איז פאָרמולירט געוואָרן אָן שום אַפּאָלאָגעטישע מאָטיוון, נאָר ווי אַ „נאַטירלעכער פענאָמען".

פאר זיין טעטיקייט בעת דעם אויפשטאנד פון 1863. ער האָט באַקומען דעם ראנג פון א קאפיטאַן מיטן רעכט צו טראָגן א מונדיר פון א וועטעראַן און אויך א מעדאַל. אין יענע יאָרן האָט מען אים געקענט זען אין דעם ציכטיקן מונדיר מיט דער קאָנפעדעראטקע אויפן קאָפּ, שפּאַצירנדיק אין דער ריכטונג פון דער יידישער קהילה אויף גזשיבאָווסקע גאַס. דאָס איז געגאנגען דער ערשטער היסטאָריקער פון יידן אין פּוילן אָפּגעבן די לעצטע שיריים פון יידישן עבר, וואָס זענען געבליבן אין זיין זייער רייכן פּוילישן ארכיוו, און זיי געשאָנקען דעם יידישן מוזיי וואָס זיין שווער האָט געגרינדעט און פארשריבן דער יידישער קהילה.

דער לעצטער גרוס פון קרויזהארס אינטערעס פאר יידן איז דער אינטערוויו מיט א יידישן זשורנאַליסט, ווען ער האָט דערקלערט, אז „אין איצטיקן מאָמענט איז דער ציוניזם די איינציקע פּאָזיטיווע דערשיינונג אין יידנטום *).

ער איז געשטאָרבן דעם 11טן דעצעמבער 1931 אין עלטער פון 88 יאָר. אויף זיין קבר האָבן פּוילישע סאָלדאַטן מיט א מיליטערישן סאַלוט באַשטעטיקט זיין רעכט צו זיין א פּאָליאַק.

אין דער טרויער־אקאדעמיע וואָס די היסטאָרישע געזעלשאפט אין ווארשע האָט אראנזשירט און אין די צאָלרייכע נעקראָלאָגן אין דער פּוילישער פּרעסע איז דער יידישער קרויזהאר אין גאנצן נישט דערמאָנט געוואָרן **).

*) אין יענער צייט האָט דער טשעכישער דיכטער פר. קוואפּיל פארעפנטלעכט איבערזעצונגען פון פּוילישע פּאָעטן פון יידישן אָפּשטאַם און האָט אויך ארייַנגענומען קרויזהארן אין זיין רשימה.

דער זעלבער קוואפּיל האָט אין דעם זעלבן לוח פון די טשעכישע אסימילאַטאָרן איבערגעזעצט א סך לידער פון קרויזהארן, זיי זענען געדרוקט אין באנד 9 (1889—1890). דאָס איז געווען דער לעצטער רמז אויף זיין יידישקייט, אָבער דאָס מאָל אין... אויסלאנד.

**) די וויכטיקסטע הספדים זענען אָפּגעדרוקט אין „פּזשעגלאָנד היסטאָריטשני” באנד 10, 1933. זיי זענען געהאלטן געוואָרן פון האנדעלסמאַן, פּאָניקאָווסקי (בארימטער יוריסט), שיעמיענסקי און קענטזשינסקי. קיין איינער האָט נישט מרמז געווען אפילו אויף קרויזהארס יידישער אָפּשטאַמונג. וואָס די

☆

קרויזהאר איז נישט דער איינציקער וואָס האָט דורכגעמאַכט דעם פּולן גילגול. ער איז אָבער מער כאַראַקטעריסטיש שוין צוליב דעם וואָס ער האָט זיך אַסימילירט נישט סתם מיט פּוילישקייט, נאָר מיט איר רעאַקציאָנערסטער, מיט איר קאַטוליש־שליאַכטישער פאָרעם וואָס האָט טיף געוואָרצלט אין דעם אַלטן פּריצישן פּוילן פון פאַר 1772. ער האָט אָט דאָס אַלטע פּוילן פאַרהערלעכט און נאָך איר געבענקט. ער וואָלט אויך געוואָלט האָבן אַ „סאַרמאַטישן", אַן עכט פּוילישן עלטער־זיידע וואָס האָט געשמיסן פּויערים, זיך דועלירט און געפירט אַ לעבן ווי עס פּאַסט פאַר דער „גאָלדענער שליאַכטע". אים איז אָבער באַשערט געווען צו האָבן אַ זיידן וואָס האָט ערשט אין 1831 אַ ביסל אונטערגעשאָרן די באָרד און געווען נישט מער ווי אַ יידישער סוחר וואָס האָט געלייענט השכלה־ביכלעך. נישט קענענדיק זיך אויסוואָרצלען ביאָלאָגיש, האָט ער עס געטון גייסטיק *). פאַר אים איז אַן אַלט בלעטל וועגן אַ מעטרעסע פון אַ פּוילישן מלך געווען וויכטיקער ווי די אוצרות פון יידישן עבר, וואָס ער, קרויזהאר, האָט יעדן טאָג ממש געזען אין די מלוכהשע און פּריוואַטע אַרכיוון און איז זיי גלייכגילטיק פאַרבייגעגאַנגען. אים האָט זיך געוואָלט,

---

יידישע און יידיש־פּוילישע פּרעסע האָט געשריבן וועגן אים איז שווער אין איצטיקן מאָמענט פעסטצושטעלן.

*) עס איז ביז גאָר אינטערעסאַנט אַז אַן ענלעכע מאָטיווירונג פון אַרויסוואַקסן אין דער „קולטור פון היימלאַנד" דורך אָנגעמען דעם קריסטלעכן גלויבן געפינען מיר דווקא ביי אַ יידישן ביאָגראַף פון דער באַרימטער לעוואַלד־משפּחה וואָס האָט אַרויסגעגעבן אַזוי פיל שרייבערס און פּרויסישע פּאַטריאָטן: די דאָזיקע משפּחה האָט פּאַקטיש געהייסן וועהלע, אַ קרוב מיט יצחק אייבעל. דער שרייבער היינריך שפּיראָ שרייבט אַזוי:

Taufe aus dem durchaus edlen Motiv: sich nun, da die staatsbürgerliche Gleichheit gewaehrt und das Odium eines Uebertritts bedraengter Lage wegen genommen war, ganz dem Heimatsstaat anzugliedern.

ביי אים איז אויך דייטשטום נישט נאָר פּראָטעסטאַנטיזם, נאָר דאָס מזרח־דייטשע פעאָדאַלע יונקערטום.

אז נישט־יידן זאָלן זיך פאַרנעמען מיטן יידישן עבר אין פּוילן. אויף זיי וועט נישט פאַלן קיין חשד אז זיי זענען יידן. ער האָט אָבער באטראכט אזא מין פאָרשאַרבעט פאר עמעצן וואָס איז נישט קיין „ראסן״־פּאָליאַק ווי א מין „אליין־גערמאַניזירן־זיך״.

אין קרוויזהארם לעבן און אין זיין ליטעראַרישער טעטיקייט — וואָס זי הייבט זיך אָן מיט לירישע יידישע לידער און ענדיקט זיך מיט זכרונות וועגן די קאַטוילישע ביסקופּן, מיט וועלכע ער איז געוועזן אינטים באַ־פריינדט,— זעען מיר א שטיק טאָטאַלע אסימילאַציע, א געשיכטע פון איינעם וואָס האָט אָנגעהויבן ווי א פאָרשער פון יידישן עבר און פאַר־ענדיקט ווי א פאַרלייקענער פון יידישן היינט.

(ייוואָ־בלעטער XXII, 1943)

פּרעסע שטימען וועגן:

דאָס פּוילישע יידנטום

ביכער־סעריע פון דעם צענטראַל־פאַרבאַנד פון פּוילישע יידן
אין אַרגענטינע

רעדאַקטאָר: מאַרק טורקאָוו

יעקב לעשצינסקי שרייבט א״נ „כינוס־פּוילן" („יידישער קעמפער", ניו־יאָרק 31טער יאַנואַר 1947):

דער חורבן פון דעם מזרח־אייראָ־פּעאישן יידישן צענטער האָט גע־שאַפן אַ סיטואַציע, וואָס איז איינ־ציקאַרטיק אַפילו אין אונדזער גע־שיכטע, וועלכע איז אַזוי רייך מיט קאַטאַסטראָפעס און פאָלקס־אומגלי־קן. ס׳זענען חרוב געוואָרן נישט נאָר אינסטיטוציעס און אַנשטאַלטן, וועלכע האָבן פאַרקערפּערט גייסטי־קע פאָלקס־ענערגיע פון דריי טויזנט יאָר יידישע געשיכטע, נאָר ס׳זענען אויך אומגעבראַכט געוואָרן די לע־בעדיקע טרעגער פון דער דאָזיקער אַקומולירטער ענערגיע. ס׳זענען אָפּ־געווישט געוואָרן ישובים, וועלכע האָבן במשך פון פיל יאָרהונדערטער געבילדעט דעם רוב מנין און רוב בנין פון יידישן פאָלק, וועלכע האָבן פּאַקטיש פאַרזאָרגט מיט לעבעדיקע גייסטיקע כוחות און מיט קולטור־ווערטן דאָס גאַנצע וועלט־יידנטום, איינשליסנדיק ארץ ישראל. מען האָט פאַרניכטעט מיט איין קלאַפּ דעם גייסטיקן רוקן־ביין פון יידישן פאָלק.

און אויב אין פריערדיקע תקו־פות, ווען די רעליגיע האָט נאָך באַ־הערשט דאָס גאַנצע יידישע לעבן און באַשטימט אַלע שטייגער־פאָרמען פון יעדן יידן און די רעליגיע איז לכן געווען די הויפּט מחיצה צווישן אונדזער פאָלק און דער פרעמדער אַרומיקער וועלט, האָבן יידן אומע־טום, וווהין נאָר דער גורל האָט זיי פאַרוואָרפן, ווייטער געשפּינט דעם פאָדעם פון אייגענעם יידישן אייגנ־אַרטיק נאַציאָנאַלן לעבן, איז די לאַ־גע אין אונדזערע צייטן אַן אַבסאָלוט

אַנדערע. גרויסע טיילן פון אַנטלוי־פנדיקן אייראָפּעאישן יידנטום קומען שוין גרייט אַסימילירטע אין די נייע וועלטן — פאַר זיי שטייט גאָר ניט די פראַגע וועגן שאַפן יידישע לע־

בנס־פאָרמען אין די נייע באַדינגונ־
גען, נאָר ווי אומצודרייען דעם
פרעמדן אייראָפּעאישן פּעלץ אויף
אַן אמעריקאַנער פּעלץ. נאָר אפילו
די טיילן, וואָס קומען נאָך אָנגעלאָדן
מיט רעליגיעזע אָדער נאַציאָנאַלע
צוגעבונדנקייטן און טריישאַפטן,
ווערן שרעקלעך גיך אַריינגעצויגן
אינעם שטראָם פון דעם אַרומיקן
לעבן און ווערן ממש אין איין היס־
טאָרישן כהרף עין שפּראַכלעך, קול־
טורעל און אפילו שטייגעריש אסי־
מילירט. דער מעקסיקאַנער ישוב,
למשל, דער זאַפטיקער און באַוווסט־
זיניקסטער פון אַלע אמעריקאַנער
ניי־אויפגעקומענע ישובים, מיט אַ
שול־נעץ, וואָס גיט יידישע בילדונג
כמעט אַ העלפט פון אַלע יידישע קינ־
דער, אַ פּראָצענט, צו וועלכן קיין
שום אַנדערער קיבוץ האָט זיך נישט

דערשלאָגן—אָט דער דאָזיקער ישוב
האָט שוין אין משך פון 20־25 יאָר
שפּראַכלעך פאַרלאָרן זיין יוגנט. און
וואָס איז ווערט אַ פאָלק אָן אַן איי־
גענער יוגנט?! טויזנט יאָר האָבן

יידן געלעבט אין פּוילן און זיך
שפּראַכלעך נישט אסימילירט, כאָטש
יעדער פּוילישער ייד האָט געקאָנט
גענוג די שפּראַך פון לאַנד, אויף
וויפל דאָס איז געווען אומבאַדינגט
נויטיק צוליב פּרנסה־צוועקן און
כאָטש ס'זענען תמיד געווען ביי די
פּוילישע יידן יחידים, וועלכע האָבן
נישט נאָר גערעדט פּויליש, נאָר אויך
טאַקע געקאָנט פּויליש — אי די
שפּראַך, אי די ליטעראַטור.

קיינמאָל אין דער יידישער גלות־
געשיכטע זענען איבערגעבראַכטע
קולטור־אוצרות נישט אָפּגעווישט
געוואָרן אַזוי גיך און אינטענסיוו
אָפּגעריבן געוואָרן, ווי אין אונדזער
צייט פון גרויס־שטאָטישער קולטור,
וואָס פאַרכאַפּט דעם ניי־אָנגעקומע־
נעם פון ערשטן מאָמענט פון זיין
שטעלן די פיס אויפן נייעם באָדן.
די רעליגיעזע באַזע פון יידישן נאַ־
ציאָנאַלן לעבן, וואָס איז געווען די
הויפּט־פאָרם פון אונדזער איזאָלאַ־
ציע פון דער אַרומיקער פרעמדער
וועלט, וואָס האָט צוויי טויזנט יאָר
אַזוי היסטאָריש קלוג און אויסגע־
מאָסטן אונדז געלערנט די מאָס פון
קאָמפּראָמיסן לגבי דער פרעמדער
סביבה — אָט די דאָזיקע באַזע איז
אָפּגעריסן געוואָרן פונעם טאָג־טעג־
לעכן לעבנס־לויף, האָט פאַרלאָרן
איר השפּעה אויף אונדזערע צופּאַ־
סונגס־טענדענצן, האָט זיך אונטער־
געגעבן דעם דרוק פון דער פרעמדער
וועלט.

ביי אַזאַ סכנה־סיטואַציע ווערט
די אחריות פונעם דור, וואָס איז דער
איינציק נאָך לעבן געבליבענער
בינד־גליד צווישן דעם חורבן עבר
פון די אַלטע ישובים און דעם קיום
אָטעמדיקן אַלטן אוצר אין די נייע
ישובים, פיל גרעסער און ערנסטער,
אַ סך קאָמפּליצירטער און היסטאָריש
וויכטיקער. איבערגעבן די קומענדי־
קע דורות אַ פול און ריכטיק בילד
פון די אוצרות, וואָס דאָס מזרח־איי־
ראָפּעאישע יידנטום האָט געשאַפן
אין דער רייכסטער תקופה פון אונ־

זער גלות־געשיכטע, איז דער הייליקער חוב פון דעם רעשט יידישער אינטעליגענץ, וואָס האָט נאָך אַליין מיטגעלעבט דאָס פולע יידישע לעבן אין מזרח־אייראָפּע, וואָס איז אַליין געווען באַטייליקט אין דעם גרויסן, ממש פאַרכאַפּנדיקן אויפלעבונגס־פּראָצעס פונעם יידישן פאָלק און וואָס האָט נישט, ליידער, קיין לעבעדיקע דירעקטע יורשים, וועלכע וואָלטן געקאָנט איבערנעמען די דאָזיקע הויכע מיסיע.

אין דער ערשטער ריי קומט דאָ כינוס, ווי ביאַליק האָט דאָס אַזוי טיף און גלענצנדיק פאָרמולירט — צונויפטראָגן די אוצרות, אָפּקלייבן די סולת פון די שאַפונגען פונעם אייראָפּעאישן יידישן צענטער, אָפּזוכן דעם עיקר און אויסזוכן דאָס ווערטפולסטע, דאָס היסטאָריש־ירושהדיקע און עס מאַכן צוגענגלעך פאַר די קומענדיקע דורות. זאָל זיין כאָטש צונויפטראָגן די צעוואָרפענע איבער צייטונגען און זשורנאַלן שאַפונגען פון צענדליקער און הונדערטער בויער פון דער יידישער קולטור אין אַלע אירע פאָרמען און געשטאַלטן.

לאָזט מען אין אַ זייט ארץ ישראל, ווו די אָריגינעלע יידישע קולטור האָט זיך אַזוי ברייט און טיף צעוואַקסן די לעצטע צען יאָר און ווו די כינוס־אַרבעט האָט אָנגענומען די ברייטסטע מאַסשטאַבן, מוז מען פון אַלע גלות־לענדער דעם קליינעם אַרגענטינער יידישן ישוב אַוועקשטעלן אויפן ערשטן פּלאַץ אין פּרט פון דערפילן די גרויסע אחריות פון היסטאָרישן מאָמענט. און אַזוי ווי דאָס פּוילישע יידנטום איז געשטאַנען אין דער שפּיץ פונעם אייראָפּעאישן יידנטום, איז נאַטירלעך, וואָס זיי האָבן זיך קאָנצענטרירט אויף דעם דאָזיקן צווייג פון יידישן פאָלק. אַדאַנק דער טיכטיקייט פונעם פּויליש־יידישן זשורנאַליסט מ. טורקאָוו, אַ גליד פון דער זייער שעפערישער פאַמיליע טורקאָווס, איז געשאַפן געוואָרן אַ ספּעציעלער פאַרלאַג „דאָס פּוילישע יידנטום", וואָס האָט זיך געשטעלט דריי צילן: א) צונויפטראָגן די שאַפונגען פון אָנגעזעענע יידישע שרייבער, זיי קאָנצענטרירן אין איין אָרט און זיי מאַכן אויף אַזאַ אופן ווערטפולער און נוצבאַרער פאַר די לייענער; ב) אַרויסגעבן ווערק פון מענטשן, וועלכע האָבן אַליין איבערגעלעבט די גרויסע היטלער־קאַטאַסטראָפע; ג) באַוועגן מער אָדער ווייניקער באַרופענע שרייבער צו דערציילן זייער לעבנס־גאַנג אין דער אַלטער היים און דאָס צו טון ווי אַמגיכסטן און ווי אַמאויספירלעכסטן, כדי צו פאַרפיקסירן פאַר די קומענדיקע דורות יענע לעבנס־פאָרמען, וועלכע האָבן אויסגעשמידט אַזאַ דור פון קדושים און גבורים.

מוז איך זאָגן, אַז מיר ווייזט



אויס, אַז דער פאַרלאַג, וואָס האָט שוין אַרויסגעלאָזט אַרום אַ צענדליק שיין אַרויסגעגעבענע ביכער פון אַלע דריי מינים, וואָלט בעסער געטון, ווען ער וואָלט זיך קאָנצענטרירט אויף די צוויי אָפּטיילן „א" און „ג".

איך זאָג דאָס נישט, מחמת איך שאַץ
גרינג די מאַטעריאַלן, וואָס ווערן
איצט פאַרעפנטלעכט פון מענטשן,
וועלכע האָבן אויף זייער אייגענעם
גוף און אויף זייער אייגענער נשמה
איבערגעטראָגן די ענויים קשים פון
דער היטלער־בעסטיע — חס וחלי־
לה! און נאָך ווייניקער בין איך נוטה
גרינג צו שאַצן די עטלעכע ביכער
פון דער קאַטעגאָריע, וועלכע דער
פאַרלאַג „דאָס פּוילישע יידנטום"
האָט שוין אַרויסגעגעבן. איך מיין
נאָר, אַז פאַר די צילן פון דער דאָ־
זיקער קאַטעגאָריע זענען פאַראַן
ספּעציעל געשאַפענע אינסטיטוטן
אין ניו־יאָרק און אויך אין אייראָ־
פּע און די דאָזיקע פאַרלאַגן האָבן
מסתמא גרעסערע מיטלען, ווי דער
אַרגענטינער, וועלכער וואָלט א סך



מער אויפגעטון, ווען ער שטעלט זיך
באַגרעניצטערע אויפגאַבן.

נאָר דאָס איז אגב אורחא —
אונדזער ציל איז זיך אַביסל אָפּ־
שטעלן אויף א פּאָר אויסגאַבן פון
דעם דאָזיקן פאַרלאַג, וועלכע קאָנען
דינען אַלס א ביישפּיל ווי אונדזער
כינוס־אַרבעט דאַרף אין .דער ער־
שטער ריי גיין. צווישן די שוין
דערשינענע ביכער איז פאַראַן א ניט
גרויס העפטל, וואָס טראָגט דעם נאָ־
מען „ה. ד. נאָמבערג, י. ל. פּרץ".
וואָס פאַר א גליקלעכער איינפאַל!
וואָס פאַר א שעפערישער געדאַנק!
ממש אָפּגעראַטעוועט פון שכחה צע־
וואָרפענע איבער א צענדליק צייטונ־
גען גלענצנדיקע כאַראַקטעריסטיקעס
פון פּרצן.

נאָמבערג, א בעלעטריסט, א פע־
ליעטאָניסט, א פּובליציסט און אויך
א דיכטער, וואָס האָט א פּאָר צענד־
ליק יאָר פאַרנומען גאָר אן אָנגע־
זעען אָרט אין דער ליטעראַרישער
משפּחה פון וואַרשע, איז געווען מער
ווי אינטים באַפריינדט מיט פּרצן.
און קיין שום אַנדערער פון די פיל
פריינט און תלמידים פון פּרצן האָט
נישט געקאָנט, האָט נישט פאַרמאָגט
אַזא שאַרף אויג, ווי נאָמבערג, אויף
דורכצובליקן פּרצן דורך און דורך,
זען פּרצן דעם יום־טובדיקן, דעם אָנ־
געלאָדענעם און טראָגנדיקן מיט א
נייער שאַפונג, און דעם וואָכעדיקן,
דעם באַלאָדענעם מיט שווערער קהי־
לה־אַרבעט, וואָס האָט געגעבן פּרנסה.
און די העכער הונדערט זייטלעך פון
נאָמבערגן איבער פּרצן אַלס מענטש
און פּרץ אַלס שאַפער לעבן אויף
פאַר אונדז א גאַנצע עפּאָכע — די
רייכע שעפערישע יאָרן פון אָנהויב
20סטן יאָרהונדערט. פּרץ איז דע־
מאָלס געווען אין שפּיץ פון זיין שאַ־
פונגס־ענערגיע — האָט פּרץ זיך
אַראָפּגעלאָזט אין די טיפסטע טיפע־
נישן פון דער יידישער היסטאָרישער
נשמה, א נישטער געטון אין אירע
פאַרבאָרגנסטע ווינקעלעך און
אַרויסגעשעפּט פּערל, וועלכע ער
האָט אונדז געגעבן אין זיינע „פאָלקס־
טימלעכע געשיכטן". שוין א פּופצי־
קער, האָט זיך פּרץ עפּעס ווי פּלוצ־
לינג פאַרטראַכט, פאַרטיפט, פאַר־
זאָרגט פאַרן גורל פון דער נשמה פון

זיין פאָלק, וואָס איז געווען אזוי פאַרכאַפּט פון עולם הזה־פּאָליטיק און פון עקאָנאָמישע טאָג־אינטערעסן, און פּרץ האָט דערזען דאָס נייע ליכט און געוואָרן דער שמידער פון דער נייער נשמה פון זיין דור. ווער נאָר ס׳האָט זיך אין די דאָזיקע וווּנדערבארע יאָרן געוואַרעמט אין דער אַטמאָספער פון פּרצן, האָט געמוזט האָבן עלית נשמה, האָט געמוזט דערהויבן ווערן און שוועבן אין העכערע הימלען.

נאָמבערג איז געווען נישט נאָר א תלמיד א באַגייסטערטער, נישט נאָר א פריינט און איבערגעגעבענער. ער האָט געהאַט א שאַרף קריטיש אויג און א מוח א ליכטיקן, א דורכדרינגנדיקן. דעריבער זינגט ער נישט קיין לויב־געזאַנגען דעם רבין, נאָר ער שאַצט אָפּ ביי פאַרשידענע געלעגנהייטן דעם גייסטיקן פירער פון א דור — ער שטעלט אריין פּרצן אין דער נאָרמאַלער ראַם פון א באַשטימטער צייט און פון א באַשטימטער סביבה. נאָמבערג איז נישט געווען קיין ליטעראַטור־היסטאָריקער און נישט קיין ליטעראַטור־קריטיקער. און דאָס איז דווקא גוט—מיר באַקומען דאָ נישט ליטעראַטור נאָר א לעבעדיקן פּרץ און זיין לעבעדיקע ווירקונג.

אָט גיט זיך א זאָג נאָמבערג:

„פּרץ האָט געהאַט א קנאַפּע צונגעבונדנקייט צו אידעען — ער איז געווען אַן אמתער פרייער פויגל, א דאָן־זשואַן אין דער וועלט פון אידעען. ער האָט געלעבט מיט דער לעצטער און שענסטער אידעע, וואָס האָט באַוועלטיקט זיין הארץ“.

דאָס איז אָבער נישט געווען אבי א נייע אידעע — אָ, ניין! „דאָס איז געווען א ליבע, וואָס פאַרכאַפּט, פאַרכישופט און פאַרבלענדט“ — זאָגט עדות דער בעסטער און טיפסטער קענער פון פּרצן.

די גרויסע מעלה פונעם דאָזיקן ביכל באַשטייט אָבער נאָך אין דעם, וואָס מיר באַקומען נישט נאָר א שטיק לעבן פון פּרצן, נאָר אויך פון נאָמבערגן גופא — דעם קליינעם קוועקזילבער גוף, וואָס האָט זיך פאַראייביקט אין דער יידישער ליטעראַטור מיט זיין פליגעלמאַן און; וואָס גיט אונדז אין איין אָרט אזא געפּרעסט בילד פון דער רעוואָלוציע, וואָס פיל פון אונדז האָבן אליין דורכגעמאַכט:

„אין דער פרי זענען איבער מיר נאָך געהאַנגען זיבן הימלען. איך האָב זיך געאַמפּערט, געשטאַרקט, געקלאַמערט מיט די לעצטע כוחות אָן מיין רעליגיעזער וועלט־אָנשויאונג. פאַרנאַכט איז שוין געווען נאָך אַלעמען“.

נאָר ווער ס׳האָט אליין דורכגעמאַכט די דאָזיקע בליץ־שנעלע נשמה רעוואָלוציע, וועט פאַרשטיין דאָס דאָזיקע בילד פון נאָמבערגן. אָבער

ווער פון אונדזער עלטערן דור האָט נישט איבערגעלעבט די דאָזיקע נשמה־ראַנגלענישן? ווער האָט נישט געהאַט צו קעמפן מיט דער טיף אין הארצן איינגעבאַקענער ליבע צום בית המדרש און צו זיין פאַרנעפּלט מיסטישער לופט, בעת ס׳האָט גע־

לאַקט דער כישוף פון דעם טריף־פסול־ביכל, וואָס האָט צוגעזאָגט אַזעלכע העלע הימלען און אַזעלכע וואונדערבאַרע גאולות פון פּאָלק און מענטש.

ניינצן אַרטיקלעך, נאָמבערגישע מיניאַטורן — קליינע און געפּרעסטע, אָבער יעדער פון זיי האָט עפּעס זייער ווערטפולעס, וואָס גיט אַ שטראַל מיט דער ליכט פון איינעם פון די צוויי העלדן — פּרץ אָדער נאָמבערג. און וואַרשע, די וואַרשע פון ערב דער ערשטער וועלט־מלחמה, די צעבראַסטעטע און צעפּאַטלטע פּאָליטיש און קולטורעל יידישע וואַרשע — וויפל נשמה־אָנגעלאָדנקייט זי האָט אין זיך פאַרמאָגט! מיר לייענען די אַרטיקלעך פון נאָמבערגן און פילן דעם גייסט פון דער דאָזיקער קרוין־שטאָט פון דער מאָ־

דערנער יידישער קולטור. אַ וואונדערבאַרע מצבה האָט מאַרק טורקאָוו געשטעלטביידע העלדן פון דער עפּאָכע, וועלכע וועט אריין אין דער מאָדערנער יידישער געשיכטע, ווי איינע פון די שענסטע און שעפערישסטע.

אין פּוילן זענען פאַראַן הונדערטער שטעטעלעך, וואָס דער יידישער זכר איז אין זיי פאַרטיליקט געוואָרן; — אָפּגעמעקט, ווי קיינמאָל, דוכט זיך, אין דער לאַנגער קייט פון יידישע גירושים און שחיטות.

די דאָזיקע שטעטלעך זענען געווען הונדערט פּראָצענטיק יידישע — עקאָנאָמיש, קולטורעל, שפּראַכלעך, הכלל אין אַלע פּרטים. ס׳זענען געווען אויך גויים, אָבער זיי האָבן רוימלעך־פיזיש געלעבט אויף די פּעריפעריעס, אָפּגעטיילט פון דער יידישער באַפעלקערונג, וועלכע האָט פאַרנומען תמיד די צענטראַלע גאַסן. אָפּגעטיילט פיזיש און נאָך מער גייסטיק — גאָט אליין האָט דאָך צעטיילט די דאָזיקע מענטשן! און ער קאָן צעטיילן! דער גרעסטער מייסטער פון איזאָלאַציע! צוויי באַזונדערע וועלטן — וואָס זשע פאַר אַ רייד קאָן דאָ זיין וועגן צונויפמישן זיך?!

ווי ס׳האָט געקאָנט טרעפן, אַז צוויי פעלקער זאָלן לעבן 500 און 600 יאָר און נאָך מער נעבן אַנאַנדער און בלייבן אין תוך פרעמד איינס דעם צווייטן, בלייבן צוויי אַבסאָלוט באַזונדערע גרופּעס מיט באַזונדערע רו־טעג, מיט באַזונדערע יום־טובים, מיט באַזונדערע מנהגים און פירונגען, מיט באַזונדערע שפּראַכן און קולטורן, מיט פאַרשידענע טרוימען און חלומות, מיט פאַרשידענע פאַמיליע־השגות און מיט פאַרשידענע פּאָלקס־אמונות — דאָס איז אַ רעטעניש פון אונדזער גאַנצער גלות־געשיכטע. אַ טעמע פאַר ווערק און ווערק, פאַר פאָרשער און גריבלער אויף דורות.

די דאָזיקע גרויסע רעטעניש ווערט פונדעסטוועגן אַביסל קלאָרער, ווען מען דערזעט לעבעדיק פאַר זיך דאָס פּאַנאָראַמע יידישע שטעטעלע מיט אַלע זייַנע ירושה־פונדאַמענטן, מיט זייַנע ירושה־נעסטן, ווו יונגע

יידן זענען געווען אזעלכע טרייע יורשים פון זייערע טאַטעס און זיידעס און נישט ארויסגעשפּרונגען און נישט אריבערגעשפּרונגען די היסטאָרישע צוימען, נאָר געקעמפט פאַר דעם, אז אין די דאָזיקע איינגעפונדעוועטע נעסטן זאָל ווערן די לופט פרישער, דאָס לעבן רייכער, פרייער, פארביקער.

אָט אזא שטעטעלע איז געווען סאָקאָלאָוו אין פוילן, נישט ווייט פון טרעבלינקע, מיט זיבן טויזנט יידן, פון וועלכע לעבנגעבליבן זענען אפשר א פּאָר צענדליק, אָבער פון וועלכע קיין איינער האָט זיך נישט אומגעקערט. אויסגעריסן מיטן וואָרצל — קיין זכר נישט געבליבן. נאָר ס'האָט געטראָפן א נס — א נס גדול! גאָר, גאָר א נס גדול! נאָך איידער די ערד־ציטערניש איז געקומען האָבן יידן דערפילט דעם ריח פון טויט און גענומען לויפן אין אלע עקן וועלט. און מיטגענומען מיט זיך האָבן זיי, אויב נישט אלע טראַדיציעס און אלע זאפטן פון דאָרטיקן אייגענעם אייגנארטיקן לעבן, איז יעדנפאלס דעם אראָמאט פון דאָרטיקן שבת, פון דאָרטיקן יום־טוב, פון דאָרטיקן צו תשליך גיין, פון דאָרטיקן אפּיקורס ווערן, פון דאָרטיקן א סאָציאליסט ווערן, פון דאָרטיקן דורות־המשך. א באַרג מיט בענקשאפט צו דער וועלט, וואָס האָט אזוי אָרים געלעבט און אזוי רייך געטרוימט!

האָט דער פארלאַג „דאָס פּוילישע יידנטום” אונדז צוגעטראָגן אזא מתנה אינעם זכרונות־ביכל פון גראַנאטשטיינען — א צאפּלדיק בילד פון א פּויליש שטעטל. בילדער איבער בילדער פון א וועלט, וואָס שפּאלט זיך אויף צוויי און בלייבט דאָך אין גרונט גאַנץ.

ביי נאָמבערגן איז פאראן א דראַמע וועגן דעם צעפאל פון דער יידישער משפּחה אין פּוילן אָנהייב 20סטן יאָרהונדערט—גראנאטשטיין שרייבט נישט קיין מעשה, נאָר רופט אָן נעמען און דערציילט, ווי מען צערייסט די משפּחה אויף שטיקער. זעען מיר אָבער די גאנצע צייט, אז מען רייסט און מען רייסט און דאָך בלייבט אין תוך די נעסט גאַנץ. דאָס איז געווען דאָס אייגנארטיקע פון יידישן לעבן אין פּוילן, ווו, ערשטנס, זענען די יידישע וואָרצלען געזעסן טיף, און ווו, שנית, די השכלה און די עמאנסיפּאציע זענען געקומען שפּעט, ווען מען איז שוין געווען קליגער און מען האָט שוין פארשטאנען, אז נישט אנטלויפן דארף מען, נאָר רייניקן, ארייַנלאָזן פרישע לופט, אָבער דער בנין גופא דארף בלייבן.

אין שטעטל איז געווען א ישיבה און בחורים האָבן פלייסיק און היציק געקנאקט די גמרא, אָבער די ווינטן, שוין נישט קיין פרעמדע, נאָר אייגענע, אָבער שפּאָגל נייע, ווי ציוניזם, סאָציאליזם, האָבן זיך אריינגעריסן און צעמישט נישט נאָר די

בלעטער פון די גמרות, נאָר אויך די מוחות פון די לערנער. דער עלוי — דער זון פון א בעקער— איז געווארן א ציוניסט! אין סאָקאָלאָוו איז דאָס נאָך אין 20סטן יאָרהונ־

דערט א בראָך אין דער פאמיליע! גראנאטשטיין גיט זייער לעבעדיק איבער, ווי דער שארפער גמרא־מוח ווארפט אריין זיין גאנצן ברען, זיין גאנצע ליידנשאפט אין דער אויפלעבונגס־באוועגונג. דער יצא לתרבות רעה איז גאָר אין דער אמתן א פרומער ייד — פרום נישט רעליגיעז, נאָר נאציאָנאל. א נייע פאָרם פון פרומקייט, וואָס נעמט איבער די גאנצע ירושה, געטריי, איבערגעבן, נאָר מיט נייע צילן און מיט נייע האָפענונגען! ווייבער הייבן אָן רעדן, אז אין דער אמתן דינט ער דאָך ווידער טאקע דעם יידישן גאָט! וואָרום וואָס פאר א זאָרג האָט דען דער רבונו של עולם, אויב נישט די גאולה פון זיין פאָלק ישראל?!

זייער א גוט ביכל! א ווירדיקע מצבה דעם פויליש־יידישן שטעטל! הלוואי נאָך א פאָר צענדליק אזעלכע זכרונות מיט אזא שפע קאָלירן פון א וועלט, וואָס איז פארשניטן געוואָרן.

פאר דעם מאָל גענוג — אפשר וועלן מיר זיך נאָך צוכאפּן צו די איבעריקע ביכלעך, וועלכע פארדינען געוויס גרויס אויפמערקזאמקייט.

✡

פנחס ביזבערג שרייבט וועגן אלחנן צייטלינס בוך „אין א ליטעראַרישער שטוב״ פאָלגנדיקע באטראַכטונגען („דער שפּיגל״, בוענאָס איירעס, נאָוועמבער 1946):

אזוי האָט געזונגען זיין איכה־ליד דער לעצטער פון דער משפחה צייטלין, אהרן, וואָס האָט אַ געראַטעוועטער אין ניו־יאָרק געהאַט די שוידערלעכע אנונג און די ביטערע נביאות פון דעם וויסטן פינסטערן סוף פון פוילישן יידנטום. פויליש יידנטום, ווער איז בכח צו באַוויינען דיין בראָך און נוער קען שילדערן דיין גרויסקייט! ימים טרערן וועלן נישט קענען טריסטן אונדז נעבעכדיקע איבערגעבליבענע שיפסברוכיקע, צעזייטע און צעשפּרייטע איבער דער גרויסער ברייטער און אזוי ענגער וועלט; פויליש אידנטום, וויפל ליבגעזאַנגען מ'זאָל דיר נישט זינגען, וויפל מ'זאָל דיר נישט נאָכזאָגן שבחים, וועט דאָס אַלץ נישט זיין גענוג פאַר די שבת־יום־טובדיקע אצילותדיקע יידן, פאַר די יידן מיט בערד און אָן בערד, מיט יידישע היטעלעך און לאַנגע יידישע זשיפּעצעס, יידן מיט קאַפּעלושן און קורצגעקליידעטע, — יידן, וואָס האָבן געלערנט, געאַרבעט, געהאָרעוועט, געליטן, געקעמפט, געלעבט בכבודיק, געזונגען, געשאַפן, געבויט, געחלומט. אך, פוילישע יידן, טייערע מיינע, אויף שיינער פוילישער ערד, אויף שפּעדיקער פוילישער ערד און אויף פאַרסמטער פוילישער ערד! וויפל שמייכל, וויפל פרייד, וויפל מענטשלעכקייט, וויפל געטלעכקייט האָט איר אַריינגעזונגען אין די סאָסנאָווע פוילישע וועלדער, אין די פוילישע ברייטע שטראָמיקע טייכן; פוילישע יידן, וויפל שכנישע גוטסקייט האָט איר געהאַט אין אייערע גאָטספאָרכטיקע הערצער, פאַר די יאַנעקס, וואַצעקס, סטאַניסלאַווס, מאַטשעקס, מיט וועמען איר האָט געטיילט און זענט גרייט געווען תמיד צו טיילן ליידן און פריידן במשך פון אייער איבער טויזנט יאָר ווינען, דאַוונען, זינגען, לערנען תורה, בויען, פלאַנצן, אַרבעטן אויף דער דאָזיקער היימישער הערלעכער פּוילייער ערד.

פוילישע יידן, היילִיקע יידן, מיט ליבשאַפט, אָפּנהאַרציקייט, גרייטקייט צו דינען און זיך מקריב זיין האָט איר תמיד, בכל יום ויום באַגעגנט אייערע פוילישע שכנים; מיט דעם פולסטן צוטרוי, אָן שום מורא, אַז ס'וועט חלילה אייך עפּעס געשען אויף דער דאָזיקער רייכער, פּרוכפּערדיקער און גאַסטפריינטלעכער ערד, — האָט איר מגדל געווען אייערע קינדער לתורה, לחופּה ולמעשים טובים.

אַזוי האָט דאָס טאַקע געדאַרפט זיין. טויזנט־יעריקע שכנים האָבן זיך גוט געקענט, זיך איינגעלעבט. די אָנגעכמורעטע קאָשציאָל־גלאָקן האָבן ווי ס'איז נישט געקענט פאַרטראָגן די באַשיידענע יידישע זמרלעך.

און צוריק געשמועסט איז פוילן דען נישט געווען אויך יידישע ערד? דאָס רעכט פון חזקה. טויזנט יאָר וווינען, לעבן און שטאַרבן אויף איין ערד, איין הימל איבערן קאָפּ; טויזנט יאָר זענען געגאַנגען יידישע תפילות צו די שערי־שמים וואָס געפינען זיך איבער פוילן; טויזנט יאָר — דורות געבוירן, דורות מקבר־געווען; טויזנט יאָר, יידישער טראָט איבער פוילישע וועגן; טויזנט יאָר יידישע שילן איינגעהילט אין לעגענדעס; טויזנט יאָר יידישע מי, יידישער פליים, יידישער האַנדל, יידישע בעלי־מלאכות, יידישע פאַבריקן; טויזנט יאָר האָבן יידן באַשיכט, באַקליידט, באַשיינט זייערע שכנים...

און דאָך האָבן אונדזערע נעכטיקע שכנים, ברידער פון איין ערד, מיט אַ גרינג געמיט געהאָלפן איבערענטפערן אונדזער פאָלק אין די הענט פון דעם צורר להשמד ולהרג.

פוילישע יידן, טייערע יידן, גאָר ווינציקע זענען געבליבן פון אייך. פאַרוואָגלטע וואַנדערער, מיט דער פראַגע אין די אויגן מאין יבא עזרי?

און מיר, דער שארית־ההרגה מוזן טראָגן אויף אונדזערע פּלייצעס דעם **יאָך פון געדענקען**; דאָס איז אַזאַ חוב וואָס מוז ווערן געצאָלט תיכף ומיד; און פון די זעקס מיליאָנען קדושים וטהורים ווערן באַזונדערס אָפּגעטיילט די גדולים און אנשי־המעשה, די ר' חנינא בן תרדיונס אויף פוילישער יידישער ערד, וואָס זענען געוואָרן פאַרברענט איינגעוויקלטע אין די יריעות פון די ספרי־תורות.

שוין דאָס זיבעטע ספר, — מיר קוואַליפיצירן עס אין דער קאַטעגאָריע פון של נעליך מעל רגליך, הייליקע אותיות פורחות, — וואָס עס גיט אַרויס דער צענטראַל פאַרבאַנד פון די פוילישע יידן אין אַרגענטינע. שטייט באַזונדער אלחנן צייטלינס בוך „אין אַ ליטעראַרישער שטוב", וואָס איז גלייכצייטיק געהייליקט דעם מנהיג פון פוילישן יידנטום, ר' הלל צייטלין און זיין אומגעקומענער משפחה, ווי אַ דערמאָנונג פון אַ גלאַנציקער עפּאָכע פון פוילישן יידנטום.

מ'דאַרף געבן אַ מאַך צו די אויגן און זיך פאַרטראָגן מיטן רעיון צו דער גאָלדענער עפּאָכע פון פוילישן יידנטום, דער אָנהייב פון דעם דאָזיקן יאָרהונדערט, אין דער תקופה פון סאַמע וווּנדערלעכסטן אויפשוונג פון דער יידישער ליטעראַטור. בכל יום ויום איז דאָך געווען מעשי־בראשית, דאָס געבוירן ווערן פון נייע טאַלאַנטן, דערציילער, פּאָעטן, נאָוועליסטן, עסייאיסטן. געבוירן האָט זיי די פּרוכפּערדיקע סביבה פון רוסישן יידנטום און דערנערט האָט זיי די אַקומילירטע גייסטיקע שפע פון פוילישן און ליטווישן יידנטום, אַ מעין המתגבר, וואָס מער מ'האָט געשעפּט, וואָס

מער איז צוגעקומען פון פרישן לויטערן קוואַל.

די ליטעראַרישע שטוב, וואָס עס שילדערט מיט אַזאַ פאַרליבטקייט דער קדוש אלחנן צייטלין איז דאָך געווען נישט מער ווי אַ דערהויבענער פונקט, אַ באַזונדערע וואַריאַציע פון די צענדליקער טויזנטער־ערטער פון תורה. איז דען נישט כמעט יעדע יידישע שטוב געווען אַ מקום של תורה, האָט דען נישט אין יעדער יידישער שטוב אין מדינת פוילן וליטא דאָס ספרים־שענקל פאַרנומען דעם אויבנאָן, זענען דען נישט די בתי־מדרשים, די חסידים־שטיבלעך געווען אַ מין בית־ועד־לחכמים; און די אומצאָליקע קלובן, ביבליאָטעקן, טויזנטער פריוואַטע שטיבער, ווו מ'האָט געלערנט, געלייענט, געזונגען, גערעדט דברי־תורה.

אָבער די ליטעראַרישע שטוב איז אַן איינציקע, אַ יחידה במינה. דאָרטן איז דאָ ר' הלל צייטלין, דער סופר נכבד מיט די גרויסע ברעמען און לאַנגער באָרד, דער עולם־האצילותדיקער ייד, וואָס וויל אַז די יידן זאָלן כסדר זיין דער עם קדוש, זיי זאָלן לעבן אין קדושה וטהרה; דאָרטן איז דאָ דער ייד ר' הלל, וואָס רעדט מיט דעם דערהויבענעם לשון פון זהר הקדוש, וואָס זוכט די סודות פון דער אדרא זוטא און אדרא רבא, וואָס קעמפט קעגן דער סכנה פון פראָסטער וועלטלישקייט, וואָס חלומט פון ליכטיקן טאָג פון דער גאולה, וואָס וועט קומען דורך דער אתערותא דלעילא; אין דער ליטעראַרישער שטוב איז דאָ ר' הלל דער קעמפער, דער קריגער, וואָס פירט אַן מחלוקתן לשם שמים, וואָס שרייבט בריוו צו דער יידישער יוגנט, וואָס גורט זיך אָן די לענדן צו קעמפן קעגן דער געפאַר פון אויסגעליידיקטקייט, קעגן די אויסגעליידיקטע אָן גייסטיקן אינהאַלט, שטורעמט קעגן אַ שמץ פון הפקרות; די סכנות לויערן פון אַלע זייטן, מ'קען נישט און מ'טאָר נישט מאַכן קיין שום קאָנצעסיעס, נישט אָנרירן די יסודות, די עיקרים!

הלל צייטלינס שטוב — אַן אָפּענע שטוב, פאַר יעדן, יאָ מסכים, נישט מסכים, אָבער דער יראת־הכבוד איז דאָ פאַר דעם סופר וואָס פירט אַן מחלוקתן לשם שמים. קומען אַלע יידישע שרייבערס צו דעם דאָזיקן פעלזיק־שטאַרקן יידן, אַלע פון יענער גאָלדענער עפּאָכע פון דער יידישער ליטעראַטור, די גרויסע אָנערקענטע און די וואָס האָבן זיך ערשט געהאַלטן אין אויספּיקן. צווישן זיי זענען דאָס געווען די יינגעטשקע זין פון דעם גרויסן טאַטן: אהרן און אלחנן.

פאַרמאַך די אויגן און זע דאָס הויז אויף שליסקע־גאַס, זע די דאַטשע יוזעפאָוו, זע אַריבערטרעטן די שוועל: שלום עליכמען, ספּעקטאָרן, ביאַליקן, פרישמאַנען, קאַצענעלסאָנען, נאָמבערגן, זע די פּרילוצקים, גנעסינען, ר' מרדכילען, זע די ווונדערלעכע פּלעיאַדע פון די יידישע שרייבערס אונזערע מיט צייטלין: אברהם רייזען, מוקדוני, קאַגאַנאָווסקי, טונקעלער, שניאור, מאַסטבוים און נאָך און נאָך, — וועט דאָס בוך „אין אַ ליטעראַרישער שטוב" מיט אלחננס ציטעריקע לידער, זיין פאַר דיר אַ הייליק בוך, און וועלכן דו וועסט מעין זיין אין דערהויבענע מאָמענטן. אפילו אין די שיחת־חולין פון תלמידי חכמים איז פאַראַנען קדושה.

און דערצו די בילדער אין דעם ספר און לאָמיר באַנוצן ווי אונטערשריפטן אונטער זיי ווערטער גענומען פון אהרן צייטלינס נאָכוואָרט:

הלל צייטלין, „גרויסער הייליקער ייד".

אסתר צייטלין, „געטרייע טויב, שטילע צדיקת".

טאַליא בייטלין פון הויז פּערל־מוטער, „מלאך פון שיינקייט און לעבשאַפט״.

צבי דוב צייטלין, אהרנס זון, „קעניגלעך שיין ווי די מאַמע״.

אלחנן צייטלין, „פון קינדוויז אַן אַ זינגענדיקער״. (פון חסידישן יחוס).

רעניא צייטלין, „די שיינע, שלאַנקע עלעגאַנטע״.

און די קינדער דוד, אדאש, צוויי געזונטע שיינע יידישע בחורים.

און ס'ענדיקט אהרן צייטלין, דער לעבנגעבליבענער, „און איך, אלחנן, איך דריי מיך נאָך אַלץ אַרום דאָ אונטן און מאַך ווערטער...״

וועגן אַלע ענינים, וואָס האָבן אַ שייכות מיט דער ביכער־סעריע „דאָס פּוילישע יידנטום״ זיך ווענדן:

Unión Central Israelita Polaca en la Argentina

Pueyrredón 667 Buenos Aires

דאָס בוך האָט זיך געענדיקט דרוקן דעם
23סטן מערץ 1947 אין דער דרוקעריי
„ה יי מ אַ ן" —·פּאַסטעור 333
טעלעפאָן 7752 - 47. בוענאָס איירעס.

Este libro terminóse de imprimir
el día 23 de marzo de 1947 en los
Tall. Gráficos HEUMAN, Pasteur 333
U. Teléf. 47 - 7752 - Buenos Aires